STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00963

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

Permanent preservation of this book was made possible by
Edna & Arthur Rogers
in memory of
their parents, Anna & Abraham Goldberg & Minnie Rogovsky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מ. שטיינס פארלאג
שיקאגא

פ. בימקא

געקליבענע ווערק

צווייטער באנד

דראמען

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

מויערן

דראמע אין דריי אקטן

מיט א פראלאג און עפילאג

2636

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

ס׳איז בפירוש נישט דערלויבט צו שפילן אין יידיש
אָדער אין אַן אַנדערער שפּראַך — דורך קיין שום
טעאַטער אָדער וועלכער ס׳איז אָרגאַניזאַציע אויף
דער גאַנצער וועלט, — איידער מ׳פאַרשטענדיקט זיך
מיטן מחבר.

די רעכט אויף אַלע פּיעסען זענען געשיצט דורכן אויטאָר.

Copyright by F. Bimko, New York.

אַנפרעגן אין אייראָפּע ביי:

Łazar Kahan, Warszawa, ul. Nowolipki 32, m. 13.

און אין אַמעריקע:

M. Ceshinsky, 2720 W. Division Street, Chicago ILL.

Printed in Poland

F. Bimko. Dramaty.

Druk. A. Rozensztajn, W-wa, Mławska 5, tel. 11-53-62

עס שפּילן :

קאָפּל-עקיבא.

טויבע, זיין ווייב.

מאַטעס, אַ זון.

עטל, אַ טאָכטער.

וועלוול, אַ זון

מילקע, אַ טאָכטער.

פרוי עפנער

דר׳ עפנער, איר זון.

אריה

ר׳ יאָשקע באַלעבאַטים

ביינוש

אַ געל ווייבל.

אַן אַלטע יידענע.

בעל-עגלה-יונג.

אַ שניט-קרעמער.

ערשטער אַלטער ייד, צווייטער אַלטער ייד, ס׳ערשטע ווייבל, צווייטע ווייבל, דריטע ווייבל, ערשטער יונג, צווייטער יונג, ערשטער ייד, צווייטער ייד, דריטער ייד, פירטער ייד, אָרימאַן, בעטלערין, ערשטער אָרימאַן, צווייטער אָרימאַן, דריטער אָרימאַן.

סתם אָרימעלייט, יידן, בעטלער, ווייבער, מיידן, כלי-זמרים.

פראלאג

די שטאָלער ראָגאַטקע. אַ ברייטער ווייסער טראַקט, עטוואָס אין פעלד אַריין, — קאָפּל־עקיבאס גאַרבעריי; אַ נידעריק הילצערן הייזל, אַריינגעוואַקסן אין דרערד, אַ מפּולת.

שטריק זענען פאַרצויגן אויף הילצערנע פלעקער, אויף וועלכע עס טרוקענען זיך פעלן; פעסער אַריינגעגראָבן אין דרערד, אַ באַרג דאָמב, אַ הויפן ווייסע קאַלך־שטיינער.

רעכטס: אַ פּראָנטאָווע וואַנט פון אַן איינפּאָר־הויז. אַ לאַמטער ברענט. אַ ברייט טויער. אַ פערד שטייט אָנגעבונדן.

העכער מיטן וועג ליגט אויסגעשיט דאָס שטעטל, אין מאָדנע געמיטלעכע שטילקייט. אַ שפּיץ קלויסטער, אַ דריי־גאָרנדיקער דאַך פון אַ שול, — קוקן אַריבער איבער די שוואַרצע און פוילע דעכער פון נידעריקע און העכערע הייזער.

קאַפּל-עקיבא

אין אָפּגעטראָגענע הויזן, שטיקער פון שיך אויף די פיס, אַ ברייטן טלית-קטן אויפן העמד, אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, — מאַכט אָפּ פעל

גאַנצע נעכט ווי כ'ליג אין די פּעסער דאָמב, און קאָן פון זיי קיין שטיקל ברויט נישט אַרויסברענגען, אַ קאַרג שטיקל ברויט.

אַ בעל-עגלה

קומט אַרויס פון אײַנפאָר-הויז, פרעגט

אַ גאַרבער?

קאַפּל-עקיבא

נענטער

אַ גאַרבער.

בעל-עגלה-יונג

ווייזט אויפן פערדל

אַ בעלן אויף די פעל?

קאַפּל-עקיבא

דערשראָקן

וואָס איז אויפן פערד?

בעל-עגלה-יונג

זי דיר אַוועקגעבן אַ מציאה.

קאַפּל-עקיבא

ווילסט פּטור ווערן פון די שקאַפּע? מיט חשד איר אַרויסגענומען פון אַ שטאַל?

בעל-עגלה-יונג

אַ בלינדע קאָבילע; איצט נאָך לאָם געוואָרן אין וועג, — וואָס וועל איך מיך אַרומטראָגן מיט איר?...

קאַפּל-עקיבא

כ'האָב נאָך נישט געקויפט קיין פעל, וואָס ס'פערד האָט זי אויף זיך געטראָגן.

בעל־עגלה־יונג

און אַז כ'וועל איר אָוועקלייגן, דו זאָלסט איר אָפּשינדן?

קאַפּל־עקיבא

כ'שינד נישט קיין נבלות.

בעל־עגלה־יונג

כ'וואָלט זי דיר אָפּגעשינדן אויכעט, נאָר כ'האָב נישט ווען; כ'מוז זיין באַגינען אין קעלץ, אויפן פערד־מאַרק; אויב אָוועקלייגן בלויז, — איר געבן מיט אַ ליפּע האָלץ איבערן קאָפּ, דו זאָלסט איר קאָנען האָבן אַ טויטע...

קאַפּל־עקיבא

כאַפּ דיך בעסער אַריבער צום היצעל, נישט ווייט פונדאַנעט, אַ הונדערט טריט מיט דעם פּוילישן וועגל, — ער וועט זי ביי דיר צונעמען ווי זי גייט און שטייט, און שוין איר רעכטס טון; איך אַליין, קיין נבלות שינד נישט; און אַ פעל, וואָס איז נאָך ביים פערד אויפן לייב, — נישט געקויפט...

בעל־עגלה־יונג, — אָפּ.

קאַפּל־עקיבא

רופט אים צוריק

הער נאָר, דו, ווי מ'רופט דיך דאָרט... בעל־עגלה־יונג קערט זיך אום. פאַררוף דיך אויף מיר ביים היצעל, כ'זאָל קאָנען ביי אים האַנדלען מיט אַ גילדן צוויי ביליקער די פעל... נעמט זיך צוריק אַרבעטן.

טויבע

קומט אַרויס

דער טאָג איז פאַרן קליין; אַזאַ זומער־טאָג, וואָס מ'קאָן אין אים אָוועקטון, מוז ער נאָך ביינאַכט אויכעט גאָרען מיט די פעל; ביז ער וועט אָוועקפאַלן פון די כוחות ביי זיי...

קאַפּל־עקיבא

כ'ברויך שוין נישט אָוועקפאַלן...

טויבע

אַ טאָג ווי אַ יאָר, און קומט נישט אויס מיט אים.

קאָפּל-עקיבא

וואָס זאָל איך טון? כ׳קאָן דאָך מיך נישט צעררייסן.

טויבע

כ׳האָב אַ סך פון דיין אָוועקברענגען זיך: וואָסער אויף קאַשע

קאָפּל-עקיבא

ביטסט דיך אַרויסגעקומען קריגן מיט מיר?

טויבע

האָסט ווייניק, און כ׳ברויך מיך נאָך קריגן מיט דיר? כ׳האָב דיר געוואָלט אַרויסברענגען אַ שיסעלע גריץ, נאָר כ׳וויל: זאָלסט פריער אַרויסגיין צום וועג, — דיך אומקוקן וואו מילקע איז?

קאָפּל-עקיבא

שלאָפט נאָך נישט?

טויבע

נישטאָ גאָר אין שטוב.

קאָפּל-עקיבא

לייגט אַוועק די פעל

כ׳וועל גראָ ווערן ביי די מויד. *גייט אַוועק און קערט זיך אום* דו וועסט אָפּמאַכן פאַר מיר די צוויי קאַלב-פעלעכלעך, טויבע. *אָפּ.*

טויבע

זעצט זיך צו די פעלן.

שניט-קרעמער

קומט-אָן

אינם אָרט קאָן מע גלייך דערקענען די לייט, וואָס האַלטן זיך דאָ אויף; אַ שיין לאָך, מ׳קאָן נישט זאָגן.

טויבע

איר דאַרפט ווענען האָבן?

שניט-קרעמער

ווער זענט איר?

טויבע

דעם גאַרבער לעקיש-בערס ווייב.

שניט-קרעמער

ברויך איך אייער זון.

טויבע

כ'האָב צוויי זין; וועלכן מיינט איר: דעם ייִנגערן אָדער דעם עלטערן?

שניט-קרעמער

כ'וואָלט זיי געזען, — וואָלט איך געקאָנט וויסן.

טויבע

רופט

וועלוול! מאַטעס!

מאַטעס

קומט אַרויס

וועלוול שלאָפט.

שניט-קרעמער

פאַר זיך

טאַקע אים מיר אַזוי אָנגעמשלט.

מאַטעס

ווער באַדאַרף מיך?

טויבע

דער ייד האָט עפּעס צו דיר.

שניט-קרעמער

פּלאַצט אַרויס

מ'האָט מיך באַגנבעט! בדלות געשטעלט! פרעמדע מענטשנס געלד...

מאַטעס
פּינצטער

אַז מ'האָט איך באַגנבעט, — קומט איר מיר אַריינוויינען אין קאָפּ אַריין?

שניט-קרעמער

די גאַנצע שטאָט וויל גיין שווערן, אַז דו האָסט עס מיר געטון.

מאַטעס

איך?

שניט-קרעמער

דו ביסט דאָך דער איינציקער גנב אין שטאָט.

מאַטעס

אַז כ'וואָלט עמעצן געוואָלט גיין באַגנבענען, — שוין נישט געהאַט קיין גרעסערן גביר זיך אויסצוקלויבן, נאָר איך?

שניט-קרעמער

כ'בין מיך אַראָפּגעקומען פאַרגלייכן מיט דיר; און באופן זה, — זאָלסט קיין עולה נישט האָבן.

מאַטעס

גייט בעסער, ר' ייד, צו יענעם, וואָס האָט אייך צום קאָפּ געזען, — און רעדט אייך פאַר אים אויס ס'האַרץ.

שניט-קרעמער
האַלט זיך ביי ס'זייניקע

ס'ביסל שניט-סחורה, אַז דו זאָלסט עס גיין אָפּזעצן ערגעץ אַנדערש, וועט מע דיר, אסור, — קיין צעבראָכענעם דרייער נישט געבן; שטיקלעך, ברעקלעך, הוילע רעשטלעך... און אַזוי, אַז ס'ליגט ביי מיר, — צייך עפּעס דערפון אין די מאַרק-טעג, אויף ירידים, אַז כ'פאָר; האָב חיונה...

מאַטעס

מאַמע, צוואָס האָסטו מיך גערופן?

ט ו י ב ע

דו הערסט דאָך

ש נ י ט - ק ר ע מ ע ר

לאָזט אים נישט אָוועק

על כּל פּנים: מעג איך דאָך האָבן דעם זעלביקן זכות צו די גנבה, — וואָס אַן אַנדערער? כ'באַשטיי דיר צו געבן וויפיל יעדער איינער, פאַר איר; און אַ תּקיעת-כּף, — ס'וועט פון מיר נישט אַרויסקומען. כ'וויל דאָס אַליין ביי דיר אָפּקויפן, גוט?

מ אַ ט ע ס

איר ווילט מיר קומען אויפס קאָפּ? נישט געטראָפן ס'אָרט, פעטער.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

מ'הערט אים

ווי לאַנג כ'וועל נאָר האָבן כּוח צו שאַפן איבער דיר, וועל איך דאָס נישט לאָזן; די פיס דיר אונטערהאַקן. טרייבט אָן מילקען, וועלכע קוויטשעט ביי אים אין די הענט.

ט ו י ב ע

קאַטעווע ס'פעל, לעקיש; שינד די הויט.

מ אַ ט ע ס

נעמט אים אַוועק

ער האָט שוין עפּעס אָנגעקריגן, דער פּגע.

מ י ל ק ע

באַהאַלט זיך הינטער מאַטעסן

מאַמע, שוואַמע.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ביז נאָך ה בע כט מיט שקצים אין די פעלדער, וועסטו אַרומהיליען?

מ י ל ק ע

טאַטע איז אַ שמאַטע.

קאָפּל-עקיבא

וואָס בין איך אין דיינע אויגן.

מילקע

טאַטע-שמאַטע,
קילעוואַטע,
פּאָ-פּי-לאַ-טע...

מאַטעס

גיט איר אַ וואָרף

גיי, לייג דיך אַריין, כאָליעען.

מילקע

טאַטע-שמאַטע,
קי,לע-וואַ-טע,
פּאָ-פּי-לאַ-טין, אאַז.

קאָפּל-עקיבא

שפּעטער מיר סיי-ווי-סיי די אויגן אויסדליבען, אַז זי וועט קאָנען.

מאַטעס אָפּ.

טויבע

שאָקלט מיטן קאָפּ

דער יונג וועט איר שוין גוט אויסשטעלן.

קאָפּל-עקיבאַ

נישט ביי מיין לעבן.

טויבע

אַז דו זעסט דיך נישט אַרום, — ס מיידל גייט באָרוועס, און האָט זיך נישט מיט וואָס די חרפּה צו פאַרדעקן.

קאָפּל-עקיבא

ב'קאָן איר נישט געצווּגן טון, נו? אַז פון די פעלן איז אויף קיין ברויט נישטאָ, נו?

טויבע

וועט איר מאַטעסל שוין אויפטון, ווי אַזוי מ׳קאָן האָבן אַ לייכטן גראָשן אויף שמאָכטעס..

קאָפּל-עקיבא

גיט זיך אַ וואָרף

דו זעסט די האַק?

שניט-קרעמער

פלוצלינג

אַ ייד, אַ גזלן?

קאָפּל-עקיבא

אראָפּגעפּאַלן

ווער זענט איר, ר׳ קרוב? לייגט אַוועק די האַק אַ קונה אויף פעל? איר קויפט לעדער?

שניט-קרעמער

כ׳בין מיך אַראָפּגעקומען פאַרגלייכן מיט אייער זון.

קאָפּל-עקיבא

איר האָט אַן עסק מיטן?

שניט-קרעמער

כ׳ווייס: ווי כ׳זאָל דאָס אָנרופן?

קאָפּל-עקיבא

מיך געוועזן קומען פרעגן, וואָלט איך אייך געזאָגט: ס׳וועט אַ שאָד זיין אייער גיין; בחינם האָבן אָפּגעלייגט אַ וועג.

שניט-קרעמער

אַז כ׳וועל אים אָרנטלעך בעהאַנדלען; באַצאָלן ביז איין פּרוטה פאַר די מלאכה זיינע; מער געבן, וויפיל ער וועט דערפאַר ערגעץ אַנדערש איינ נעמען; כ׳זע אַליין איין: ס׳קומט אים!... מה כולה האַ? ס׳אַ גוט שטיקל אַרבעט, מ׳קאָן נישט זאָגן; נישט אָנגעטון קיין שאָדן, וואָס דאָס איז; חוץ, וואָס ער האָט אַרויסגענומען די סחורה, — זעט מע

ניׅשט קיין ראַץ אויף די שויב ; דאָס שלאָס אין די טיר נישט איבער־געדרייט.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ר׳ קרוב, דער יונג, אַז ער נעמט, — איז אַלץ איינס ווי די ערד וואָלט צוגענומען.

ש נ י ט - ק ר ע מ ע ר

שווצרט זיך

כ׳גיב אים תּקיעת־כּף.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַז מ׳וויל אַרויסקריגן אַ שטיק פלייש ביי די קאַץ פון מויל, מוז מע איר אָנטרעטן אויפן קאַרק, און וואַרגן ; מיט גוטן ביי איר גאָרנישט אויס־נעמען...

אין שטאָט נעמט דער גלאָק אויף דער טומאה מוראדיק קלינגען.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

צעטומלט

ס׳ברענט ערגעץ.

ש נ י ט - ק ר ע מ ע ר

צערודערט

ביינאַכט אַ פייער, — איז נישט קיין באַטעמטער ביסן ; מ׳ברויך זיך אַהיימגיין אומקוקן אויפן איבריקן ביסל בעטל. אָפּ.

פון הינטער די כמאַרעס אויפן הימל, שווימט מיטאַמאָל אַרויס די לבנה, — אַ בלוט־רויטע.

די טירן פון איינפאָר־הויז מאַכן זיך ברייט אויף, און כלערליי מענטשן קומען אַרויס, — שטעלן זיך קוקן.

אַ ג ע ר ע ד ע ר יי:

— אַ רויטע לבנה.

— אַ שלעכטער אָנזאָג.

ס׳באַטייט אויף מלחמות.

מאַטעס, מילקע

שטעקן ביידע אַרויס די קעפּ דורכן פענסטער.

פּאָרהאַנג.

ערשטער אקט

בײַ קאָפּל-עקיבאַן אין הויז.

אַ גרויסע פּאַרצײַטיקע שטוב.

נײַע מעבל-שטיקער אַרײַנגעשטעלט, וואָס פאַרנעמען ס'אויג.

גרויסע פּאָרטרעטן מיט זילבערנע און גאָלדענע רעמען, שפּיגלען.

איידער די פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, הערט מען זינגען:

אויף די גרינע פעלדער און וועלדער,
אוי-ווײ, אוי-ווײ.

אויף די גרינע פעלדער און וועלדער,
ליגט אַ געהרגעטער זעלנער,
אוי-ווײ, אוי-ווײ.

טויבע

זיצט און פליקט א הינדל.

עטל

קומט פון די אנדערע שטוב, א רויטן קרייץ אויף דער האנט, — נעמט אנ־
שטעלן א פולן טיש מיט דאקטארישע כלים

נישט געהאט קיין אנדער ארט וואו זיך צו באזעצן מיט דעם? דער
טאטע קומט גלייך אריין, און ס׳וועט זיך טון חושך.

טויבע

וואו דען זאל איך מיך אהינטון דערמיט? ער איז דאך אין אלע ווינ־
קעלעך...

עטל

גיב דאס עמעצן אנדערש צו טון; און אליין, — גיי נעם אויף זיך
עפעס א שטיקל קליידל, א פאר לייטישע שיך, ס׳פעלט דיר?

טויבע

אנגעכמורעט

זוכן געפעלן צו ווערן קאפל־עקיבאן; זיך אויסשטראנצן פאר אים; אנ־
טון א פוטער־פעסל אויף די נאז...

עטל

אויב נישט קיין פוטער־פעסל, — קומט שוין אזוי ארומצוגיין, און אין
אזא הולך?

טויבע

מיר אפילו לאזן אנשטיקעווען הערנער אויפן קאפ, — זיך אלץ בעסער דא
נישט צופאסן; כ׳בין נישט געבוירן דערצו...

עטל

דאס מעבל, דער שטייגער לעבן, מיט דיין מעמד, — ס׳אי נישט קיין
פאר, מאמע; און וואס ר׳זאל נישט זאגן, — באלד נישט אומגערעכט,
דער טאטע.

ט ו י ב ע

כ׳האָב מיך אויפגעהערט אויסצוטויגן פאַר קאָפּל־עקיבאן; זינט לעקיש־בער איז באַגליקט געוואָרן, — בין איך אים קליין אין די אויגן; זעט ער מיך נישט אַרויס; אַ האַלב לעבן מיטן אַדורכגעשטופּט אויף די שטאָלער ראָגאַטקעס, און נישט געהאַט צווישן זיך קיין צוויי ווערטער אויסצורעדן; אַצינד, ווי כ׳זאָל מיך נישט פאַרדרייען, — שניפּט ער מיט די נאָז; כ׳גיי גיך, זאָגט ער: כ׳צעררייס די שיך; כ׳גיי פּאַמעלעך, זאָגט ער, — כ׳קריך.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

פון די אַנדערע שטוב

עטל! עטל־שי! קומט אַריין, פאַרבונדן ביידע הענט די הענט! האָסט דאָך מיר געוואָלט איבערבינדן די הענט! אַ בליק טון, זען: צי ס׳היילט זיך?

ע ט ל

אויפגערוימט

אַ מינוטקעלע, טאַטע.

ט ו י ב ע

די הענט שטייען אים נישט אָן.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

יו אַליין שטייסט מיר אויכעט נישט אָן.

ט ו י ב ע

נו, ווייסטו נישט: וואָס מ׳טוט?

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

אַ שטיק ווייב, מ׳זאָל באַהיט ווערן.

ע ט ל

ש־ש־ש.. דער כּעס עטט אויף ס׳געזונט מיטן לעבן, טאַטע.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

ס׳געזונט האָב איך שוין ביי איר אויפגעגעסן; אַצינד נאָך ס׳לעבן אויכעט אויפעסן.

טויבע

אַ מענטש קאָן אײַנפּאַלן: זיך צו װעלן אײַנטוישן די הענט? אים אפשר ס׳פּנים אויכעט געקאָנט איבערניטשעווען? טראָגט שוין צו לאַנג, ס׳איינע פּנים, מײַן מאַן...

קאָפּל - עקיבא

נישט בלויז ס׳פּנים, נאָר דיך אַליין אויכעט.

טויבע

און געקאָנט געהאָלפן װערן מיט אַן אַנדער װײַב...

קאָפּל - עקיבא

אָנגעדראָלן

גר-אַ-טש!

טויבע

לעקיש-בער אים גערופן; מ׳זאָל אַזוי לעבן, עטלשי, — װי לעקיש-בער אים נאָכגעשריגן...

קאָפּל - עקיבא

גוואַלט! מיט איר האָט דאָך די שטאָט געקלונגען: טויבעלע שליאָך! שלומפּערל! זי האָט דאָך מיטן שלעפּער די גאַסן אויסגעקערט..

טויבע

אים גאָט באַגליקט מיט אַן עשירות, װאָלט ער זיך גערן געװאָלט גיסן שמאַלץ אין מויל אַרײַן; אַ נישט, — זאָל מע פּונם קלינגען אין די גלע־קער... אוי, אוי, גאָט האָט שוין אויכעט נישט געװאוסט װאו דאָס געלט זײַנס אַהינצוטון; צו װעמען אין די האַנט אַרײַן עס אָפּצוגעבן...

קאָפּל - עקיבא

דיר אויף צולהכעיס, נו?... אויב ס׳געפעלט דיר נישט, גיי, — װאַרף אים אַ שטיין אין הימל אַרײַן!... מיר האָט ער געװאָלט געבן, און אַז דו האָסט נישט געװאָלט צולאָזן, דיך געברויכט אַװעקשטעלן מיט אַ שטיק האָלץ אין די האַנט איבערן רבונו-של-עולם, און אים נישט לאָזן... בע-כע-כע...

עטל

אוי, די טאַטע-מאַמע... האַלטן זיך אין איין אַרומקריגן, ווי די קליינע קינדער...

קאָפּל-עקיבא

בע-כע-כע... ס׳שטייט דאָך איר נישט אָן, עטלשי, — כ׳בין רייך געוואָרן...

עטל

נעמט זיך צו זיינע הענט

דו מאַכסט אַ וועזן, טאַטע, פון דעם, וואָס זי רעדט?... דו קענסט דאָך שוין די מאַמע נישט פון היינט...

טויבע

און זיך ערשט אַרומגעזען?

קאָפּל-עקיבא

מ׳קאָן נישט באַם פריער דערקענען אַ ווייב, ביז מ׳ווערט נישט גראָ און אַלט ביי איר...

עטל

לאַכט

נאָך די גאָלדענע חתונה זיך צערעכענען, און דאָס צעלייגן אויף קליינע טעלערלעך.

קאָפּל-עקיבא

אַ ווייב! אַ ווייב האָט גרויסע אויגן, ווען אַ גאַנצע שטאָט, נישט מיר געדאַכט, שטאַרבט פאַר הונגער; וואָס זאָג איך: אַ שטאָט? אַ מדינה! און ביי מיר, כ׳זאָל מיך נישט פאַרזינדיקן, — .וואַלגערט זיך ברויט אונטער די בעטן! לעקעכער! קיכנס! ס׳טריפט מיט האָניק פון די ווענט! זי האָט דאָך באַדאַרפט גרעבער ווי לענגער צו ווערן...

עטל

וועסט דיך שוין עלטערן מיט איר, טאַטע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

קאָפּל-עקיבא

כ׳האָב מורא אַז נישט. קוועלט אָן אוי, כ׳הייב שוין באַלד אָן מורא צו

קריגן... כ'זע: דו מאַכסט די הכנות, פאַלט אויף מיר אָן אַן אימה, — פּונקט ווי מ'וואָלט מיך, חלילה, באַדאַרפט גיין שניידן.

ע ט ל

לאַכט

ס'קומט נישט גרינג אָן, טאַטע, ביז מ'קאָן נעמען אַ מעסער אין די האַנט אַריין, און שניידן.

ט ו י ב ע

בורטשעט

גאָר ס'פּנים זי וואָלט אים געקאָנט אָפּשינדן...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

טוט אַ ציטער

גראַ-טש!

ע ט ל

כ'ברויך נייטיק אַ ביסל וואַרים וואַסער, — ס'קומט אַזוי שווער אָן דאָס צו קריגן אין שטוב אָפּ.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

צעשרייט זיך

כ'האָב אַזוי פיל יאָרן געציפּט די פעלן, ווייסטו; זיי געוויקט אין קאַלך, אין דאָמב, און אַצינד, — דערלעבט דאָס פּטור צו ווערן, זאָל איך מיך ברויכן אַרומצוטראָגן דערמיט ביזן גרוב אַריין? זאָג איר, עטל, די מאַמע דיינע, וואו איז זי דאָרטן? אַז גרויסע לייט גיבן מיר, קאָפּל עקיבא, די הענט; און כ'באַגראָב מיך לעבעדיקערהייט פאַר זורפה, — כ'האָב זיי נישט אין וואָס אַריינצונעמען...

ע ט ל

קומט מיט אַ שיסל הייס וואַסער

גייע הענט דיר אָפּגעבן, טאַטע; האָסט דיך גאָרנישט וואָס צו זאָרגן

ט ו י ב ע

אַ קאַליקע איז ער?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

יאָ, אַ קאַליקע; אַ ריינע קאַליקע; אַז כ'וואָלט שוין גאָר קיין הענט

נישט געהאַט, מיר ווײַלער געווען. שטופּט איר די הענט אונטער די נאָז דאָס זעגען הענט בײַ דיר? קישנס! אַז מ׳דערלאַנגט אַזאַ פּאָר ברעטער, — ברויך מע שוין גאָרנישט רעדן; רעדן די הענט אַליין פאַר זיך.

טויבע

מ׳ווייסט: דו ביסט אַ גאַרבער געווען; זאָלסט דיך אפילו לאָזן אָפּ־שינדן, — דאָס אויבעט וויסן; מאַכסט נאָר בלויז אויף ס׳מויל, — זעט מע שוין דעם גאַרבער...

קאָפּל - עקיבא

צעקאָכט

וואָס זיצט זי דאָ איבער מיר, און דערגייט מיר די יאָרן? ווילט איר מיט אַלעם אַרויסוואַרפן גיי אַוועק אויף די שטאָלער ראָגאַטקע! כ׳וועל דיר געבן, — זאָלסט דיך האָבן צו פרעגלען מיט קנאָבל, קאָנען שמירן מיט סמאָלע און דזשעגעטש.

טויבע

ווערט זיך

אַ גאַרבער... וואָס דו זאָלסט דיר נישט וועלן אָנטון, ס׳אַר מיתה, — אַלץ פאַרבלייבן אַ גאַרבער ביזן טויט אַריין...

עטל

צעשראָקן

טאַ־טע!

קאָפּל - עקיבא

כאַפּט זיך צוריק, ווי באַדענקט.

טויבע

באַ׳עצט זיך צוריק אויפן זעלביקן אָרט.

עטל

נאָך אַ ווײַלע

ווילסט: כ׳זאָל דיר איבערבינדן די הענט?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א
קומענדיק צו זיך

אַ ווייב... מ׳האָט אַזאַ ריס אין לייב, אַ, עטל!... צען שטובן אוודאי, האָט זי: אַ קעלער, אַ בוידעם, אַ פאָדערהויז, — דעם אַלטן פּריצס הויז, וואו מ׳איז נישט זיכער געווען מיטן לעבן אַדורכצוגיין, אַז די הינט זאָלן נישט צערייסן, — האָט מיר דער גענעראַל אַוועקגעגעבן.

ט ו י ב ע

הלוואי וואָלט ער נישט געווען אַוועק מיט די קאַצאַפּן, איך פאַרשפּאָרט צו האָבן צרות פון זיין פּאַלאַץ שטובן.

ע ט ל

דער פּריץ מיט זיי, — מ׳האָט זיך דאָך געגעסן פון די מיילער; אויף אַלע בעלער דאָ ביי אים געטאַנצט; און זיי אָן אים, — נישט געוואוסט זיך קיין ריר צו טון.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַ פאַרמעגן זיך געלאָזט קאָסטן, ביז כ׳האָב זיי דערגרונטעוועט. און פון דעם אַלעם אַ לייט געמאַכט; די רעמען, דאָס זילבער, די שענק, אַ פּאָרטעפּיאַן, וואָס אַכט מענטשן האָבן זיך שיער איבערגעריסן, ביז זיי האָבן אים דורכן פענסטער אַריינגעקריגן...

ט ו י ב ע

אַ וואַזשנע גליק מיך געטראָפן.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ניי מיט איר אַרום, און לערן; לערן ווי מיט אַ קליין קינד אלף-בית; די שטוב איז צום עסן, — אַן עס-שטוב; די שטוב איז צום שלאָפן, — אַ שלאָף-שטוב; די שטוב איז צום קאָכן, — אַ קיך; און זי, נאָר זי פאַרבייט די יוצרות: שלעפּט אַריין די שלאָף-באַנק אין עס-שטוב; גרייט צום טיש אין די שלאָף-שטוב, און דאָ וואו ס׳ברויכן מענטשן אַריינקומען, — קומט זי אָפּפּליקן אַ געשאָכטן הינדל, נו? קאָן נישט די גאַל צעפּלאַצט ווערן?

ט ו י ב ע

נייטיק באַדאַרפט דעם ים שטובן: כ׳זאָל ברויכן האַלטן קאָפּ, — וואו

מע טוט אויס אַ קלייד, און וואו אַ טעלער פון די האַנט אַוועקצושטעלן.

קאָפּל-עקיבא

אין לאָך אונטן, וואָס אויף די שטאָלער ראַגאַטקע, — האָט זי זיך גע-פילט ווי אַ פ״ש אין וואַסער; איז ביי איר אויסגעקומען אַלץ אינאיינעם, און אויף די קופּע; דער דאָרשלאַק מיט די לאָקשן אַדורכגעזייעט דורך די ווינדעלעך; אויפן טייגברעטל, וואו מ׳האָט פאַרקנעטן חלות, איז גע-ווען רעכט אַוועקצוועצן ס׳קינדעלע, ס׳זאָל זיך, כע-כע-כע...

טויבע

נעמט זיך צונויף

ער האָט נעבעך אַ טעות געהאַט דאָרט אויבן, און נישט געוואוסט צו וועמען זיין געלט אַריינצוגעבן.

קאָפּל-עקיבא

פאַרוואָס האָסטו אים נישט געזען אויפצוקלערן? אַריינגעבן שכל דעם אייבערשטן אין קאָפּ, — מיין קלוג מענטש! אַ?

טויבע

אָפּגייענדיק

לעקיש-בער אים געזופן; כ׳זאָל אַזוי לעבן, עטלשי, ווי לעקיש-בער אים נאָכגעשריגן. אָפּ.

קאָפּל-עקיבא

גראַטש!

עטל

ס׳וואַסער איז מיר דערווייל קאַלט געוואָרן. אָפּ.

קאָפּל-עקיבא

קאָן זיך נישט שטילן

אַ, אַ מענטש זאָל אַזוי אָפּשטיין? סוף וועלט! אַזוי ווי מיט יאָרן אַהער אויף די ראַגאַטקע, — איצט, אין דעם רחבות שטובן; מיט די שטאָלער ראַגאַטקע אונטערן אָרעם; אַזוי ווי געבוירן צו דער אָרימקייט.

עטל

קומט מיט פריש וואַסער

ט׳אי נישט, טאַטע, פאַר איר און נישט פאַר איר קאָפּ.

קאָפּל - עקיבא

אָט נעם איך דיך: האָסטו דאָך אַפילו אויף די ראָגאַטקע, פון לאָך אַרויס געשיינט! אַ ברילאַנט, ער ליגט אין די בלאָטע, — בלישטשעט ער אַרויס; און מילקע, — זי ווייסט דאָך גאָרנישט ווי זיך איבערצונעמען; נאָר די איינע שטיקל מאַמע, וואָס כ'קאָן איר אַלץ מיט די שטאָלער ראָגאַטקע נישט אָפּגטן; פאַרפאַלן ביזן טויט אַריין.

עטל

נישט געוואוסט בעסער, און בעסער אויך נישט וויסן.

קאָפּל - עקיבא

כ'האָב אויכעט נישט בעסער געוואוסט, פונדעסטוועגן, — קאָן מע זיך עפּעס משער זיין, קוקנדיק אויף מיר, אַז כ'בין אַמאָל געווען אַ קבצן, אַן אביון, אַ בלוט-אָרימאַן, וואָס האָט נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען? חוץ די הענט, וואָס קריכן מיר פאַר די אויגן, מאַכן מיך אַ ביסל פלאַטשיק, כ'זאָל זיין ביי זיך געפאַלן... גיט זיך אַ צאַפּל פאַמעלעך!... וויסט מ'ר ווי, קינדלעך...

עטל

זיך בלויז געהאַט צוגעקלעפּט.

קאָפּל - עקיבא

נו, נו... געקומען אויף זיי עפּעס אַ שטיקל ישועה?

עטל

די אַלטע הויט שיילט זיך, און ס'קומט אַרויס אַ נייע, אַ זיידענע... כ'מיין: ס'וועט זיי שוין גאָרנישט נייטיק זיין צו פאַרבינדן... וואָלסט דיך אויף דעם געריכט?..

קאָפּל - עקיבא

דערפרייט

אַ האַנט מיט פינגער, אַזוי ווי כ'וואָלט גאָר קיינמאָל נישט קיין מלאכה געטון מיט איר... כאַפּט איר אַרום, קושן וואָס זאָל איך דיר זאָגן, עטלשי, — כ'האָב מיר נאָר פאַרוואונטשן נ'טויט מיט זיי; שטעק אויס אַ פאָר הענט

יענעם אין די אויגן, — ווידלעס גאַנצע ; ס'איז זיך נאָר אָנגעגאַנגען אַ חלשות און אַ בראַכונג, כע-כע-כע...

וועלוול

אין דער טיר

מלא בשמחה.

קאָפּל-עקיבא

אַראָפּגעפּאַלן

די מאַמעס זון.

וועלוול

וואָס לאָזט מע שטיין די יידן אין דרויסן, און מ'גייט נישט אַרויס ביי זיי אָפּנעמען די פּעלן ?

קאָפּל-עקיבא

וואָס, ביסט זייער שאַלאַטנשמש ?

וועלוול

זיי זענען דאָך נישט קיינעמס הינט.

קאָפּל-עקיבא

מאַטעס איז נאָך נישטאָ צוריק פון גענעראַל.

וועלוול

און אַז ער וועט נישט זיין צוריק ביז נאַכט, — וועלן זיי ברויכן שטיין אין דרויסן, און וואַרטן אויף אים ?

קאָפּל-עקיבא

נו, זאָל איך מיך אפשר אַליין אַרויסגיין מפלפל זיין מיט זיי !

וועלוול

דיר אפשר אָנגערירט דעם כבוד ?

קאָפּל-עקיבא

ווילסט : כ'זאָל דיר זאָגן ?... כ'בין דיר אַ משה-מחויב ?...

װ ע ל װ ל
טרפהנע סחורה; די נשמה גייט אויס בײַ יעדן שאָרך...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א
טריפה; די גאַנצע װעלט איז היינט טריפה; פֿאַרגעסן: ס׳אַ מאָל אַ כשרע װעלט געװען; מ׳האָט געמעגט פּאָרן, האַנדלען, — יעדער טריט איז היינט באַשװערט.

װ ע ל װ ל
װייניק: װאָס די יידן האָבן געשפּילט מיטן לעבן און געפּאָכעט מיט די נשמה, געװען איינגעשטעלט בײַ יעדן זעלנער, — קומט זיי נאָך דאָ צום איבעריקן ס׳בלוט צו פֿאַרצאַפּן?

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א
איך פֿאַרצאַפּ זיי ס׳בלוט?

װ ע ל װ ל
זאָלן זיי אָפּלייגן, און נישט טראָגן די משא אויף זיך; די פּעל עסט דאָך ס׳לייב־אויף...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א
אפשר דאָס גאָרנישט באַדאַרפן, און צו װאָס זיי הייסן אָפּלייגן? מאַטעס איז אַװעק מיט מילקען צום גענעראַל, אויסשמעקן: אויב כ׳װעל אים ברויכן צושטעלן לעדער? טאָמער נישט, — אויף װעלכע גוטע כפרה ברויך איך זייער פּעל? פּריש איינזאַלצן?...

װ ע ל װ ל
נישט אַצינד, זיי דאַרפן שפּעטער; דו װעסט נישט איינמאַרנירן די גאַר־בערײַ, און בײַ אים, — די זעלנער אויפהערן גיין אין שטיװל.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א
װער װייסט? ס׳אי דאָך אַ מלחמה...

װ ע ל װ ל
און צוליב די מלחמה װילסטו זיי טרעטן אויף די קעפּ? אויסנוצן ביזן ביין?

קאַפּל - עקיבא

שפּרינגט אויף

וואָס זאָגט עץ נישט צו אים, צו דעם דרערדליגער? ס׳זענט אַ מבין אויף זיינע רייד? ער קומט מיר זאָגן תכחה? אַזאַ עוכר ישראל, ארצי מחוצף פּנים...

וועלוול

גיט אַ ריס אויף די טיר

קומט אַריין, יידן! אין שטוב אַריין, קומט צוואָרטן! ס׳נעמען זיך אריינשיטן יידן, ווייבער, יונגען, מיידן ס׳ועט פון איר גאָרנישט אָפּקומען, פון די טייערע שטוב.

קאָפּל - עקיבא

ברענט

אין דרויסן זאָלט איר זיין, זאָג איך.

וועלוול

מ׳וועט זיי אין דרויסן אויסטון, און די פעל פון לייב אַראָפּנעמען.

אַן אַלטער ייד

בעט זיך

איר זאָלט אַזוי געזונט זיין, ר׳ קאָפּל, — ווי כ׳האָב געזען דעם פּינאַנס, — ער דרייט זיך ווי אַ וואָרים...

ס׳ערשטע ווייבל

אויף מיר אַליין אַן אויג געוואָרפן, ר׳ קאָפּל.

ס׳צווייטע ווייבל

מ׳קאָן זיין ביי אים איינגעשטעלט מיטן לעבן, ר׳ קאָפּל.

וועלוול

צעקאָכט

גייט אַריין! איר האָט זיך גאָרנישט וואָס צו פאַרענטפערן: ס׳וועט אים נישט אַרן, — איר זאָלט אייך אַפילו די ביינער אָנשווערן.

קאָפּל - עקיבא

ברענט

אויב דו ביסט אַזאַ תקיף, — ווערסטו ביי זיי אָפּנעמען די פּעלן, נישט איך. אָפּ.

וועלוול

ער סטראַשעט די געגנז, יידן... זעצט אייך... און האָט קיין מורא נישט...
אויב איר זענט איבערגעקומען די זשאַנדאַרן מיט די זעלנער אויפן וועג, —
אים אויכעט איבערקומען...

די ווייבער, מיידן, יונגען, — צעזעצן זיך; אייניקע נעמען עסן.

עטל

געערגערט

זועלוול, וואָס האָט עס דיר געטויגט מיט אים אָנצוהייבן?

וועלוול

מ׳איז קיין הונט נישט; און נאָך אַ הונט מיט אויערן דערצו.

עטל

ווייסט דאָך, ער איז משוגע; מ׳ברויך אים לאָזן לויפן.

וועלוול

זאָל ער זיין משוגע פאַר זיך, און נישט פאַר קיינעם.

עטל

ס׳זאָל מיר דאָס צוקומען, וואָס ס׳פעלט דיר. אַפּ.

אַלטער ייד

גאַנץ עולם־הבא זיך האָבן געקויפט.

ס׳ערשטע ווייבל

כ׳וועל אים אָפּגעבן אַ יאָר לעבן פאַר די איינע מינוט, וואָס כ׳וועל נישט ברויכן אין דרויסן שטיין.

צווייטער ייד

שוין לאַנג, ס׳אי נישט געווען אַזאַ שחיטה אויפן וועג; מ׳האָט געשאָכטן אָן אַ מעסער.

ס׳ערשטע ווייבל

בלויז די ערשטע פור איז בשלום אַריבער; כ׳ווייס גאָרנישט, — וואָס ס׳איז מיט די איבעריקע געוואָרן? וואו זיי האָבן ערגעץ געקאָנט אַהינ־ומען

ס׳ צווייטע ווייבל

זיך מסתמא אומגעקערט אַהיים, קיין זאַלקיוו.

ס׳ דריטע ווייבל

אַ גליק: האָבן זיך באַצייטנס געכאַפּט.

ס׳ ערשטע ווייבל

באַדויערט

שלומס פּור געווען ס׳כפּרה־הינדל.

אַלטער ייד

ווער איז אַלץ געווען אויף איר?

אַ יונג

מיט אַ געלעכטער

בלויז ווייבער!

ס׳ ערשטע ווייבל

ביילע גיטעלס, שרה לאהס, באַשע מירלס, געלע זעלדעס, — איידעלע קינדער, באַשמעקטע יידישע מיידלעך; האָבן קיינמאָל קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער נישט איינגעטונקען, — האָט זיי נעבעך איצט די נויט אויף די פורן אַרויסגעטריבן, שמוגלען...

אַן אַלטער ייד

כ׳האָב מיר די אויגן צוגעהאַלטן, כ׳זאָל נישט זען ווי מ׳האָט פון זיי ס׳אָנטועכטס אַראָפּגעריסן; באַזוכט און באַטאַפּט פון קאָפּ ביז די פּ׳ס.

צווייטער ייד

ס׳צער פון די יידישע מיידלעך האָט שטיקער פון די הימלען געריסן, און דאָס צוקוקנדיק, — זיך מיט וואָלקנס פאַרצויגן.

אַ יידענע

זייער געוויין זאָל נאָר פאַר גאָט גיין.

דריטער ייד

ווי זאָלן נעבעך די מיידלעך נישט אויסגיין לתרבות רעות, אַז זיי מוזן

יעדע מינוט זיין אָנגעברייט זיך צו לאָזן אויסטון פון אַ ליאַדע שווערדל, און פון אַזאַ איינעם, וואָס האַלט אַ ביקס אין די האַנט.

ס׳ ע ר ש ט ע וו ײַ ב ל

ביילע גיטעלעס מער אַדורכגעשטאָכן מיט די אויגן, ווי מיט אַ שפּיז; זי איז אַרויס מיט אַ פּוד מעל, אַ פירטל גראָפּן, קאַשע, היידלעך, — אַז ס׳האָט דערפון אַראָפּגעשמעקט; און געמוזט צוקוקן מיט די אייגענע אויגן, ווי מ׳נעמט דאָס אַלץ אַראָפּ פון די פור; געשטיקט די טרערן, און מורא געהאַט זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט, — זי זאָל זיך אַליין נישט איינווייקן...

ס׳ ד ר י ט ע וו ײַ ב ל

ביי שרה לאהס מיידל אַ ריפּ פלייש פון לייב אַראָפּגענומען, זי האָט נאָר פּאַריסן; דער קצב האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז נאָך די האַלבע נאַכט מיטן שעכטן דאָס קאַלב; די ריפּ איז נאָך וואַרים געווען און גע-טריפט מיט בלוט, — אַז זי האָט זיך מיט איר אַרומגעוויקלט...

ס׳ צ ווײַ ט ע וו ײַ ב ל

באַשע מירלס האָט דריי קאַלב-פּעלעכלעך אויף זיך געהאַט, און נישט אירע אויכעט; וואו זי וועט איצט נעמען פאַר זיי צו באַצאָלן, — ווייסט איין גאָט אין הימל...

ס׳ ע ר ש ט ע וו ײַ ב ל

אהרון יונהס האָבן זיי נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק ביים ערשטן אָפּ-טריט, די מיל פאַרברענט; אין חיים זעליגס פעלדער די ביימער אויס-געהאַקט; מ׳וועט דאָרט איינגיין ווי די שאָטנס אויף די ווענט, אַז די מיידלעך וועלן נישט אַרויספאָרן, און זען עפּעס אַהיימצוברענגען אין שטוב אַריין...

ס׳ צ ווײַ ט ע וו ײַ ב ל

ביי חיהלע די אַלמנה ליגט, נישט קיין שום ייד געדאַכט, — אַ זון אין בעט, מיט אָפּגענומענע פיס; די קינדער אירע, — איבער די ימים צע-שפּרייט; און ס׳וועט איר אויסקומען צו נעמען אַ שטריק אויפן האַלז.

אַ י ו נ ג

מ׳ברויך שמירן דעם וועג; מ׳קאָן זיך מער אויף אים אַזוי נישט אַרויסלאָזן...

פּ. בימקאָ, ב. 2.

צווייטער יונג

ווען מען שמירן? אַז מ׳טוישט די זשאַנדאַרן איבער אַ נאַכט...

אַלטער ייד

אַזוי ווי ס׳זעט זיך אויס, — נישט קאָנען מער אַרויספאָרן; און מ׳מעג זאָגן רבנן קדיש נאָכן...

צווייטער ייד

נאָך אַזוי אָננעמען פאַרן גרגרת, אַז מ׳וועט זיך ברויכן אַרויסלאָזן צופוס, און שוואַרצן מיטן פונט מעל אין די וועלדער, — אויב מ׳זאָל זיך נישט וועלן אַוועקלייגן און אויסקוקן אויפן טויט...

עטל

קומט אַריין, רופט

וועלוול! וועלוול! ער קומט זע נאָר ס׳לעבן, וואָס זיי מאַכן אָן?

וועלוול

וואָס האָסטו געוואָלט, זיי זאָלן עסן, — און נישט אָנמאַכן? וואָס זענען זיי, מלאכים?

עטל

דאָ איז ס׳אָרט אויף צו עסן?

ס׳ערשטע ווייבל

מ׳בייסט ערשט איבער; נאָך אַ גאַנצע נאַכט פאָרן, שאָקלען זיך אויף די פור, — איז מע נאָך אויפן ניכטערן; אַ שטיקל שוואַרץ ברויט מיט ציבעלע, און ס׳וועט שוין ברויכן זיין פאַר וויעטשערע אויכעט...

עטל

אומעטום מוז ער כאַטש אַריינשטעקן די נאָז זיינע...

וועלוול

די פאַרקרום נישט ס׳נעזל, עטל; נ׳טאַטן שטייט נישט אָן, זיך אַריינגענומען אַ בזשיק אין קאָפּ אַריין: קאָפּל־עקיבא!

עטל

ס׳ברויך דאָך ווער דאָ אַריינקומען.

וועלוול

אַ, דער דאָקטאָר דיינער? ער איז אַ מענטש, און זיי וואָס זענען?

אַלטער ייד

קרעכצט

געפאַלענע מענטשן, יורדים...

צווייטער ייד

די גאַנצע וועלט איז היינט געפאַלן ביי זיך.

ס׳צווייטע ווייבל

דערשלאָגענע מענטשן און אַ דערשלאָגענע וועלט, נעבעך.

אַלטער ייד

פאַר אַן עליה אין שול זיך אַמאָל מער געלאָזט קאָסטן, ווי כ׳קאָן אַצינד אַריינגעמען ביי אַ גאַנצע נסיעה...

צווייטער ייד

היינט: די טויט-שרעק וואָס מ׳האָט...

ס׳ערשטע ווייבל

אַ בעל-הביתטע געווען; אַ קראָם אין מיטן מאַרק געהאַט; די שענק זיין געבראָכן מיט צעלניק: וואַליטשקע שנירלעך, טאַשמעס, זיידענע בענדלעך, און ביי די ליידיקע ווענט געבליבן...

ס׳צווייטע ווייבל

די קראָמען האָבן זיך אויסגענומען; איינגעגאַנגען ווי פוטער אויף די זון, און קיין אַנדערע זענען שוין מער פאַרן זעלביקן געלט נישט גע-ווען צו קריגן; דאָס געלט, וואָס מ׳האָט אייערנעכטן איינגעלייזט פאַר אַ האַלבע שניט-קראָם, האָט אויפצומאָרגנס נישט גענוגט קיין לאבן ברויט צו קויפן.

ס׳דריטע ווייבל

אַ קללה אין געלט; ס׳קומט לעבעדיקערהייט אַוועק.

ס׳ ע ר ש ט ע ו ו ײ ב ל

און צו די פּרנסה געמוזט אָנקומען; מיט כאַצקל פּל־בוניק און שלום גנב אויף איין וואָגן; איין יחוס, — מײַנע שונאים.

אַ י ו נ ג

יחוס, — נאַ בית־הקברות.

צ ו ו ײ ט ע ר י ו נ ג

אויס מורה־מורנו!

אַ ל ט ע ר י י ד

קרעכצט

אַ דור הפּלגה אָנגעשטאַנען...

צ ו ו ײ ט ע ר י י ד

אַ פאַרקערטע וועלט געוואָרן.

ד ר י ט ע ר י י ד

מ׳האָט איר ביי אונז אַוועקגענומען, און צו זיי אין די הענט אַרײַנגעגעבן; זיי זענען שמײדיקער...

אַ ו ו ײ ב ל

יאנקל קעלבאַס, געניזוקט זאָל ער ווערן, — האָט אַרויסגענומען די נקבות זיינע פון בורדעל, און אויפגעזעצט אויפן וואָגן; זיי אונטערגעלייגט צו צען פעלן יעדע, אונטערן געזעס, — זיי וועט קיין בייז נישט טרעפן...

צ ו ו ײ ט ו ו ײ ב ל

קנאַפּע ברינים, די רבישע טעכטער.

ד ר י ט ו ו ײ ב ל

אונזערסגאָל קומט אויס צו וואַרפן אונטער די רעדער...

אַ ל ט ע ר י י ד

לײגן די ציין אין בייטל אַריין.

צ ו ו ײ ט ע ר י י ד

לאָזן פאַרנייען די מײלער.

ד ר י ט ו ו י י ב ל

אַ שיינע וועלט פֿאַרזינדיקט ; אַזאַ שיינע וועלט.

אַ ל ט ע ר י י ד

מ'האָט תּרעומות געהאַט אויף איר, אַ ?

ע ר ש ט ו ו י י ב ל

נישט בלויז הינדעלעך, נאָר גראָשעלעך אונטערן ייכל זיך געקאָנט אויסביטן.

צ ו ו י י ט ו ו י י ב ל

נעבראָטענע טייבעלעך.

אַ נ ד ע ר ע

נעמען זינגען

אויף די גרינע פֿעלדער און וועלדער,
אוי-וויי, אוי-וויי ;
אויף די גרינע פֿעלדער און וועלדער. —
האָט אַ קויל געטראָפֿן אַ זעלנער,
אוי-וויי, אוי-וויי,
האָט אַ קויל געטראָפֿן אַ זעלנער,
אוי-וויי, אוי-וויי...

מ י ל ק ע, מ אַ ט ע ס

פֿון גאַס

מ י ל ק ע

דאָ, אויכעט באַזעצט ? אַז כ'בין אַריין צום גענעראַל, איז מע שוין פֿון פֿריער דאָרט געזעסן, און מיך אָפּגעוואַרט ; כ'ווייס שוין באַלד נישט וואו צו גיין, — כ'זאָל מיך קאָנען פֿון זיי דערהיטן... שטעלט זיך אין שפּיגל אַריין, פֿאַרבן ס'פּנים.

ו ע ל ו ו ל

זיי וועלן דאָ גאָרנישט וועלן פֿון דיר.

מ אַ ט ע ס

ווער האָט זיי דאָ געוויזן אַ וועג, אַהער ?

עטל

וועלוול ! אָפּ.

מאַטעס

דער דרערדליגער ? מאַכט אויף די טיר היידאַ !

וועלוול

אויפגעקאָכט

גייט נישט, יידן ; ער האָט אַ מכּה דאָ צו באַפעלן.

מאַטעס

זיצן ווי צוגעקאָוועט, און קלערן גאָרנישט זיך אַוועקצורירן. נעמט זיי אכזריותדיק ווארפן איר וועט זיך היינט אָפּטראָגן פון דאַנעט ?

אַלטער ייד

בעט זיך

ס'אַ סכּנה צו שטיין אין דרויסן, אַזוי אָנגעפּעלצט ווי די בערן.

אַ יונג

די זשאַנדאַרן לויפן אַרום ווי די געסמטע מייז

מאַטעס

זיי זאָגן : ס'איז פאַר מיר, — און זיך מעגן לייגן וואָרימע שטאַרצן...

אַלטער ייד

כאָטש נישט ברויכן לאַנג צו שטיין, און וואַרטן.

מאַטעס

באַלד אַרויסקומען און מאַכן אַ סוף מיט אייך.

די יידן, ווייבער, — אָפּ.

וועלוול

קאָן זיך נישט שטילן

גוטער מענטש.

מאַטעס

אין שטוב אַריין וועט ער זיי מיר ברענגען; פאַרוואָס נישט אין בעט אַריין?

מילקע

בי-כי-כי...

וועלוול

ביסט עס גאָרנישט געוואוינט?

מילקע

טפו! ס'דרייט דאָך די נאָז אַרונטער; אַ געסרחה זיי האָבן אָנגעמאַכט

מאַכט אויף ס'פענסטער.

וועלוול

דו קאָנסט נישט פאַרטראָגן ב'ריח?

מילקע

מ'פרעגט נישט ביי דיר.

וועלוול

אַ, כ'האָב פאַרגעסן: אין די נאָרע, וואו דער טאַטע איז געזעסן, — האָט עס דיר פון הינטערן פלויט אַפערגעשמעקט...

מילקע

אַ מינעלע

בייס דיר אָפּ די צונג...

מאַטעס

מאַכט אויף די טיר צו די צווייטע שטוב

היידאַ! די מאַמע האָט זיך שוין געפרעגט אויף דיר.

וועלוול

און אויף דיר קאָן זיך נישט דערוואַרטן דער טאַטע.

מאַטעס

מיר וועלן די טובה טון און, זיך אָפּטראָגן פון דאַנעט,

וועלוול

דער גזלן שיינט אים פון פנים אַראָפּ.

מילקע

כי־כי־כי...

מאַטעס

מיט די מאַמע איז עס דאָך איין ליב־און־לעבן, כע־כע־כע...

וועלוול

דער טאַטע איז רייך געוואָרן, קאָן ער אַפילו וועלן ס׳ווייב איינפּאַקן, — דיר וועט זי שוין אָבער בלייבן אַ מאַמע ביזן טויט אַריין. אָפּ.

מילקע

נעמט אַרומפּליען

טאַטע! טאַטע! וואו איז ערגעץ דער טאַטע?

קאָפּל־עקיבא

פון הינטער די טיר

זיי האָבן מיך שוין אָפּגעטרעטן?

מאַטעס

משלח געווען.

קאָפּל־עקיבא

קומט אַריין

אַזאַ דרערדליגער! כ׳וויס גאָרנישט, ווי כ׳וועל קאָנען אויסקומען מיט אים.

מאַטעס

ביי מיר ווייכער ווערן...

קאָפּל־עקיבא

נו, דיר שווער אָנגעקומען, — ס׳האָט אַזוי לאַנג געדויערט?

מילקע

אין שפיגל

קיין האַלבע מינוט נישט, צומאָלט.

קאָפּל-עקיבא

מיר די אויגן פונם קאָפּ אויסגעקוקט.

מילקע

מ׳האָט אויפן איוואַנסקער וועג ביינאַכט פאַרהאַלטן אַ פור מיידלעך, — געווען אָנגעשטאָפּט מיט גרייפלעך, מיט היידלעך, און אַזוי ווי כ׳בין זיי געקומען אויף די אויגן, זענען זיי מיך באַפאַלן, — כ׳זאָל דאָס אַריינגיין אויסבעטן ביים גענעראַל...

קאָפּל-עקיבא

נו, נו?...

מילקע

געהייסן אָפּגעבן ביז איין לויט.

קאָפּל-עקיבא

טאַקע! דו האָסט דאָס אַן אויג ביי אים...

מילקע

געשטאַנען אוודאי טויזנט מענטשן, געלעגן אויף די טיר, — און די וואָך האָט זיי אַלע אַוועקגעטריבן; זאָל ער זאָגן, מאַטעס.

קאָפּל-עקיבא

אַ געזונט דיר אין דיינע ביינדעלעך... קושט איר אין קאָפּ כע-כע-כע... כ׳האָב געוואוסט: מיט דיינס אַ געלעכטערל, אַז דו וועסט דיך נאָר אַזוי-אָ, דין אויסלאַכן... כע-כע-כע... וועט עס אים אָרנטלעך צענעמען...

מילקע

כי-כי... ער שטאַרבט פאַר מיין טריט...

קאָפּל-עקיבא

נו, און מכוח אַכצן און דרייצן? לעדער? עפּעס איינגעגאַנגען? און, טאַקע באַוויליגט אויך?..

מאַטעס

דרייסיק טויזנט שטיק!

קאָפּל-עקיבא

נישט צוגלייבנדיק

גיי שוין, גיי; ווילסט מיך מאַכן פאַר דיין נאַרנקאָפּ?

מאַטעס

מ׳זאָגט דיר: דרייסיק טויזנט, — זאָלסטו גלייבן, טאַטע...

קאָפּל-עקיבא

רבונו יונה! ס׳א שלל מיט גאָלד! ס׳שטייט דאָך דערביי באַגליקט צו ווערן...

מילקע

ס׳האָט זיך מיר גאָרנישט אויסגעוויזן קיין סך.

קאָפּל-עקיבא

דרייסיק טויזנט לעדער, און אין שטוב איז אַזוי חושך? לויפט עטעלע, וואו ביזטו ערגעץ? עטל אין טיר גיב נאָר אַ שפּיל אויף, אַזוי, — ס׳זאָל ליכטיק ווערן אין די אויגן! האָסט דאָך עפּעס שטיין אַ כּלי, וואָס אַכט גויים האָבן זיך ביי איר אונטערגעריסן... גיט אַ לייג אַוועק די הענט איבער די פּיאַנע, און מאַכט אָן אַ געוויש כאַ-כאַ-כאַ... וואו איז ערגעץ דער דרערדליגער? און מיין יידענע, די שטאָלער ראָגאָטקע? זיי האָבן דאָך געמאַכט יד-אחת מיר די יאָרן צו דערגיין... מילקע! דרייט איר אַרום כ׳האָב דאָך דאָס מיר קיינמאָל אַפילו אין זינען נישט אַריינגענומען...

מילקע

הום... כ׳זאָל אַפילו וועלן פונם ס׳רעכטע אויג, כי-כי-כי...

מאַטעס

כע-כע-כע...

קאָפּל-עקיבא

כע-כע... מאַטעס, וואו וועט מע נעמען אַזוי פיל פעלן? דאָך ברויכן שינדן די אָקסן לעבעדיקערהייט!...

מאַטעס

מ׳גיט מיר זשאַנדאַרן, מיט זיי צו גיין צווישן די פויערן אויף די דערפער, — רעקווירירן.

קאָפּל-עקיבא

כאַ-כאַ-כאַ! מאַטעס, וואָס דו האָסט דערלעבט? קריגן זשאַנדאַרן צו גיין מיט זיי איבער די דערפער; די אייגענע פויערן זוכן דך נאָך אוודאי אַרום מיט העק, — איבער די פערד, וואָס דו האָסט זיי ביינאַכט פון די שטאַלן אַרויסגעפירט... כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ...

מאַטעס

לאַכט ווי פון אַ פאַס אַרויס

כע-כע-כע... כע-כע-כע...

מילקע

דין און אויסגעצויגן

כי-כי-כי...

קאָפּל-עקיבא

פּראַלט אויף די פענסטער

יידן, דרייסיק טויזנט לעדער! איר הערט וואָס איך וועל ברויכן צו שטעלן פאַרן מיליטער? דרייסיק טויזנט לעדער! כ'מאַך גרעסער די גאַרבעריי, לאָז פריש איינגראָבן צוואָנציק פעסער אין דרערד; איר זאָלט דאָס צו וויסן טון ביי אייך אין מאָנאַכעוו, אין זאַקלקיוו, אויף אַלע מקומות, — און ווער ס'האָט אַ האַנט מיט אַ פוס, זאָל נעמען פירן פעל...

אַ געשרייער

אין דרויסן

— דרייסיק טויזנט פעלן!

— דרייסיק טויזנט פעלן!

אריה

גיט אַ קום אריין, פאַרפלאָמט

מזל-טוב!

קאָפּל-עקיבא

שוין געהערט פון מיין גדולה?

אריה

אויפן וועג נאָך.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

דרייסיק טויזנט לעדער.

א ר י ה

די שטאָט קערט זיך איבער.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ס׳וואָלט זיך ווער אויף דעם געריכט?

א ר י ה

מילא; השם יתברך, אַז ער נעמט זיך צו אַ מענטש, איז, — אָדער ער טוט אים אויס ביז צום העמד, אַנישט: האָט גאָר קיין שיעור נישט, ווי־פיל ער גיט אים.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

פאַרגייט זיך אין לאַכן

כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ...

מ אַ ט ע ס

שפּיגלט זיך אין די בריליאַנטן אויף די הענט

כע־כע־כע... כע־כע־כע..

מ י ל ק ע

האַלט אונטער אויף איר דין שטימעלע

כי־כי־כי... כי־כי־כי...

אריה

מילא, דרייסיק טויזנט לעדער גייען אודאי נישט צופּיס; נאָר ווען דו זאָלסט וויסן: וואָס איך האָב פאַר דיר אָנגעגרייט אין קעשענע, — וואָלסטו דיך אודאי אויפן קאָפּ געשטעלט...

ק אָ פּ ל ע ק י ב א

אריה, כ׳ווייס שוין סיי־ווי נישט, אויף וואָס כ׳גיי און שטיי, כע־כע...

מ אַ ט ע ס

כע־כע־כע..

מילקע

כי-כי-כי...

קאַפּל עקיבא

פלאַטערט

און דו ווייסט: פון וואַנעט דאָס שטאַמט אַרויס? פון דעם שפּילערזאַק! דעם גאַנצן גייענדיקן טאָג שטייט דאָס אַזוי אין שפּיגל: אַ הערעלע אַהין, אַ הערעלע אַהער, — שמירט זיך אויס, און ס׳שמעקט פון איר אַראָפּ ווי פון שלמה המלכס אַ פּלגש, כע-כע-כע..

מאַטעס

כאַ-כאַ-כאַ...

מילקע

כי-כי-כי...

קאַפּל עקיבא

קוקסט איר אָן: אַ פּיצל, אַ? אַן אויסגעוויקטע קאַץ! מאָגער, — הויט און ביין; אַ פּנימל פּאַר אַ גראָשן; גרויס ווי אַ שילגערל... דרייט איר אַרום זע נאָר ס׳געשטעל! כע-כע.. כ׳ווייס, אסור, — אין וואָס ס׳איז זיך דאָ אָנצוכאַפּן...

אריה

מסתּמא זיך ביי איר אויפן פּנים אליהו הנביא באַזעצט.

קאַפּל-עקיבא

כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ...

מאַטעס

כע-כע-כע... כע-כע-כע...

מילקע

כי-כי-כי...

קאַפּל-עקיבא

פּיסלעך ווי די שטעקעלעך; אַ האַרצל, — אַ ברעטל; אַ נעזל ווי אַ שפּילקע-קעפּל; אינגאַנצן קאָן מע עס, דאַכט זיך, צונויפ-דרייען ווי אַ וויאַכעטש, אַריינגעמען אין די קעשענע, — און ס׳שטעקט

אין דעם אַזאַ כּוח, נו? אריה, אסור, צו אַ גוטן ייד מ׳גייט ווי צו איר... ווער ס׳ברויך אַ טובה ביים גענעראַל, מוז פריער אָנקומען צו איר...

א ר י ה

כ׳וועל זי, נעבעך, אויכעט ברויכן...

ק אָ פּ ל ע ק י ב א

אַפילו נאָך די האַלבע נאַכט! גיט אים אַ וואָרף אַ זונדעלע אויף אַרבעט, אַ?... כע־כע־כע... דו ביסט נישט איינאיינציק!... אַ האַלבע שטאָט ברויך עס האָבן פון איר... מ׳קומט פון אַרום און אַרום...

א ר י ה

ארל שפתים, פאַרשטאָפּטע לעפצן; אַ קו האָט אַ לאַנגע צונג, און קאָן נישט רעדן; אַ מענטש האָט אַ קורצע צונג, און טאָר נישט רעדן..

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

אַ קאַרע, אַ שמאַגעלע, אַ רעקווי‌זיציעלע, אַ פאַבריקעלע בראָנפן. — עס צעגייט זיך אין אירע הענט, אַזוי ווי שניי אונטער די זון, אַז זי נעמט זיך דערצו... נסים ונפלאות! כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ...

מ אַ ט ע ס

כע־כע־כע... כע־כע. . כע־כע...

מ י ל ק ע

כי־כי־כי...

ו ע ל ו ו ל

אין טיר

מ׳וועט נישט אַרויסגיין צו די יידן, ביי זיי היינט אָפּנעמען די פעלן?...

ק אָ פּ ל ע ק י ב א

מאַטעסן

נאָך נישט אַרויס זיי אָפּנעמען? טאַקע אַ מומר להכעיס! אויף וואָס וואַרטסטו, ביז מ׳וועט זיי ברויכן נאָכלויפן? פעל וועט דאָך באַלד זיין מיט גאָלד צוגלייך...

מאַטעס

באַהאַלט די בריליאַנטן, אין וועלכע ער האָט זיך געשפּיגלט

אים ווידער די יידן אויסגעקליבן פאַר אַ שתדלן, — ער זאָל זיך גיין מיען פאַר זייערטוועגן... אָפּ.

קאָפּל עקיבא

שרייט אים נאָך

זאָלסט זיי, חלילה, קיין עוולה נישט טון, הערסט?

וועלוול

אַז מ׳ברויך דעם גנב, שניידט מע אים אָפּ פון די תליה אָפּ.

קאָפּל־עקיבא

ביין

דער דרערדליגער, ער קאָן זיך נאָך אַלץ נישט שענקען! שטעלט בראָנפן איצט וועט זיך דאָס אָנהייבן אַ לעבעדיקע וועלט! טרינק, אריה, — לחיים! טרינקען כע־כע־כע.. כ׳האָב איר קליינערהייט נישט געלאָזט אויף די אויגן, מחמת וואָס? אַ שפּילערזאַק געווען! געמיינט: ס׳וועט זיין די צווייטע מאַמע, נאָך אַ שלומפּערל!

מילקע

שמייכלט אים

און היינט: מיך גערן געזעצט אין הימל אַריין.

קאָפּל־עקיבא

גיט איר אַ נעם אויף די שויס

נישטאָ מער יענע צייטן, ווען כ׳האָב געכאַפּט דעם קאַנטשיק צו דיר, אַז דו האָסט נישט געוואָלט אַרויסקריכן פון בעט. כאַ־כאַ־כאַ...

מאַטעס

כע־כע־כע...

מילקע

כי־כי־כי...

קאָפּל־עקיבא

אריה, אַ פוילע געווען! אַ שרעקלעך פוילע! איר מ׳ט קונצן געמוזט

פון בעט אַרויסנאַרן ! אַז ס'האָט זיך נישט געמאַכט : מ'איז ערגעץ געלאָפן אויף וועמענס בייז וואונדער ; געגומען קליינגען אויפן גוואַלט-גלאָק צו אַ שרפה ; אָדער געהערט שפּילן : ס'מיליטער גייט אַוועק אויף די מאַנעוו-רעס אין לאַגער אַריין, — איז זי פון בעט נישט אַרויס... כע-כע-כע... און, נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין איר געבליבן דער אָדער, — צו קאָנען ליגן אין בעט ביז נאָך ווארימס... כע-כע-כע... דער גאַנצער יצר-הרע אירער ליגט אין בעט...

א ר י ה

בע כע-כע...

מ י ל ק ע

כי-כי-כי...

ק אָ פּ ל ע ק י ב א

אָבער אַ גאָלדן האַרצעלע פאַרדאָס, כע-כע... מ'קאָן שוין פאַר איר טובה נישט אויסגיין. . זעסטו : מאַטעס, — איז נישט אַזאַ צאַצקע ! מ'האָט אים אַלעמאָל באַדאַרפט קוקן אויף די פינגער, און שוין אַזוי געבליבן, אַ באַנדיט... אָבער דאָס גאָלדענע פייגעלע, זי האָט אין זיך אַריינגעקריגן אַ גוטע נשמה ; אַמאָל געקאָנט געבן די גאַל אין מויל אַריין, אָרנטלעך נעמען די לעבער... קרימט נאָך

טאַטע-שמאַטע,

קי-לע-וואַ-טע,

פּאַ-פּי-לאַ-טע.

כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ.. כאַ-כאַ-כאַ...

א ר י ה

כע-כע-כע. כע-כע-כע...

מ י ל ק ע

כי-כי-כי .. כי-כי-כי...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אָבער זי איז אַרויס ריין דערפון, און באַשמעקט...

מילקע

גיט אַ שפּרונג־אויף

שוין ווידער עפּעס דאָרטן?

אַ געל ווייבל

רייסט זיך אַריין

מיינע גילדערנע מענטשן!... אַן איינציק קינד האָב איך, און מיר אים די נאַכט פון בעט אַרויסגענומען; געכאַפּט אויף אַרבעט; ווי קען ער גיין גראָבן אָקאָפּעס אין דרערד, אַז ס׳האָט נישט קיין סיגל זיך די הויזן אָנ-צוטון, און כ׳מוז זיי אויף אים אַרויפשלעפּן; אים אַליין נישט די נאָז אָפּווישן, גיין בּאַראַצט ביז דרייע...

קאָפּל־עקיבא

נו־נו, מילקע...

מילקע

ברוגזלעך

כ׳קום דאָך ערשט פונם צוגיין; מ׳קאָן אים אַזוי קריכן אויפן קאָפּ?

ס׳געלע ווייבל

כליפּעט

אַ צעקראָכענער הערינג! אַכט וואָכן אים געהאַט ליגן אין קעלער, — זיך פונקט פאַרגלוסט צו גיין קוקן ווי די מלאכי חבלה גייט זוכן... געוואַלט, כ׳וועל עס גאָרנישט איבערהאַלטן; מיך וואַרפן אונטער די רעדער פון די פערד און וועגן, זיי זאָלן מיך צעטרעטן...

אריה

וואָס גייט איר נישט, ווייבל, צום רבין, — ער זאָל אים אויסבעטן, נאָר אַהערגעקומען דאָ אָפּוויינען אַ שטיק?

ס׳געלע ווייבל

וואָס וועל יאָך גיין צום רבין, אַז די הילף בּרויך גאָר קומען דורך איר...

קאָפּל־עקיבא

מילקע, אויב דו וועסט קאָנען עפּעס אויסנעמען, — האָבן אַ גרויסע מצווה...

מ י ל ק ע

כ׳בין שוין זאַט מיט די מצוות... רייסט זיך אָפּ זיך אַריינגעגנומען אין קאָפּ: כ׳קאָן ביי אים אַלץ אויסנעמען... יאָ: זיך אַ מאָל נאַריש מאַכן... אָבער, אים כּסדר ליגן איבערן קאַרק?...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַ צייט, זעסטו דאָך, — אַ וועלט זאָל ברויכן אָנקומען צו דיר; אַז דו ביסט דער רבי, דאָס קוויטל, דער פּדיון, — גיי ברענג דו די ישועה פאַר איר, און מענטשן דורך דיר געהאָלפן ווערן...

מ י ל ק ע

נעמט זיך אָנטון אָן חשק

נאָר בלויז איר אַליין?... אַז כ׳לאָז מיך אַרויס צום גענעראַל, וואַרט מיך שוין אין דרויסן אָפּ ביילע די רביצינס, — מ׳לאָזט איר נישט מאַכן קיין זייף; כ׳קום אויפן מאַרק, — די רויטע פייגל רייסט שטיקער פון די הימלען: וואָס מ׳לאָזט איר נישט קיין ליכט-ציען! אויף די פּאָדשעניע כאַפּט מיך אַריין הירשל שמייסער, — מ׳האָטן צוגענומען ס׳פערד! און ביז כ׳וועל אים דערגרייכן, — נאָך עפּעס אוודאי האָבן פאַרן אויפן טיש אַרויפצוליגן... ענדערט כ׳ברויך מיך פאַרשליסן אין אַ טאַבאַק-פּושקעלע... אַנישט, מיך דאָ צעטראָגן, אַז ס׳וועט קיין שפּליטער פון מיר נישט בלייבן... די נעגל פון די פינגער מער אָנזען... אָפּ.

ס׳ ג ע ל ע ו ו י י ב ל

איר נאָכגייענדיק

אַלע גוטע מלאכים זאָלן דיר אַקעגן קומען... די שערי-רחמים ווערן אויפגעמאַכט... זיין אַ גוטע בעטערין פאַר מיין קינד... דערגרייכן אַ זכות פאַר אים... און ווי די מוטער רחל אַליין אים דערוויקן ס׳האַרץ, אַז ס׳זאָל זיך אַ ריר טון... אָפּ.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

מנע... אַ וועלט... אַ וועלט אַרויסגעקומען...

א ר י ה

אַן עולם הפּוך: ער אויבן איז מלך, און ביי אַ מיידל אין די האַנט שטייט זי גאָר איין; אַ סך צו פאַרשטיין זיינע דרכים?...

קאָפּל-עקיבא

אַ מיידל האָט די זכיה, אַ ?... טרינקט אויס אַ גלעזל בּו, אויב זי האָט מיך יאָ אויף די פּיס געשטעלט, — מיך אוודאי זען צו פּלייסן : זי זאָל עפּעס האָבן דערפון, און נישט זיין בחינם...

אריה

טאַקע עפּעס מוזן זען אויסצוקראַצן...

קאָפּל-עקיבא

כע-כע-כע... כ׳רעד מיר איין מיט איר צו טון, כ׳וויס ? גאָר אויס די וועלט אַרויס ! אַ יונגערמאַן, בקי אין אַלע שבע חכמות ; דער שורש, — זייד און אַטלאַס ; מוזן האָבן היתר-הוראה ; אַ טאַטן, — אַ רבין, מיט קוויטלעך, גבאים, גבאי ראשון, גבאי שני, און זיי זאָלן מושטירן מיט די ווייבער, פּאַטשאָנגעס ווייבער... כע-כע-כע... ס׳אי נאָר איין שאָד, — וואָס די עלטערע שוועסטער שטייט איר אין די וועג...

אריה

ס׳חלומט זיך דיר, קאָפּל ; זי שטייט איר שוין גאָרנישט אין וועג...

קאָפּל-עקיבא

איבעראַשט

וואָס רעדסטו ?

אריה

אַזוי ווי דו הערסט.

קאָפּל-עקיבא

געזוען, וואו דו האָסט באַדאַרפט צו זיין ?

אריה

אלמאי נישט ?

קאָפּל-עקיבא

און, ס׳איז אויף אַ דרך ?

אריה

אלמאי נישט ? כע-כע... אַ וואַזשנע יחוס, מ׳קאָן נישט זאָגן... וואַרפן

זיך אויף מיט בערעק יאָסעלעוויטש... נאָר, אַז כ׳האָב מיט איר אָנגעלערנט דאָס שטיקל גמרא, איז דאָס איר, כאָטש זי האָט זיך זייער געקווענקלט, — אַריין אין קאָפּ!

קאָפּל-עקיבא

גיט אים אַ וואָרף

אריה, זי ווייסט דאָך גאָרנישט וואָס כ׳פּאַרמאָג!

אריה

כ׳האָב איר דאָס געזאָגט.

קאָפּל-עקיבא

גיט אים ווידער אַ וואָרף

שלימזל, וואָס ווייסטו?

אריה

ס׳וואָלט טאַקע שיין געווען איך זאָל נישט וויסן, — אַז די גאַנצע וועלט ווייסט; פאַראַן אַ סוד פאר אַ וועלט?

קאָפּל-עקיבא

קורחס אוצרות, כע-כע-כע... די דערפער קומען דאָך אַליין צו מיר צו גיין; ווי די טויבן פליען זיי אין פייער אַריין, און באַהאַלטן זיך ביי מיר אין בוזעם; די הייזער בעטן זיך: כ׳זאָל זיי נעמען, — ווי די קליינע קינדער בעטן זיי זיך...

אריה

נישט ווייניק זיך געשאָקלט דער קאָפּ, הענט און פיס אונטער מיר געוואָרפן, — אַז כ׳האָב געברויכט צוקומען צום פסוק... די עפנערס, איין קליניקייט!... אַזאַ שטיק משפחה, און דער גאַנצער קאָפּ פון איר, — איז זי, די איינע מאַמע...

קאָפּל עקיבא

ווייסט, אריה: כ׳האָב מיר קיינמאָל נישט אין קאָפּ אַריינגענומען, כ׳זאָל אַמאָל קאָנען אַ קינד אויסגעבן... אַצינד: ס׳האָט זיך יאָ אַזוי אַרויסגעדרייט, — פאַרוואָס זאָל איך ווידער נישט וועלן אָנשפּאַרן?...

אריה

אלמאי נישט? טאַקע אַן אַלטע מויער, אַ שווערע, פון דור־דורות, — דאָקטוירים; דער פאָטער, אונז צו לענגערע יאָר, — געהאַט צו טון מיט ברעסלע; דייטשישע דאָקטוירים זיך געקומען עצות האַלטן מיטן; מ׳האָט אים נאָך אין זיין צייט געוואָלט אָפּוועגן מיט גאָלד צוגלייך, ער זאָל אַריבערקומען קיין וואַרשע, און זיך דאָרט באַזעצן; געדענקסט, קאַפּל, ווי די פּורן מיט קראַנקע פלעגן זיך אויסשטעלן, און וואַרטן צו גאַנצע נעכט אויף אים? כ׳דערמאַן מיך: ווי מ׳האָט אים איינמאָל ביי־נאַכט אַרויסגעכאַפּט פון בעט, — צום ווישנעוווער פּריץ: אַ קישקע זאָל זיך אים האָבן איבערגעדרייט, די געהירן אויסגערונען, — וואָס ס׳קאָן זיך אַלץ טרעפן מיט אַ פּריץ? און ווייל ער האָט אים צוריקגעשטעלט אויף די פיס, — אָוועקגעשענקט זיין וואַלאַנט; און, ביזן טויט אַריין שוין אויף אים אַרומגעפאָרן צו קראַנקע...

קאָפּל־עקיבא

געדענקסט, אריה: וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטון, ווען ער איז געגאַנגען שטאַרבן? דער גלח האָט נישט אַנדערש געוואָלט, ווי פינף מינוט פאַרן טויט אים באַשווענצלען מיטן ביסל מים־אחרונים־וואַסער; נישט גע־קאָנט פאַרגונען די יידן...

אריה

אָבער, אויסגעהאַלטן יידישקייט, כע־כע־כע... ביזן לעצטן אָטעם...

קאָפּל־עקיבא

ביזן לעצטן אָטעם, כע־כע־כע...

אריה

כע־כע־כע... כע־כע־כע...

קאָפּל־עקיבא

כאַ־כאַ־כאַ...

אריה

דער זון זיינער איז טאַקע נישט אַזאַ גרויסער ידען אין די קליינע פלע־שעלעך, ווייסט נאָך אפשר נישט אַזוי צוצוטרעפן אַ קראַנקן אויף די האָר...

קאָפּל־עקיבא

כ׳פאַרהאָף: דאָס מיט קאָפּל־עקיבאס געלט, וועט ער מיערטשעם דער־נאָך אויכעט אַזוי פיל וויסן; און קאָנען אַוועקשטעלן, אַקוראַט ווי דער טאַטע, — אַ טויטן אויף די פיס, אָדער אַריינלייגן אַ לעבעדיקן אין דרערד; מיט גאָרנישט זיך האָבן צו שעמען קעגן אים...

אריה

כאַ־כאַ־כאַ...

קאָפּל־עקיבא

כ׳וואָלט אוודאי געווען מער צופרידן: דעם טאַטן זיינעם אויך אָנצו־קריגן, אַ לעבעדיקן...

אריה

אַפּנים, געגוג שכל געהאַט זיך באַצייטנס אָפּצוטראָגן; מ׳זאָל אים פריער געווען צו וויסן טון דעריבער, — בעסער אויסגעקליבן דעם טויט, איידער אַריינצופאַלן אַ לעבעדיקער אין דיינע הענט...

קאָפּל־עקיבא

אַזוי האָט ער זיך איבערגענומען מיטן בייכל זיינעם?... כע־כע... זאָל ער זיך בעסער קוויקן מיטן פעטן שור־הבר און דעם חלק לוויתן; און אויף צו באַווייזן זיך מיטן, — האָט ער נאָכן טויט נאָך אַ שענער פנים...

אריה

אחרי מות קדושים אמור...

קאָפּל־עקיבא

קנייטשט זיך

נאָר געוואָלט וויסן, אריה, — ווי אַזוי דו קלערסט אים אָנצוקריגן פאַר די הערנער, דעם אָקס?...

אריה

מיט געלט, קאָפּל; דאָס געלט דיינס איז פונקט ווי אַ רויטע פאַטשיילע... און נישט אַלעמאָל האָט עס געקאָנט אַזוי גילטן ווי אַצינד; אַמאָל איז גבירישקייט אַליין געווען ווייניק; האָט מע, אַ חוץ דעם זאַק געלט,

אויך געברויכט האָבן אַן אָדער פון איידלקייט, און וויסן: פון וואַנעט די פיס שטאַמען... בעוונותינו הרבים איז דאָס אונטערגעגאַנגען... כע־כע־כע... און ס׳אי נישט, וואָס דו האָסט דיך אַזוי הויך אויפגעהויבן, נאָר וואָס זיי זענען טיף אַראָפּגעפאַלן...

קאָפּל־עקיבא

זיי זענען אפשר מער אַראָפּגעפאַלן, ווי איך מיך אַרויפגעדראַפּעט...

אריה

ווייסט דאָך: אַז אַ מענטש טרינקט זיך, און מ׳שטרעקט אים אויס אַ האַנט, — איר פריער באַקוקן, אויב זי איז זיינס גלייכן, און ס׳פּאַסט פאַר אים איר אָנצוכאַפּן?... זיי טרינקען זיך אַלע, די אַלטע גבירים... און ווילן זיך, נעבעך, אָן ווערמען אָנהאַלטן... באַדיי לאָזן פירן ווי אַ קליין קינד... און מיט פאַרמאַכטע אויגן... זאָל זיין פון אַ חזיר־טרייבער... אַ נבלה־שינדער...

קאָפּל־עקיבא

נישט, חלילה, בלינד... כ׳האָב ליב צו שפּילן אין אָפענע איין און דריי־סיק... מ׳זאָל זען און נישט בלויז פון הערן זאָגן... און דערנאָך כ׳פּנים קלאָגן... איבערציילן ממש... אָפּוועגן און אָפּמעסטן... ס׳לאָזט זיך שאַצן... איי, ס׳אי מלחמה?... מ׳קאָן מיטן מאָרגנדיקן טאָג נישט זיין זיכער?... כע־כע־כע... זיי זאָלן אפילו אונטערצינדן די גאַרבעריי, פאַרברענען די מילן, די זעגן, אויסהאַקן די וועלדער, אויסלאָזן דעם גאַנצן כעס צו די דערפער, אַראָפּטראָגן די הייזער... און פון די ערד, פון די בלויזע ערד, וואָס ס׳וועט בלייבן, — שוין קינדס־קינדער האָבן און האָבן; סיי, זיי וועלן זיך נעמען באַגראָבן אויף איר די טויטע זייערע, און מאַכן פון איר אַ בית־עולם, — מוזן זיי פריער אויסקוילען אַ האַלבע וועלט מענטשן; מלחמה האַלטן ס׳גאַנצע לעבן...

אריה

טאַקע זיך מיט וואָס אויפצובאַווייזן, מ׳קאָן נישט זאָגן, — פּרווו נאָר אָבער אַריינשטעקן אַ פוס דאָרטן, און זען: וואָס ס׳וועט איבערוועגן?... מ׳קומט אַריין, — אַזוי ווי אין אַן אַלטע הייל; ס׳פאַלט אַן אימה און אַ פחד; ס׳הענגען אלף־ביתן, מגילות פון גוטע יידן, צדיקים; און להבדיל אלף אלפי אלפים, צלמים פון אַלטע גלחים; קעפּ פון גרויסע לייט... מ׳קאָן

זיך אָבער מיט די גרויסע קעפּ נישט זאַט עסן... און פאַר די אַלף־ביתן, מגילות, קמעות און גאָלדענע צלמימלעך, — קיין לאָבן ברויט נישט קויפן... די מויער איז טאַקע אַן אַלטע, אַ שווערע, אַ געהויבענע, — דו האָסט איר אָבער איינגענומען, קאַפּל, גרינגער ווי דער דייטש האָט איינגענומען די וועלט, — און אַן ביקסן, אַן קוילן, אַן האַרמאַטן .. די מטבע, קאַפּלשי.. כע־כע־כע... די הייזער.. מ׳זאָל אַפילו די הייזער אַראָפּשיסן, ווי זאָגסטו?... פון די בלויזע ערד וועט נאָך אַלץ בלייבן אויף לעולם ועד...

קאַפּל־עקיבא

מילא, טאַקע... געלט, כבוד און עשירות .. נו, איז דאָס איינע: אַ שטיקעלע עליה... נישט מער, — די נשמה זאָל זיך דערפרייען... וואָרן, דאָס אַלץ איז דאָך פּאָרט גישט מער ווי פאַרן חומר.. נאָך אַ שטיק פלייש.. אַ שיין מלבוש אויפן לייב.. און, וויפיל איז דער שיעור? מ׳קאָן דאָך, סוף־כל־סוף, — קיין געלט אין זיך נישט אַריינעסן...

אריה

שוין!... איבערגעקומען!... אפילו נישט געהאַט קיין גרינג שטיקל אַרבעט; ס׳שפּייעכץ מיר פריער אויסגעטרוקנט געוואָרן אין מויל, רעדנדיק; אָבער, אַ יידענע, — פּאָרט איבערגעדברט; און, ביים אַוועקגיין, געמיינט: כ׳וועל דיר קאָנען קומען זאָגן מזל־טוב! זאָלסט דיך כאָטש מאָרגן נעמען גרייטן צו תנאים, און זיך עפּעס ביים סאַמע סוף אַ דריי־געטון, אַ משלחת, — וויל פריער זען די כלה...

קאַפּל עקיבא

געפּאַלן

ביסט זיכער, — ס׳אי נישט מער ווי דאָס?

אריה

קיין שום אויסרייד נישט, קאַפּל; מיך געפרעגט: אויב ס׳אי נישט גלייך, כ׳זאָל פריער רעדן מיטן חתן; ווייל ביי אַ שדוך, פירט זיך די וועלט, — מ׳שלאָגט צוערשט פאַר די חתן־כלה; וואָרן, טאָמער געפעלן זיי זיך נישט, — וואָס האָט מע צו פאַרדרייען אַ קאָפּ די טאַטע־מאַמע?... נאָר, אַזוי ווי כ׳האָב איר געזאָגט: אַז מיט אים בין איך שוין אין דרויסן,

און ווי כ'הער, — זיךביידע געפּעלן געוואָרן, איז אַזוי געבליבן... נו ?...
פּאָרט אַ מאַמע...

קאָפּל-עקיבא

כע-כע-כע... אריה אויב זי ברעקט זיך נאָר נישט מיט מיר, — זיך מיטן
מיידל אוודאי נישט ברעקן; כ'האָב זיך מיט איר גאָרנישט וואָס צו
שעמען; נישט געגאַנגען אין גימנאַזיע, און ווייסט בעסער אַ קאַץ דעם
עק צו פאַרבינדן, ווי אַ דאָקטאָר, וואָס איז איר אויסגעגאַנגען פון עק ביז
עק... כע-כע-כע.. אַ געראָטן קינד, אריה... גאָר-גאָר אַ געראָטן... נאָך
לכתחילה אויף די ראָגאַטקע גוט אויפגעגאַנגען... נישט היינט געדאַכט,
אַז כ'בין מיט איר דאָרט געזעסן, — האָט זי שוין פון לאַך אַרויסגע-
שיינט... רופט עטל! עט-ל-שי!... זי קומט ס'אי דאָ אויף וואָס צו קוקן,
אַ ?... זעסט: ווי אויסגעפילט ?... דער ביילעך ?... אַ פּאָר פּולקעס ? כע-
בע... אַזוי ווי ס'אי ביי די יינגערע נישטאָ וואָס אָנצונעמען, — וועסטו
ביי איר ווידער קיין ביינדעלע נישט געפינען; מ'קאָן אויף איר אויס-
קנעטן ס'פלייש...

אריה

כע-כע-כע... אַ וואַושנע מעלה צו אַ שדוך... אַ מאַן הערט פלייש, רינט
אים די שלינע פון מויל...

קאָפּל-עקיבא

ביי איר געברויכט אַראָפּנעמען, און צו יענע דאָס דערלייגן; וואָלט
זי נישט געהאַט איבעריק, און ביי יענע, — אויסגעפעלט, כאַ-כאַ-כאַ...

עטל

צעטומעלט

כ'ווייס נישט, פון וואָס מ'רעדט דאָ ?

קאָפּל-עקיבא

קראַצט זיך אין קאָפּ

אריה, ווי אַזוי קאָכט מע די לאָקשן ? ס'ערשטע קינד, און טויט אויף
ביידע זייטן; כ'וואָלט נייטיק באַדאַרפט האָבן אַ מלמד, נייטיק
מיטן לעבן...

ארי ה

באַ ! ווער ס'וויל האָבן אַ גוטן מלמד, זאָל זיך זען צו פאַרשאַפן דיין קאָזבי מיט געלט, אַ קלענערע מאַכט אויך נישט אויס, — און שוין האָבן, ווער ס'זאָל מיטן לערנען; געלט לערנט אַלץ אויס... פאַרענטפערט דאָס שווערסטע בלאַט גמרא מיט תוספות און מרש"א... געלט מאַכט פון אַן אָקס, אַ פרא־אדם, — דעם גרעסטן לאַנדס־חכם; געלט מאַכט פון אַ שטיק האָלץ, אַ פלאָקן, — מ'זאָל פונם קלינגען אין די גלאָקן; געלט איז מחיה מתים, מאַכט פון טויט לעבעדיק; געלט מאַכט, כע־כע־כע... וואָס געלט מאַכט אַלץ ?...

קאָפל־עקיבא

מיטאַמאָל

עטלשי, גיי דיך אַריין איבערטון; ס'קאָן זיין: מ'זאָל דיך נאָך היינט וועלן פון דאָרט האָבן...

עטל

פאַרפלאָמט

פון וואַנעט, טאַטע ?

קאָפל־עקיבא

פון אים, דעם דאָקטאָר דיינעם.

עטל

שעמעוודיק

כ'וועל נישט אַליין אַריבערגיין.

קאָפל־עקיבא

העַ ? כ'זאָל וועלן זאָגן, איז זי באַלד נישט אומגערעכט; כ'וויס: מיט מיר אפשר, אריה ?

ארי ה

חלילה ! דו מעגסט טאַקע צופאַלן ווי צו אַ הייס געבראָטנס. נאָר ברויכסט אָבער וויזן, — אַז דיין כבוד טראָגט נישט אויס; כ'וויס ? מיט די מוטער ?

קאָפל־עקיבא

יאָ, ווען ס'זאָל זיין אַ מאַמע, ווי מ'ברויך; נישט: טויבעלע שליאָך !

ראָס שלומפּערל ! די שטאָלער ראָגאַטקע ! אַז זי זאָל איר בלויז קומען אונטער די אויגן, – איז שוין נאָך אַלעם : צוגעשניטן און אַוועקגעלייגט.

א ר י ה

ווי אַזוי דען וועט די קאַץ קומען איבערן וואַסער ?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אפשר טאַקע מיט אים אַליין, עטלשי ?

ע ט ל

כ׳ווייס : אויב ער וועט זיך נישט שעמען ?

ק אָ פּ ל ע ק י ב א

דיך צו ווייזן פאַר די מוטער ?

ע ט ל

כ׳ווייס ?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

גערערגערט

נו, זוכט מע עפּעס אויס אַ פּאָרטל ; דו ביסט דאָך שוין, קיין עין הרע, – אַ מויד אין די יאָרן.

ע ט ל

פאַרשעמט

און וואָס זאָל איך טון ?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אויפגעבראַכט

זאָל איך דיר זאָגן ? ווער האָט מיר געזאָגט ביי דיין מאַמע, וואָס כ׳האָב צו טון ?... סך-הכל : נישט אַפילו אַזוי אַלט געווען ווי דו...

אַ ר י ה

לאַכט

דיר נישט איינגערוימט קיין סוד אויפן אויער ?...

קאָפּל־עקיבא

בייז

דיין מזל, וואָס דער שלימזל ביי מיר האָט זיך איבערגעדרייט, אַנישט: וואָלט דיר נאָך אויסגעקומען אַריינצוּוואַקסן אין גרויען צאָפּ אַריין..

אריה

שאַ־שאַ... צערייס דיר נישט דעם לעטניק...

קאָפּל־עקיבא

צעטראָגן

דו גייסט מיט אים אין שפּיטאָל, אין גאַס, אין קאָליע־גאָרטן, כ׳ווייס אייערע געגנ?... זעט מע פּאַר איינוועגס אויך אַריינצוקומען אין הויז צו אים, — די מוטער זאָל אויף דיר קאָנען וואַרפן אַן אויג, און ס׳זאָל נישט הייסן: דו ביסט אומישנע געקומען; ער אַליין, דער דאָקטאָר דיינער, ברויך אויכעט וויסן פון זיין קוש אין נאָז צו זאָגן...

אריה

וואָס קומט אויס ביים פענסטער, גיט אַ שפּרונג

קאָפּל, די מויער גייט!

פרוי עפּנער, דער דאָקטאָר

קומען ביידע אַריינצוגיין

קאָפּל־עקיבא

גיט אַ כאַפּ עטלען, דרייט איר אויס

שטעל דיך גלייך די מוטער אין די אויגן, — זי זאָל דיך קאָנען זען..

אָנגעשטרענגטע מינוט.

עטל

נישט אַהין און נישט אַהער

אַ שיינער טאָג אין דרויסן.

דר׳ עפּנער

נישט אַהער און נישט אַהין

שיין, נאָר קאַלטלעך; אַ קאַלטע זון.

פ ר ו י   ע פ נ ע ר

וועלכע קוקט נאָכאַנאַנד אויף עטלען, נעמט ציען די ווערטער

יאָ... דאָס מיידל געפעלט מיר; ס'אי דאָ אויף וואָס צו קוקן...

א ר י ה

גיט אַ כאַפּ אַ שטיק פאָרצעליי

מעג מע ברעכן טעלער?

פ ר ו י   ע פ נ ע ר

ציט

נישט גערן געזען, ס'זאָל זיין אַזוי איבערגעאיילט...

א ר י ה

אויב ס'מיידל געפעלט, וואָס זאָל מע אויפהאַלטן ס'גלות?

פ ר ו י   ע פ נ ע ר

כ'בין שוין דאָ, פאַר איינוועגס, — זיך אַדורכשמועסן; נאָך געוויס גע-
בליבן פון עפּעס צו רעדן...

א ר י ה

אויב אַזוי, גייט אייך, קינדער; חתן-כלה ברויכן נישט זיין דערביי, ווי
מחותנים וועלן צווישן זיך אַדורכקומען...

ק אָ פּ ל   ע ק י ב א

נישט קיין באַהאַלטענע זאַכן; מ'וויל נישט פאַרקויפן קיין קאַץ אין זאַק.
גיט אַ קניפּ עטלען אין באַק אַ מיידל, — נאָר אַ ברכה צו מאַכן איבער איר...
גיט זיך אַ דריי אויס איר וועט מיר מוחל זיין: איין רגע! *אָפּ*.

ד ר׳   ע פ נ ע ר

וואָס האָט אונז אייער פאָטער אָפּגעטרעטן?

ע ט ל

ער גייט אַוועק, איז אַלץ איינס ווי ער וואָלט דאָ געווען. *ליבלעך* וואָס
איז, איר האָט היינט אויסגעפעלט אין שפּיטאָל, דאָקטאָר?

ד ר׳   ע פ נ ע ר

מ'האָט מיך אויסגעקוקט?

עטל

מיר געווען אַ חידוש: איר זאָלט עס אַזוי לאָזן; מיט אייך אפילו, ווייסט איר, אַז מ׳האַקט זיך די הענט אָפּ פאַר אַ שטיקל דאָקטאָר...

דר׳ עפּנער

זיך עפּעס געמאַכט?

עטל

ניין; דער רויטער זעלנער, וואָס מ׳האָט אים נעכטן אָפּגעשניטן אַ פוס, — האָט אָפּגעדאַנקט..

דר׳ עפּנער

נו... אים זאָגאַר מיט מיין קומען קנאַפּ געקאָנט העלפן; ער איז נאָך נעכטן, איידער מ׳האָט אים דעם פוס אָפּגעשניטן, — געווען טויט; און די אַנדערע, וואָס מ׳ברויך זיי בלויז איבערבינדן, ווייס איך, — כ׳האָב מיך דערמיט אויף אייך צו פאַרלאָזן...

עטל

עפּעס נייטיק באַדאַרפט צו זיין אין הויז?

דר׳ עפּנער

צוליב מיין מוטער.

עטל

אייער מוטער?

דר׳ עפּנער

יאָ; געוואָלט רעדן מיט מיר איבער דעם ייד...

עטל

וואָס פאַר אַ ייד?

דר׳ עפּנער

וואָס אייער פאָטער האָט געשיקט.

עטל

צערודערט

וואָס האָט מיין פאָטער געהאַט צו שיקן אַ ייד?

אריה

אַ מיידל ברויך נישט וויסן פון אַלעם ; אַ מיידל קומט צום גרייטן, און ...וט ווי מ׳הייסט איר.

עטל

רופט

טאַ-טע !

קאַפּל-עקיבא

פון די אַנדערע שטוב

באַלד, אוצר, — כ׳קום באַלד אַריין...

עטל

און איר ווייסט, דאָקטאָר ?

אריה

אַזוי ווי זי וואָלט נעבעך גאָט די נשמה שולדיק געווען ; וואָס מאַכסטו דיך אַזוי קלאָצעוואַטע ?

דר׳ עפּנער

אָפּגעהאַקט

און מיין מוטער האָט שוין דערנאָך זיך געוואָלט מיט מיר אַדורכגיין, אַדורכרעדן...

עטל

אויפגערודערט

טאַ-טע !

קאַפּל-עקיבא

שוין ! שוין ! וואָס רודערט זי דאָרטן אַזוי פיל אַרום ?

אריה

ב׳פּאַרשטיי נישט : אַזוי אַרומגיין אונטער די אויגן, אין די גערטנער, ויצן אין די סעדער, — יאָ ; און אַז מ׳נעמט רעדן דערפון אָפן, — קומט שוין אַזוי צו קריכן פון די הויט ?

קאָפּל-עקיבא

קומט צוריק, טראָגט אַ טאַץ גלעזער טיי

שוין! שוין! מ'קאָן נישט אַליין איבער אַ רגע, טאָכטערשי; בלויז צוויי הענט, איז מיר איינע פון זיי, ווייסטו, קראַנק; און דיין מאַמע איז נישט ס'מענטש דערצו... שטעלט פאַר זיי אויפן טיש נישט אָפּזאָגן פון כבוד און ועלן פאַרשעמען?

עטל

דער טאַטע האָט דאָך מיר געקאָנט זאָגן.

קאָפּל-עקיבא

גאָרנישט אָפּגעקומען, זעסטו.

עטל

טאַטע, דו האָסט געהייסן אריהן אַריבערגיין?

אריה

נישט פון מיין קאָפּ אַרויס געוועזן...

קאָפּל-עקיבא

וואָס פלאַמען דיר די בעקלעך אַזוי? כע-כע-כע... ס'קומט נאָך דערפאַר נישט אַזוי רויט צו ווערן...

עטל

אַזוי אַלטמאָדיש: דורך אַ שדכן... און, אויף די מינוט?

קאָפּל-עקיבא

כ'וועל וואַרטן ביז ס'וועט פון זיך אַליין אַרויסקומען, כע-כע... וועט פריער ס'וואַסער פון טייך אָוועקשווימען... כע-כע-כע... איר זענט יונג, און האָט צייט; איך בין עלטער, — וויל איך אַריינכאַפּן... כע-כע... וואַרטן: ביז איר וועט זיך אויסשעמען? פּיצלעך קינדער?... כע-כע-כע. . ווייסן נעבעך נישט, וואָס חתונה האָבן איז? צו אים דיר, אסור, ברויכן לייגן אַ פינגער אין מויל אַריין...

אריה

ציפּט אים פאַרן אַרבל

כ'מיין עפּעס...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

און זי, ס׳מיידל מיינס, — מעג שוין אויבעט הערן שופר בלאָזן...

א ר י ה

ציפּט אים אַזוי אייגן פאַרן אַרבל

כ׳מיין עפּעס...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

פלאמט

כע־כע־כע... כ׳ברויך נאָך אויפקלויבן אויף חתונה־הוצאות ?... אָדער, נישט האָבן וואו זיי אַהינצוטון ?.. *פּראַלט אויף די טירן* קוקט־אָן שטובן, ווי די וועלדער ; ס׳גייען פאַרביי טעג, וואָס מ׳שמעקט אין זיי נישט אַריין ; זיי זען די לעבעדיקע שיין נישט פאַר זיך... אויף וואָס האָב איך געזוכט אָנ־צוקריגן דאָס הויז ? איך ברויך אַ הויז ! ? די מאַמע ?... נישט : פאַר איר מיטן מאַן, ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר... און מילקע, אום ירצה השם...

ד ר ׳ ע פּ נ ע ר

יאָ, ס׳זאָל נישט זיין אַזאַ טויטע וועלט... מענטשן זאָלן לעבן... ווער איז היינט ביי זיך, ער זאָל קאָנען דעריבער קלערן ?... מ׳זעט נישט : ס׳זאָל עמעץ ערגעץ חתונה האָבן... יונגע עלטערן זיך, עלטערע נעמען אויף זיך די יאָרן, און האָפן : אַז מ׳וועט־זיי, זיי נישט רעכצנען... ווייל סאַ־צייט, וואָס מ׳וועט איר פיליכט איינגאַנצן אויסמעקן, און נישט וועלן רעכענען...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

באַבסקע רפואות ! זאָלן זיך אַנדערע מיט זיי היילן... כע־כע־כע... כע־כע... די יאָרן, וואָס גייען אַוועק, זענען פאַרשפּילט אויף אייביק ; די יאָרן וואָס מ׳נעמט אויף זיך, וועט מע שוין פון די פּלייצעס נישט קאָנען מער אַראָפּוואַרפן ; די מיידלעך טרייסטן זיך מיט האַרץ־חלשות : מ׳וועט זיי נישט רעכענען, אָבער די טאַטעס זייערע ווייסן : אַז מ׳וועט זיי יאָ קוקן אין די ציין אַריין ! אוי, ווייסן זיי ! נאָר וואָס קאָנען זיי נעבעך טון ? מוזן דאָס צוקוקן, און קאָנען זיך אפילו נישט נעמען אויפן רעיון זיי צו העלפן : חתונה האָבן ! ווייל, די מלחמה האָט זיי צום קאָפּ געזען...

ד ר ׳ ע פ נ ע ר

די גאַנצע וועלט צום קאָפּ געזען...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

נישט קאָפּל־עקיבאן; איך בין איינער, אויסגענומען פון די גאַנצע וועלט; און אויב ס׳איז אַלעמען אַוועק מיט די פּוטער אַראָפּ, — בין איך ערשט ביי איר אויפן פערד אַרויף; האָט מיר גראָד איצט ס׳מזל צוגעשפּילט; און וואו מ׳גייט אויס פאַר אַ שטיקל ברויט, ביי מיר אין שטוב, אין מיי־נע דלת־אמות, — ווייסט מע נישט, ברוך השם, דערפון; דאָ איז ס׳גן־עדן התחתון; גאָלד און זילבער וועגט מע דאָ אויפן פּוד; מיט די ברי־ליאַנטן קאָן מע אויסזעצן די ווענט; אין מילך מיט האָניק באָדט מע זיך; ווייַן פאַר וואַסער טרינקט מע...

ד ר ׳ ע פ נ ע ר

שוין באַלד באַשטאַנען, ווען כ׳זאָל נישט דינען די קליידער; מ׳האָט מיך נישט פאַרשיקט, אייַנגעשפּאַרט ווי יעדן איינעם, וואָס מ׳האָט פאַרנומען, בלויז דערפאַר, — כ׳זאָל ווייטער קאָנען אומגיין מיט קראַנקע אין שפּי־טאָל; און כ׳בין, אַלצאיינס, — אַ זעלנער, נישט ביי זיך אין די הענט; און אויב מ׳וועט קאָנען אויסנעמען ביי די קליידער, זיי זאָלן מיך אַרויס־לאָזן, — מיך געוויס נישט לאָזן בעטן...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

יונגערמאַן, אויב דו ווילסט חתונה האָבן מיט מיין קינד, זאָג דאָס אים, קאָפּל־עקיבאן, — און די קליידער וועלן דיך נישט פּענטען; ער איז גע־נוג דערצו, די־והותר, און באַשטייט פאַר אַלצדינג, פאַר אַ האַלבע מלחמה אפילו; און אויב ער זאָגט, — מעג מע בויען אַן אייזערנע בריק אויף זיינע רייד...

ד ר ׳ ע פ נ ע ר

און די שווערד?

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין

אים האָבן, קאָפּל־עקיבאן, פון הינטן שטיין, — מעג דאָס שווערדל טאַקע גיין אַ טענצל אַצינד...

א ר י ה

אַז דו זאָלסט דיך קאָנען איינהילן אין אים ? אין קאָפּל-עקיבאס הייזער ! אין קאָפּל עקיבאס דערפער ? אין קאָפּל עקיבאס, כע-כע-כע...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

קאָפּל-עקיבא האָט נאָך אַחוץ דעם אַסך גאָלד, און די מלחמה חלשט דערפאַר ; זי קאָן זיך נישט זאַט עסן מיט בלויז פליש, און מוז האָבן גאָלד פאַר אַ צושמעלצונג...

פ ר ו י ע פּ נ ע ר

מ׳ווייסט : דאָס פאַרן רויטן בלישטש פון גאָלד, ווערט אַמאָל בלאָס די ווייסע שווערד, גיט אַ ציטער און קניט אַנידער ; די עפּנערס האָבן אָבער קיינמאָל נישט דערפאַר געקניט, און אַצינד אויכעט נישט קניען ; דאָקטאָר עפּנערס זון : אים געהאַט צו איין-און-פערציק יאָר... פינף און צוואָנציק יאָר אויף אים אַרויסגעקוקט... איין-און-איינציק ביי די מאַמע... דעם פאָטער זיינעם אויפן טויטן בעט די האַנט געגעבן, דאָס זיין געדעכעניש וועט נישט אָפּשטאַרבן מיט אים... פאַרשטעלט זיך ס׳פּנים מיטן טיכל.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

דערמיט וואָס ער וועט ווערן מיין קינד, וועלן פון זיין פאָטערס נאָמען נישט בלייבן בלויז די אָפּגענוצטע אותיות אויף די מצבה. נאָר ער וועט ערשט אָנהייבן לעבן, און זיך צעוואַקסן אין דער ברייט און אין די לענג ; איך וועל דאָך דאָס ערשט אויסן זיין, און נישט, – ס׳זאָל, חלילה, פונם געמינערט ווערן ; איך וועל זען : ס׳זאָל אַרויסקומען אַ נייער דור, קאָפּל-עקיבאס אַ דור ! ס׳איז איצט אַ וועלט פון תחית-המתים, טויטע ווערן לעבעדיק ; נישט איך אַליין בין בלויז ניי-געבוירן, און גענומען אויף זיך אַ נייע הויט, נאָר די גאַנצע וועלט ווערט נאָך אַמאָל איבער-געבוירן, און די עפּנערס אויך מיט איר, – נאָר אויף אַן אַנדערן שטייגער, אויף קאָפּל-עקיבאס שטייגער ; מיטן אָפּשטאַרבן פון די פריערדיקע וועלט איז נישט בלויז אָפּגעשטאָרבן לעקיש-בער פון די ראָגאַטקע, נאָר די עפּנער׳ס זענען אויך געוואָרן טויט אונטער די אויערן ; ס׳איז געוואָרן קאָפּל-עקיבאס וועלט ! און אויב ער זאָגט : ס׳אַ שיינע וועלט, מעגן אַלע נאָכזאָגן, – אמן ! אמן ואמן !... כע-כע-כע... וואָס האָב איך

געהאַט פון איר, ווען זי האָט געבליט, די אַלטע וועלט, און ס׳איז אויף מיר געלעגן אַ באַרג ערד, געוואַקסן שימל? נישט טויזנט מאָל גלייכער, אַז קאָפּל־עקיבא קאָן רייטן אויף איר, אָנטרעטן אויפן קאַרק...

פ ר ו י ע פ נ ע ר

שטייט־אויף, שווער

אויב אַזוי, וועל איך פריער דאַרפן אַרויסגיין, אָנקלאַפּן ביי אים אויפן קבר, און מחילה בעטן: ער זאָל קיין פאַריבל נישט האָבן אויף מיר, — ווען כ׳מוז זיין זון אַוועקגעבן נישט צו זיינס גלייכן, — ווייל ס׳איז נישטאָ שוין מער זיינס גלייכן אויף די וועלט דאָ...

א ר י ה

גיט זיך אַ וואָרף אַ טעלער אין דרערד

מזל טוב! קאָפּל־עקיבא האָט איינגענומען די מויער!...

ט ו י ב ע

אויף די שוועל, מיטן געשאָכטענעם הינדל אין די האַנט, — צעשראָקן

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

מיטן גאַנצן כּח

גר־אַ־טש!

ט ו י ב ע

פאַרלוירן

לעקיש־בער אים גערופן; ביי מיין נאמנות, — לעקיש־בער אים נאָכגעשריגן...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

איינגעטונקט אין בלוט

כ׳זאָל די איינע זכיה האָבן ביי גאָט, אויב כ׳בין עס ווערט, — ער זאָל זי צונעמען פון די אויגן; און איר נישט ברויכן אָנקוקן מער...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

צווייטער אקט

ניט לאַנג דערנאָך.
אין די זעלביקע שטוב.

עטל, דר׳ עפּנער

קומען פון די אַנדערע שטוב.

דר׳ עפּנער

דו וועסט געגוג האָב צו טון, ביז די שטוב וועט מיט אַלעם זיין איינ־געשטעלט.

עטל

איך קאָן נאָר צענעמען די העגט, אַז דער טאַטע כאַפּט זיך אַרויס; ווען ער איז דאָ, — טאָר איך מיך צו גאָרנישט צורירן; וואָלט גערן אַלץ אַליין איינגעשלינגען. די גאַנצע אַרבעט.

דר׳ עפּנער

גרויסאַרטיק זיין, אויפצונעמען קראַנקע

עטל

נישט האָבן צו שעמען מיט איר פאַרן גרעסטן דאָקטאָר, אין וועלכע ס׳איז גרויסע שטאָט... ליכטיק... געררים... אַלע דריי פענסטער גייען אַרויס אין די גאַס... יאָרן צוריק ווען אין דעם הויז איז איינגעשטאַנען דער רוסישער פּאָלקאָווניק, פלעגן זיך אין איר צונויפקומען אַלע אָפיצירן מיט זייערע ווייבער הוליען; כ׳בין געווען אַ קליין מיידל, פלעג איך מיך מיט די אַנדערע קינדער מיטכאַפּן פון די ראָגאַטקע, און שטיין ביז נאָך די האַלבע נאַכט — געוואָלט הערן שפּילן, און זען: ווי מ׳טאַנצט...

דר׳ עפּנער

נאָך אַ גליק: דער טאַטע דיינער האָט שוין קיין גרעסערע שטוב אין הויז נישט געהאַט.

עטל

ער הרגעט זיך גאָר אַוועק פאַר איר; נעכטן אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען, און אויסגעפּרוווט ס׳גלעקל ביי די טיר; אַוועק אין די ווייטסטע שטוב, און מיך געהייסן קלינגען ..

דר׳ עפּנער

אַזוי אָפּגעשראָקן איז ער, כ׳זאָל נישט הערן?

ע ט ל

אויפן בוידעם איז ער אַרויף, און מיך געהייסן קלינגען ; אין קעלער אַרונטער, — און מיך געהייסן קלינגען...

ד ר׳ ע פ נ ע ר

מיינט : כ׳בין טויב ? דיר איינגעהאַנדלט אַ טויבן מאַן ?

ע ט ל

ער קוקט שוין אַזוי אויס, ס׳זאָלן אָנהייבן קומען קראַנקע, כע-כע-כע... וואָלט זיך אודאי נישט געשעמט : אַליין אָוועקצושטעלן ביי די טיר, זיי אָפּנעמען...

ד ר׳ ע פ נ ע ר

וואו איז ער ערגעץ אַנטקומען געוואָרן אונטער די האַנט ?

ע ט ל

ווער ווייסט : אויב ער לויפט נישט אַרום איבער די הייזער, זיי זוכן... כע-כע-כע...

ד ר׳ ע פ נ ע ר

כאַ-כאַ-כאַ...

ק אָ פּ ל ע ק י ב א

פון גאַס

וואָס האָט מע צוגעמאַכט די פענסטער ? קומט אַריין, טראָגט בילדער די פאַרב ברויך טרוקענען, און זיי מוזן אָפּן שטיין. צום דאָקטאָר האָסט אַ גרוס פון די מאַמע.

ע ט ל

וואָס זי ברענגט נישט אַהער, ברענגט דער טאַטע צו טראָגן.

ד ר׳ ע פ נ ע ר

צוריקגעזעצט

געהאָנגען אין טאַטנס שטוב, אויף די ווענט.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַז ס׳אי נישטאָ קיינער מער דאָרטן, וואָס זאָל קוקן דאַרויף, — זאָל דאָ כאָטש עמעץ אַ הנאה האָבן דערפון...

ע ט ל

כ׳וועל זאָגן די שוויגער, זי זאָל דיך נישט אַריינלאָזן; אַנישט, — דיר קוקן אויף די פינגער, וואָס דו טראָגסט אַרויס פון הויז.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כ׳שפּאָר איר בלויז איין אָן אַרבעט.

ע ט ל

נישטאָ דער טאָג, — זי זאָל נישט קומען מיט עפּעס...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

לעבעדיקע הירשן, עכטער שני, און די וועלף? וואָס מער כ׳קוק אויף זיי, מער דאַכט זיך מיר, — זיי ווילן אַרויסשפּרינגען, און מיך צערייסן אויף שטיקער...

ע ט ל

די ווענט וועלן גאָר אַנדערש אויסזען, ניין, דאָקטאָר?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַ ביסעלע צו גוייש; נאָר, — ביי אַ דאָקטאָר אין שטוב? ס׳קרענקען דאָך גויים אויכעט...

ע ט ל

לאַכט

ס׳קאָן אים נאָך איינפאַלן אַוועקצושטעלן אַ צלם

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ביי מיר הענגט נאָך דערווייל דער ווילנער גאון... שטעלט זיך אויף אַ בענקל אויסגלייכן דיין ברידערל האָט אים שוין נישט איינמאָל געוואָלט פאַר־טאַכלעווען, נאָר איך האָב מיך איינגעשטעלט פאַרן, — איז ער געבליבן הענגען אין אַ ווינקעלע, פאַרוקט; מאַ, ער וועט מיר קיין פאַריבל נישט האָבן, דער צדיק! גלייכער: ווי ער וואָלט ערגעץ געלעגן, און זיך געוואַלגערט אויפן בוידעם..

פ ר וי ע פּ נ ע ר

קומט אַריין

כ קום שוין צום צווייטן מאָל היינט; מיך נאָך אָפּמיאוסן, און אוודאי נישט וועלן גערן זען...

עטל

ס'אי די שוויגער באַנג, — און קאָן זיך אַליין אין הויז נישט דער־האַלטן.

פרוי עפנער

זעצט זיך, שווער

מ'בעט דאָך דאַרויף! גאָט העלפט אין דעם אופן: מ'גיט אויס אַ קינד איידער מ'האָט, חלילה אַ באַטריבט האַרץ; ס'אי באַנג און גוט, מ'קוקט זיך צו, ווי ס'ווערט אָפּגעפרעמדט אייגן בלוט.

קאָפּל־עקיבא

אויב ס'איז די מחותנתטע פּשיקרע אַליין צו זיין, — וועל איך נאָך אויס־קראַצן אַ שטיקל אָרט פאַר אירטוועגן אויכעט; געווגע שטובן; מיך אפילו באַשטיין צוצוקוועלן...

עטל

די שוויגער וועט אַריינגיין זען דעם דאָקטאָרס שטוב?

קאָפּל־עקיבא

ס'אי דאָ אויף וואָס צו קוקן.

פרוי עפנער

נעמט אויספרייטן אַ שאַל

נישט געקומען ליידיק.

עטל

נאָך עפּעס געבליבן דאָרט? ס'וועט גאָר קיינמאָל נישט אויפהערן?

פרוי עפנער

דער שאַל איז אַלט. מיין גאָטזעליגער מאַן האָט אים מיר נאָך פאַרצייטנס, ווען ער פלעגט אַרויספאָרן צווישן דאָקטוירים קיין אויסלאַנד, — פון דאָרטן געבראַכט; מיין צייט אים אָפּגעטראָגן, — זאָל ער דיר זיין אַזוי מזלדיק מיט דיין מאַן, ווי ער איז מיר מיט מיינעם געווען. קושט איר אין קאָפּ.

קאָפּל־עקיבא

כינעזער מיט צעפּ; האַלטן אָפּן די מיילער, און טאַנצן...

עטל

פּאַמעלעך, טאַטע, — ס'אַן אַנטיק־זאַך; מ'קריגט דאָס פאַר קיין געלט נישט צו קויפן.

קאָפּל־עקיבא

נישטאָ אַזאַ זאַך, מ'זאָל נישט קריגן פאַר קיין געלט; אַז כ'האָב דיין מאַן געקריגן? מ'ברויך אַ גרעסערן אַנטיק פאַר אים?

עטל

ער וועט מער זיין אַ פּראַכט אין מיין מאַנס שטוב, אויף די וואַנט, — ווי ביי מיר אויף די אַקסלען, כ'וועל אים טראָגן.

קאָפּל־עקיבא

אויפהענגען אַ שאַל אויף די וואַנט, — דערצו וועט זיך קאָפּל־עקיבא גיכער אויסטויגן. אָפּ מיט איר.

דר' עפּנער

נאָך אַ ווײַלע

די מאַמע גייט נישט אַריין זען די שטוב?

דר' עפּנער

שווער, כּמעט דורך טרערן

מער ווי הונדערט יאָר איז געשטאַנען אַ מויער, און די עפּנערס האָבן פון איר אַרויסגעלייכט.

דר' עפּנער

נישט אויפגעהערט לייכטן, דערווײַלע.

פרוי עפּנער

כ'קום אַריין אין הויז, נעמט מיך אַרום אַזאַ פינסטערניש, אַזוי ווי די עפּנערס ליכט וואָלט אויף אייביק געווען פאַרלאָשן.

דר' עפּנער

אויף אַ מויער קאָן קומען אַ פייער, אַ וואַסער; אַנטיקן ווערן פאַר־ברענט; דער שטאַם בלייבט.

פרוי עפנער

און אַ שטאָם גייט אונטער אויף אַן אַנדערע ערד ; דער זאַפט אין די וואָרצלען טרוקנט אויס, און זיי נעמען זיך ברעכן... קרישלען...

דר׳ עפנער

זי איז טאַקע נישט איידל געבוירן, אָבער אַ מענטש, ווי פראָסט ער זאָל נישט זיין, — דרעמלט אַמאָל אין זיין בלוט אַן איינגעבוירענע איידלקייט, וואָס באַשיינט און באַחנט אים ; און אויב דאָס איז נישט אין בלוט, — אַרבעט זיך עס פון זיך אַליין אויס...

פרוי עפנער

מיך דעריבער צוגעבויגן, ווייל צווישן פאַרגרעבטע לייט כאַפּט זיך אַ סך מאָל אַרויס איינער, — וואָס די איינגעבוירענע איידלקייט זאָל ביי אים אַרויסשיינען פון אונטער די גראָבע הויט...

דר׳ עפנער

ס׳הויז איז אַ ביסל רוי, פאַרגרעבט... נישט גרינג אָנקומען זיך אין דעם איינצולעבן... נישט באַדאַרפט גאָר דאָ אָפּשטעלן און פאַרבלייבן... איר אַריבערנעמען צו זיך... פאַרזעצן דאָסביימעלע איז אונזער גערטל, און ס׳זאָל דאָרטן בליען...

פרוי עפנער

נאָך אַ ווײַלע

כ׳וויל האָפן : אַז די עפנערס וועלן זיך אומעטום דערהאַלטן ; און פון די גראָבקייט אויך אַרויסשיינען...

עטל

אין דער טיר

אַזוי פאַרקאָכט אין די מאַמע... איר נישט בלויז מיטגענומען זען די שטוב זייבע, נאָר אפילו אין שפּיטאָל ביי איר פאַרגעסן ; ווי אינגאַנצן דערפון די הענט אַוועקגענומען...

דר׳ עפנער

כע־כע־כע... דאָס שפּיטאָל ווערט שוין טאַקע גוט אויסגעריסן ביי מיר...

די גרעסערע העלפט פונם טאָג אַוועק, און מיך נאָך פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט...

פ ר ו י ע פ ג ע ר

שטייט אויף

מיך אויף פאַרנעמען אַהיים.

ע ט ל

שוין ? אַזאַ קורצער וויזיט ?

ד ר ׳ ע פ ג ע ר

איידער דו זאָלסט אַוועקגיין און דערנאָך ווידער קומען, איז גלייכער זאָלסט דאָ איבערזיצן דעם טאָג... ענדערט כ׳גיי בלויז אַריין נעמען דעם מאַנטל... אָפּ מיט עטלען.

ט ו י ב ע

קומט אַריין, פאַרקאַטשעט ס׳קלייד, פאַרקאַשערט די אַרבל איבער די הענט, טראָגט אַ שיסל וואַסער, — צוריקגעהאַלטן

נישט געריכט דאָ צו טרעפן..

קוקן זיך שטים אָן.

ט ו י ב ע

לאָזט פאַמעלעך אַראָפּ די שיסל וואַסער, נעמט איר אונטערן אָרעם, וואָס זי לאָזט זיך נישט זייער גערן, און פירט זיך מיט איר אַרום איבער די שטוב,— טראַציק און אָפּגעשראָקן, ביידע אינאיינעם.

פ ר ו י ע פ ג ע ר

פאַרשטעלט זיך די אויגן, פאַרשטיקט

כ׳וויל מיך נישט לאָזן פירן, בלינד נאָכגיין...

ט ו י ב ע

זעצט זיך אַוועק, לאַקאָניש

די מאַדאַם געדענקט מיך ?

פ ר ו י   ע פ נ ע ר

כ׳בין נישט קיין מאַדאַם; אַ מחותנתטע אייערע..

ט ו י ב ע

אַמאָל אַז אייער שנור, מיין טאָכטער, האָט קליינערהייט געכאַפּט אַ דערקילונג אויף די לינגלעך, — האָב איך מיר געשאַפּט צוויי רובל, און אַריבערגעגאַנגען צו אייער מאַן, ער זאָל דעם קינד עפּעס פאַרשרייבן...

פ ר ו י   ע פ נ ע ר

ס׳זענען צו מיין מאַן געקומען אַ סך קראַנקע, און פון זייער ווייט,— ווער קאָן זיי געדענקען?

ט ו י ב ע

האָב איך זיי געברויכט איבערצוּוואַרטן... דאָס פּיצל האָט זיך מיר אַראָפּ־געריסן פון די הענט, געוואָלט שפּילן מיט די צאַצקעס... איז דערוויילאַריינגעקומען צו לויפן אַ קליין יינגעלע, און איר גענומען גלעטן ס׳הענטעלע, — האָט איר אויפן אָנגעשריגן, ער זאָל זיך נישט שפּילן מיט איר...

פ ר ו י   ע פ נ ע ר

אים צו קיין שום קינד נישט צוגעלאָזט; מיט קיין געזונטע קינדער צו מיין מאַן דאָך נישט געקומען, — וואָס אים ווידער געזאָלט מיט זיי לאָזן שפּילן? מיר דענסטמאָל ווער געזאָגט: אים באַשערט זיין דאָס מיידעלע צו האָבן פאַר אַ ווייב?...

ט ו י ב ע

יענעם אַליין אויכעט אין פּנים אָנגעשפּיגן.

פ ר ו י   ע פ נ ע ר

צייטן בייטן זיך.

ט ו י ב ע

איר ברויכט מיר נישט נאָכטראָגן קיין בייז הארץ... קאָפּל־עקיבא דעם גאַרבער דאָס צו פאַרדאַנקען; פריער געשוונדן פּגירות, אַצינד שינד ער מענטשן, נישט קיין חילוק: ער מוז זיך אָפּנעמען ס׳זייניקע, זאָגט ער, און שינדן; זיך איינגערעדט: ס׳קומט אים!...

פרוי עפנער

אים נישט געקומען, וואָלט ער נישט געהאַט...

טויבע

בחינם ס'קרענקען זיך, אויפעסן די לעבער; איר מוזט זיך צוגעוואוינען מיט אים ווי מיט אַ לונגענפעלער...

פרוי עפנער

נישט גרינג אָנקומען.

טויבע

אוודאי: אַז איר וועט זיך אַליין דאָרט אַרומדרייען הינטער די ווענט?... מיט אים דאָ, דאָס אייך נישט אַזוי שווער געווען... לייגט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, אַרבעטן כ'גיי־נאָך נאָך אַלעמען, און רוים, — נאָך אייך אויכעט נאָכגיין און רוימען; אַ חילוק: מיט אַ מענטש מער אָדער ווייניקער?...

פרוי עפנער

פאַרוואָס יעדן איינעם ברויכן נאָכגיין, און נאָכרוימען? גענוג: עס באַדאַרפט פריער צו טון, אין אָרימען שטאַנד.

טויבע

אַרבעט

כ'קאָן מיך נישט אָפּגעוויינען דערפון; און צוקוקן: ווי אַן אַנדערער טוט פאַר מיר; אַז כ'בלייב זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, איז מיר דער טאָג צו לאַנג; כ'קאָן די שעה נישט איבערקומען; כ'לייג מיך אַוועק רייבן די פּאָדלאָגע, — איז דאָס מיין ברויט מיט פוטער... פּאָסמאַקעוועט זיך, רייבנדיק כ'האָב עס ליב ווי מיין לעבן...

פרוי עפנער

ביי וועמען ס'וועלן זיך באַלד די הענט נישט לייגן, און ביי וועמען, — נישט אָפּשטיין דערפון; ווי איינער ס'ווערט געבוירן... אומגעדולדיק זוימט זיך עפּעס אַזוי לאַנג... רופט דאָקטאָ־ר!

דר' עפנער, עטל, נאָך זיי, — קאָפּל־עקיבא.

קאָפּל־עקיבא

דערציטערט

נר־אַ־טש! גיט איר אַ כאַפּ גיי נאָר אַריין, גיכער, — די קאַץ וועט נאָך אינעווייניק אַראָפּוואַרפן ס׳פלייש פונם זאַלצברעטל, און אומקערן די קאַן מילך, וועסטו אַפילו פאַרשפּאָרן אַ שאלה צו גיין פרעגן. שטעלט איר אַרויס מיט אַלעמען גאָטס קלאָג איז דאָס, גאָטס קלאָג! אַזאַ צעיוירענע בריאה? אַזוי ווי די מחותנתטע באַטרעט די שוועל, איז זי שוין דאָ, די שטאָלצע ראָגאַטקע...

עטל

די שוויגער גייט שוין אַוועק?

פרוי עפּנער

איידער כ׳גיי נאָך אַוועק, — נאָך גיכער צוריקקומען; מיך דען קאָנען ערגעץ דערהאַלטן?...

עטל

אפילו נישט האָבן געזען די שטוב?

קאָפּל־עקיבא

כ׳זאָג אייך: רייך! שטיינרייך! מ׳ווייסט נישט וואו פריער די אויגן אַהינצוטון; און דאָס איז ערשט אַן אָנהייב; נאָך אַזוי פאַראַרבעטן, — אַז מ׳וועט קומען צו לויפן, און קוקן ווי אויף אַ בייז וואונדער...

עטל

קושט דר׳ עפּנער ביים אַוועקגיין, — אין די ליפּן

אַז דו ביסט נישטאָ, איז מיר יעדע מינוט אַ יאָר...

דר׳ עפּנער

נישט לאַנג דאָרט פאַרברענגען; בלויז זיך אַרומקוקן...

פרוי עפּנער

קושט עטלען אין שטערן

מיין זון האָט זיך נישט גענאַרט אין דיר... אָפּ מיט אים.

ל ט ע

קוקט זיי נאָך ביז אין דרויסן אַרויס, און וואַרפט זיך אויפגערוימט שפּילן פּיאַנע.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

מיט אַ שטראַלנדיק געזיכט

באַגערט צו לערנען, אַ ?... קושט איר אין קאָפּ קליינערהייט שוין אַרומגעלאָפן אין אַלע פּריצישע הויפן, שפּילן אויף דעם ; אַזוי ווי זי וואָלט געבוירן געוואָרן דערמיט... הייבט די פּלייצעס אַ היימיש שטיקעלע גיב מיר צו פאַרזוכן... אַזוי, אָ, ס זאָל זיך צעגיין אין די ביינער, אין אַלע אברים... נעמט מיטזינגען דאָ בין איך ביי זיך אין די היים...

ל ט ע

דער טאַטע פאַרקריכט.

ט ו י ב ע

קומט ווידער אַריין מיט די שיסל וואַסער, ציט אַדורך אין די אַנדערע שטוב, און לאָזט פאַלן

כ'האָב שוין באַלד געקריגן וואַסער אין די אויערן פון איר שפּילן.. אָפּ.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כ'ברויך מיר לאָזן אַדורכקריכן אַ קוימענקערער מיט די בעזימער זיינע דורכן האַלז, — ער זאָל אים אויסקערן...

מ אַ ט ע ס

שטעקט פריער אַריין דעם קאָפּ, באַווייזט זיך אינגאַנצן

ביסט געווען דאָ די קאַץ ? רופט אין די אַנדערע טיר מילקע !

ל ט ע

אַ קאַץ אויף צוויי פיס. אָפּ.

מ אַ ט ע ס

שטייט זי ווידער אין גרויסן !... אין די אַנדערע טיר מילקע !... וואו האָט זי זיך ערגעץ געקאָנט אויפרוימען, דער שפּילרואַק ?...

קאָפּל-עקיבא

וואָס רודערט ער היינט אַזוי פּיל מיט איר אַרום?

טויבע

וועלכע געפינט זיך צווישן די טירן, וואַשט

ס'אי שוין באַלד איבער די נאַטור...

מאַטעס

דו וועסט נאָך היינט אַליין מוזן אַריבערגיין צום גענעראַל, דאָס וועט זיין דער סוף...

טויבע

אַ גענעראַל אָנגעקריגן...

קאָפּל-עקיבא

מילא, ער איז דאָך נישט קיין בער; וואָס איז דערמער מיט מילקען?

מאַטעס

געוואָרפן אויפן אַן אומחן, דער שפּילערזאַק, און גייט נישט; כ'ווייס נישט: וואָס זי נעמט זיך איבער?...

קאָפּל-עקיבא

קאָפּל-עקיבאס טעכטערל, כע-כע-כע...

מאַטעס

דער גענעראַל שטייט איר נישט אָן, די דאַרע זשמיִע...

קאָפּל-עקיבא

אַ קינד, מאַכט זיך נאַריש...

מאַטעס

זיך אַזוי וועלן נאַריש מאַכן, — ווען ער ביי דיר אָפּנעמען די לעדער?

קאָפּל-עקיבא

הייסט: ר'וועט איר נישט אָפּנעמען? נישט באַשטעלט?

מ אַ ט ע ס

אים רופן קנאַקניסל.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

מילא, וועט זי אים צוליב טון, נו?... ס׳ערשטע מאָל ווי זי גייט צו אים?...

ט ו י ב ע

זיך נאָך אָנמאַכן אַ קלאַג דאָרטן, די מויד, — אַז ער וועט איר האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

שפרינגט-אויף

וואו מ׳זייעט איר נישט, גייט זי אויף.

מ אַ ט ע ס

זי ברעקלט זיך, און אונטער די אויגן דרייען זיך אים מיידן, מיידן ווי די בערן: דעם לאָמען אַהרונס טאָכטער מיט די אָפּגעמאַליעוועטע באַקן; יאַנקל בעדערס מאַלפּע, וואָס לאָזט זיך אַריין טראָפּנס אין די שליפיעס, — זיי זאָלן איר בלישטשען; יענע קוקן דאָך נאָר אַרויס אויפן ברוגזל...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

די חלה איז געגנוג גרויס; וועלן פון איר אָנבייסן אַ שטיק, — זאָל זיי וואויל באַקומען.

מ אַ ט ע ס

אַז זיי וועלן קריגן אַן אוי׳ג ביי אים, וועט שוין מילקע דערנאָך דער-גרייכן אַ פּייג...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כ׳וויל נישט אַראָפּשלינגען די גאַנצע בייגל; כ׳בין גאָרנישט אַזאַ רץ-להעשיר.

מ אַ ט ע ס

נעמט אָפּגיין

איך וועל איר שוין צוקאָפּנס שטיין.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

משוגענער! וואָס האָט ער זיך ווידער אַזוי אָנגעבריט?

מ אַ ט ע ס

פון די שוועל אַראָפּ

ווי לאַנג דער אויוון באַקט, ס׳אייזן גליט... אַזוי גיך וועט זיך די וועלט ווידער אַוועקלייגן חולה, און געשוואָלן ווערן ווי אַ באַרג, — מ׳זאָל איר קאָנען איר רעכטס טון?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ביז זי וועט קומען צו זיך, קאָנען אַוועקשטעלן אויף די פיס, נאָך געבן אויף אַ גאַנץ פיינעם מאָלצייט אָפּצוועסן...?

מ אַ ט ע ס

איך וויל מיך נאָך נישט לייגן אין הקדש אַריין... אָפּ.

ט ו י ב ע

אַזוי פיל בריליאַנטן ער האָט, דער יונג, — זיי נאָך ברויכן אָנצוטון אויף די נאָז; קאַרג די מיליאָנען, ער מוז האָבן נאָך, ר׳זאָל קאָנען אין זיי אַוועקשווימען, און דערטרינקען ווערן...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

גראַטש!

ט ו י ב ע

מ׳ברויך זיין פון אייזן שטאַרק, מ׳זאָל דאָס קאָנען איבערהאַלטן; צוקוקן, — ווי ער שאַרפט אויף איר אַ מעסער, אַ קאַלטס.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

געקרענקט

עטל! זי קומט וואו ביסטו ערגעץ?... כ׳וואָלט נאָך געקאָנט אָנקומען צו דיר, זאָלסט מיר אַריינברענגען אַ גלעזל טיי, — און נישט קריגן די ביינער אָנגעבראָכן?... כע-כע... אַ דאָקטאָרס אַ ווייב, כ׳גיי מיט איר שאַפן, כ׳ווייס?...

ע ט ל

וואָס בעטסטו נישט ביי די מאַמע?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

די מאַמע, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, — ס׳ניגעלט זיך מיר צו-

טרינקען פון איר ; אין דעם הולך, אַז זי וועט עס מיר צוטראָגן... עטל אָפּ.

ט ו י ב ע

אַ ריינער מענטש געוואָרן, לעקיש-בער...

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

טויבעלע שליאָך! נעמט אַרויס אַ שאַכטל שערלעך, צוועגלעך מיט שטעכערס, און שטעלט זיך אַריין אין שפּיגל מילא, די באָרד וועל איך דאָך נישט רירן ; אָבער די האָר אויפן שטערן, זענען דאָך אודאי איבריק...

ט ו י ב ע

דו ביסט אַליין אויכעט איבריק...

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

איר ברויך מע דאָ געניטיק האָבן, די שטאָלער ראָגאַטקע, — זי זאָל זיך אַרומדרייען ; וואָס די וועלט קאָן אָנווערן, — אַז זי וועט זיך נישט אַרומדרייען ?

ט ו י ב ע

איך האָב שוין לאַנג באַדאַרפט צו שטאַרבן ; מיט דער מינוט וואָס פון לעקיש-בער איז געוואָרן קאָפל-עקיבא, — שוין נישט באַדאַרפט לעבן מער ; נאָר, כ'לעב...

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

פאַר אַ זכר לחורבן.

ט ו י ב ע

אָ-אָ !... ס'זאָל דיר כאָטש מיט מיר זיין צום טויט ; שוין גאָרנישט נאָכשלעפן נאָך דיר, — נישט געדענקט פון וואַנעט דו קומסט אַרויס ? און געהאַט פאַרגעסן אָן די שטאָלער ראָגאַטקע ?...

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

ווי לאַנג כ'וועל דיך זען, — זי מיר אַלץ שטיין פאַר די אויגן...

ט ו י ב ע

און אויף צומאָרגנס זיך גלייך אַריינגענומען עפּעס יינגערס; עפּעס שענערס...

קאָ פּ ל - ע ק י ב א

נישט גלייך אויפצומאָרגנס...

ט ו י ב ע

האָסט שוין עפּעס אַ יפי-פיה, מיט בעקלעך? מיט פיסלעך? אַן אָנגע-מאָלטע ליאַלקע?..

קאָ פּ ל - ע ק י ב א

נישט קיין יפי-פיה, קיין אָנגעמאָלטע ליאַלקע, מיט בעקלעך, מיט פיסלעך, נאָר מיינסגאַל, וואָס זאָל זיך אויסטויגן פאַר קאָפּל-עקיבאן; קאָנען מיט איר אַפּירקומען צווישן מענטשן, און מ׳זאָל קוקנדיק אויף איר, דערקע-נען, — ווער קאָפּל-עקיבא איז!...

ט ו י ב ע

אודאי, די מחותנתטע דיינע...

קאָ פּ ל - ע ק י ב א

אָ-אָ-אָ!

ט ו י ב ע

מיט גאַל

אַז דו וועסט דאָס דערלעבן, וועסטו משיחן אויכעט דערלעבן.

קאָ פּ ל - ע ק י ב א

אויפגעבראַכט

גראַטש!

ט ו י ב ע

קלוג, און דאָך אַרויסגעקריגן, — מיט וואָס ער טראָגט זיך אַרום... אָפּ-

קאָ פּ ל - ע ק י ב א

בע-כע-כע... פאַרן שפּיגל אָבער אָנגעוואַקסן: אויף די נאָז, איבער די

אויגן, אויערן, — מ׳זעט גאָר קיין ליידיק שטיקל הויט נישט אַרויס; עס וואַקסט איבער אַ נאַכט, ווי מ׳וואָלט אונטערגעלייגט הייוון; ווי ווילדע קראַפּיווע אין אַ ווייגאָרטן...

ע ט ל

קומט מיט טיי

נ׳טאַטן אַ נייע הויט אויף די הענט אַרויפגעצויגן, — אויפן פּנים אויכעט ס׳אייגענע באַוויין צו טון...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ווי דערלעבט מע שוין עפּעס צו זען פאַר די אויגן?... פּכע... א פּנים ווי אַ ריבאייזן... און אויסגעקראָכן ווי אַ פעל פון אַ בהמה......

ע ט ל

נעמט אַרבעטן פלייסיק ביים אויסרייניקן אים די האָר פונם געזיכט

ס׳פּנים וועט זיך אויך אויסלייטערן, און די זון אָנהייבן שיינען דאַרויף...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

און זיין אַזוי קלאָר ווי די הענט?

ע ט ל

זיך מעגן באַהאַלטן דערפאַר.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

גיט זיך א צאַפּל

אוי! דו רייסט אַ סך מיט אַמאָל... איינציקע... פּכע... כ׳ווייס גאָרנישט: ווי דער שפּילערזאַק קאָן דאָס אַריבערטראָגן... אַזוינע יסורים... מ׳זעט ס׳גהינום פאַר די אויגן...

ע ט ל

כע-כע-כע... דער טאַטע וויל האָבן אַזאַ פּנים, מוז ער שפּירן איר טעם...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

וועד ס׳טרעט אָפּ אינם לעבעדיקן גאָט! קוקט אין שפּיגל זי קאָן אָבער די מלאכה, כע-כע-כע... כאַפּט זיך גייסט שוין ווייטער אַוועק?

ע ט ל

די שטוב קאָן נישט זיין אַ מינוט אַליין, אָן מיר...

קאַפּל-עקיבא

זעץ זיך אַ ביסל אָהעק שפּילן פאַר מיר.

עטל

ווידער שפּילן? זעצט זיך צום קלאַוויר, שפּילט

קאַפּל-עקיבא

ס'שפּיר קיין טעם נישט דערין.. כ'וויל מיך צוגעוואוינען, און קאָן נישט... כ'פלעג אַמאָל פאַרבייגיין די רייכע הייזער, און דאָס הערן דורך די אָפענע פענסטער, – האָב איך עס שוין דענסטמאָל נישט גע-קאָנט פאַרטראָגן... מיר געגראַטשט אין די אויערן?... אַ פידל, אַ טרומפייט, אַ קלאַרנעט, אַ קעסלפּויק... איינס ווייגט, ס'אַנדערע שרייט, ס'דריטע בלאָזט זיך... יאָ: אַ באַס, – דאָס ווייס איך אויכעט... בו-בו-בו.. אָבער דאָס, אויף וואָס מ'האָט אויסגעטראַכט?... סיי, מ'זאָל קוקן דאַרויף... איז אויכעט: פון דרויסן... אינעווייניק איז עס אַ מיאוסקייט.. אַ שיטש פון אָדערן, און נאָך פון דראָטן דערצו...

עטל

שפּילט

ווייל ס'אי מיאוס צו קוקן דאַרויף, לאָזט זיך עס שיין הערן...

קאַפּל-עקיבא

וואָס פרעגסטו. נעמט אָנצוקערן די טיי אַז קאַפּל-עקיבא קאָן זיך פאַרגי-נען זיבן קלעצלעך צוקער, מיט וויפיל זאָלסט מיר לעבן און געזונט זיין, – מיינסט דער קייסער?... ס'אַ גרויסער חילוק פון קאַפּל-עקיבאַן ביז צו אַ קייסער? בלויז די קרוין אים אָנצוטון, כע-כע-כע...

עטל

זינגט אונטער ביים שפּילן

דער קייסער נעמט אַ היטל צוקער, מאַכט אין דעם אויס אַ לאָך, גיסט אַריין די טיי...

קאַפּל-עקיבא

כאַפּט אונטער

און אַזוי טרינקט דער קייסער טיי,
אַזוי טרינקט דער קייסער טיי...

כאַפּט זיך

ווי שפּעט איז, אַ ?... קוקט אויפֿן זייגער נישט געווען דאָ, אריה ?... ער שלאָפֿט, דער ייִד... אים אָפּגעגעבן אַ שטיקל אַרבעט, איז ער איינגע־שלאָפֿן דערבײַ.

עטל

וואָס פֿאַר אַן אַרבעט, טאַטע ?

קאָפּל־עקיבא

די זעלביקע, וואָס ער האָט געהאַט בײַ דיר.

עטל

אים ווידער ערגעץ געשיקט ?

קאָפּל־עקיבא

קיין זאַקלקוו.

עטל

וואו ?

קאָפּל־עקיבא

קיין זאַקלקוו, צום רבין.

עטל

באָכוואָס ?

קאָפּל־עקיבא

כע־כע־כע... בײַ אים איז פֿאַראַן אַ בחור, און דײַן טאַטע האָט אַ מיידל...

עטל

וואָס רעדסטו, טאַטע ?

קאָפּל־עקיבא

וואָס שפּרינגסטו אַזוי ? ווײַל כ׳האָב געוואָרפֿן אַן אויג אויף זײַן זינדל, און אים דורכויס חשק אָנצוקריגן פֿאַר מיילקען ?

עטל

ט׳וואָלט אוודאי נישט קרום געווען... נאָר, כ׳ווייס ?... אַ רבי ?.. און נאָך

אַזאַ גרויסער רבי דערצו?... און זיך נישט שעמען דיך צו וועלן האָבן פאַר אַ מחותן?...

קאָפּל-עקיבא

מיט דיין טאַטן איז זיך נאָך היינט דאָ צו שעמען?

עטל

אַז ס׳איז דיר גלאַטיק אַראָפּ ביי די עפּנערס, מיינסטו, —ביים רבין דיר אויכעט אַזוי אָפּגליקן?

קאָפּל-עקיבא

נישט אַזאַ גרויסע מציאָצע: אַ רבי!... זיך דאַרטן אַפילו אין די גוטע צייטן נישט אָפּגעזאָגט פון אַ פעטע מטבע... בפרט נאָך היינט, אַז די מלחמה האָט אויסגעבייטלט ס׳ביסל יידעלעך, כע-כע... שוין לאַנג דאָרט אויסגעקאַפּיניעט, — אַז כ׳זאָל נישט שטיין הינטער די פּלייצעס, און האַלטן אין איין אַריינשיקן פולע אָנגעלאָדענע וועגן מיט שפּייז, האָלץ, נאַפט, — ס׳זאָל זיין וואָרים, ליכטיק, און זיך האָבן מיט וואָס ס׳האַרץ אונטערצולענען.

עטל

הלוואי, טאַטע, ס׳זאָל זיך אויספירן, — מיך אוודאי געפרייט; די שוויגער מיינע שוין דענסטמאָל נישט אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאָמפּ, און גע-וועזן אַזוי באַיאָפּט, ווי זי וואָלט זיך אָפּגענאַרט אויפן גאַנצן געלט...

קאָפּל-עקיבא

כע-כע... שוין לאַנג אויסגעקוקט: די מויער זאָל זיך דאָרט אָנהייבן וואַקלען. און כ׳זאָל איר קאָנען אונטערשפּאַרן; אַ מויער, — מ׳קאָן אין איר אַריינשיסן מיט האַרמאַטן; פריער זיך געהאַלטן אויפן ניכטערן שפּייעכץ, מיט וואָס די יידן האָבן איר אַרומגעלעקט; און אַצינד: אַז ס׳איז פון די אַלע יידן געבליבן איין ייד, קאָפּל-עקיבא, — ברויך זי זיך קאָנען אויף אים אַליין צו דערהאַלטן...

עטל

און אָן שום געשרייען, אָן געוואַלטן...

קאָפּל-עקיבא

פאַרפּלאָנטערט

אין אַ בוים, עטל, שטייט דאָרט, — פון יאָרהונדערט ביז יאָרהונדערט; ער דערלעבט גאָרנישט אַלט צו ווערן; און אַזוי פיל צווייגן האָט ער, דער בוים, איטלעכעס צווייגל, — אַ רביל'ע פאַר זיך; דאָס דינסטע, — מעג עס אויבעט ערגעץ פּסקענען שאלות ביי יידן; ס'אי נאָר אַ שאָד: וואָס כ'האָב איין שטיקל מיידל, אַ נישט, — וואָלט איך זיי אים אַלע אין די אויגן אַוועקגעגעבעט; צונויפגענומען ווי פיש פון דרערד, מיט די הענט...

עטל

לאַכט

אַז דו וואָלסט געקענט...

קאָפּל-עקיבא

כאַ-כאַ-כאַ...

אַן אַלטע יידענע

קומט אַריין

מ'האָט פון ר' שמואל גרויסגליק געבעטן: דער דאָקטאָר זאָל אַריבערקומען; זיין זון איז, נישט דאָ געדאַכט, — נישט ביים רעכטן געזונט.

עטל

נעמט פאַרשרייבן

דער דאָקטאָר איז נישטאָ אַצינד; אים זאָגן, — וועט ער שפּעטער דאָרט זיין.

די אַלטע יידענע, — אָפּ.

קאָפּל-עקיבא

אויפגעבראַכט

הער נאָר דאָ? איך לויף אַרום אין אַלע הייזער, פרעג ביי יעדן איינעם: אויב ס'שטעכט נישט וועמען אין אַ זייט? ס'ברעכט נישט יענעם אין קושיזש? ס'ברענט דעם נישט אין האַלז? און ביז כ'האָב דערלעבט: ס'זאָל טאַקע עמעץ וואו קראַנק ווערן, — איז ערשט נישטאָ ווער ס'זאָל גיין צו אים? אַ?...

עטל

ווייסט דאָך: ער אַרבעט אין שפּיטאָל, טאַטע.

קאָפּל־עקיבא

ווי נאָך אַלץ נישט די קעפּ דאָרט צוגעבונדן?

עטל

אַ סך קראַנקע, טאַטע; ס׳שפּיטאָל ברעכט זיך.

קאָפּל־עקיבא

נו, ברויך ער אַוועקלייגן ס׳געזונט ביי זיי?

עטל

כ׳בין נעכטן אַוועק פאַר אַ ווײַלע, — האָט עס מיך ביים האַרץ אָנגענומען.

קאָפּל־עקיבא

אָ כ׳ווייס: דו האָסט אַ צו ווייך האַרצעלע; ס׳אי דיר אַ רחמנות אויף אַ שפּין, מ׳צעטרעט...

עטל

אַ ווערימל, נישט: אַזוינע ריזן!... אַנומעלטן אָנגעבערענגט אַ ביסל יונגען, — ס׳פליש פון זיי; און נאָר פאַר די הינט צו וואַרפן...

קאָפּל־עקיבא

אַז מ׳האַקט האָלץ פאַלן שפּענער.

עטל

דו וואָלסט געזען: מ׳גיט דעם אַ גלעט, יענעם אַ שמיר, אַ ריר, — ווי דאָס היילט, און פאַרווילט אפילו אַ רגע פאַרן טויט...

קאָפּל־עקיבא

ווייס איך, וואָס... מיר קיינמאָל נישט געמאַכט דערפון, וואָס דו האָסט זיי דאָרט געריבן די פיס... אַ, כ׳האָב דיך פריער געטריבן, נישט געלאָזט איינזיצן אין שטוב?... כע־כע... ביסט געווען אַ מיידל, און מיר געטראַכט: קומסט צווישן דאָקטוירים, — וואָס דו

קאָנסט דאָ צו זיי דערלייגן ?... אָבער אַז ס'האָט זיך דיר שוין צוגע־קלעפּט ?... כע־כע־כע...

ע ט ל

כ'האָב מיך אָבער נישט וואו אַהינצוטון ; אַזוינע לאַנגע טעג, — מ'הייבט־אָן פון דערפרי ביז, ביז מ'קומט אים אַריבער...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

דיר באַלד זיין צו קאַרג ; נישט כאַפּן פון פאַ־נט, און הינטן ; ברויכן צושטיקעווען אַ שטיק, כע־כע־כע... ווי לאַנג שוין, ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר, — נאָך די חתונה ? *ציילט אויף די פינגער* איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, — ס'דאַרף שוין לעבן ! אויפן פינפטן חודש האָסטו שוין אַרומגעדריגעט מיט די פיסלעך ביי דיין מאַמע אין בויך...

ע ט ל

פאַרשעמט

טאַטע !

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

כע־כע־כע... מיך נאָך געהייסן צולייגן די האַנט, צי כ'שפּיר עס ; דריג, — ס'האָט זיך אויפגעשטעלט ; דריג, — ס'האָט זיך...

ע ט ל

שלאָגט איבער

טאַט־ע...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

כע־כע־כע... כ'וואָלט שוין גערן געוואָלט זען, ס'זאָל עפּעס אַרויסקומען פון אייך ביידע : אַ שטיקעלע מענטשל ! כאָטש : אַ פּיצל !... אַ קליינ־טשיק קאָפּל־עקיבעלע...

ע ט ל

מיך שוין באַלד פאַרמוטשעט..

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

אַז איך וועל דערלעבן צו ווערן אַ זיידע, און אַרומלויפן דערמיט אויף די הענט... *מאַכט נאָך ווי אַ קינד וויינט* מי־אַ ! מי־אַ ! מי־אַ !

ע ט ל

דיך שפעטער האָבן צו באַלעקן...

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

נאָך צו פרי ? מילא, כ'מעג זיך דאָך כאַטש, פאַר מיין מי און מאַטער, — באַטעמט מאַכן ס'מויל, ניין ? וואַרט, האָסט דערווייל נישט וואָס צו טון ? כע-כע-כע... נעם, קעם דיר אויף דעם קאָפּ האָר, און צעלאָז אים ; אים צעלאָזט, — קעם אים צוריק אויף ; וואַש דיר אָפּ ס'פּנים מיט איינערליי וואַסער, און דערנאָך, — מיט אַן אַנדער וואַסער ; אַזוי פיל שמעקענדיקע וואַסערן, דו האָסט ? שפיגל דיך אַ גאַנצן טאָג אינדערפרי בײַ דיר, אין דיינע שטובן, און קום דיך דערנאָך אַריין שפיגלען צו מיר, אין מיינע שטובן ; אַזוי פיל שפיגלען ס'זענען פאַראַן ?

ע ט ל

און וואָס וועט מילקע טון ? אָפּ, לאַכנדיק.

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

אַ דאָקטאָרס אַ ווייב ברויך גאָר אַנדערש זיין ; אַנדערש פון אַ סוחרס אַ ווייב, אפילו פון אַ נגידס אַ ווייב... זעט איר נישט מער אין שטוב, — קוקט ער אויפן זייגער וואו איז ערגעץ אריה ? כ'האָב מורא : כ'וועל מיך אַליין מוזן אַריבערכאַפּן צו אים, זען : וואָס ער טוט ? ס'וועט גאָרנישט העלפן !
אָפּ אין די אַנדערע שטובן.

ט ו י ב ע

פאַרבלאָנזשעט צוריק מיט אַ שיסל וואַסער, פאַרקאַטשעט ס'קלייד, אַזוי אייגן ווי פריער, — נעמט זיך דאָ טון

מער גראַטעס, — מער אַרבעט ; מער מענטשן — מער קלאָפּאָט...

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

קומט צוריק אין א ווײַלע אַרום, אָנגעטון אין ראָק, צילינדער

אַ-האַ ! ווידער דאָ געקומען פאַרלייגן די פאַבריק ? אַצינד וועל איך דיך פרעגן, און דו זאָלסט מיר זאָגן : האָסט איר דווקא געמוזט אַזוי אַנטקעגנ-קומען, די מחותּנתטע דיינע, — מיטן פּאָמישאַף אין די אויגן ? נישט נעקאָנט זיין מער אַ ביסעלע אָפּגעהיטן, און צוריקגעהאַלטן ?

ט ו י ב ע

ס׳שטעקט אין מיר אַ רוח נביאה? און ווידער, ווייס איך נישט, — וואָס כ׳האָב דאָ חוטא־בעגל געוועז?

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

נו, קאָן מע נישט גראָ און אַלט ווערן ביי איר?

ט ו י ב ע

ס׳וואָלט דיר אַ סך שענער געפּאַסט צום הויקער, — דו זאָלסט איר דאָרטן האָבן.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

כע־כע... די הויט ציטערט שוין אויף דיר?... גוואַלט, כ׳וועל דאָך מיך פאַרזינדיקן אינם לעבעדיקן גאָט!... מ׳קאָן צווזען ס׳צער ביי אַ מאַמע, — מ׳נעמט ביי איר אַרויס פונם הויז אַן איינציק שטיקל קינד? זי האָט דאָך שוין קיין אויגן אין קאָפּ נישט פון וויינען...

ט ו י ב ע

זיי וועלן זיך דאָ קלעפּן ווי אַן אַרבעס אָן די וואַנט.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

האָסט מורא: ער זאָל דאָ נישט איבערגעפירט ווערן?

ט ו י ב ע

קיין שטיק געזונט אים נישט צוקומען.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

אָפּגעריסענער נאַר! בהמה־גסה! מענטשן וואָלטן דאָך געהאַט אַ גרייטן תירוץ אין מויל: מ׳נעמט אַרויס די קו, און מ׳פאַרברענט די שטאַל; אַזוי קאָן די וועלט זען: דאָס נישט זיי האָבן מיר אַ צאָן פון מויל אַרויס־געריסן, נאָר איך, — זיי...

ט ו י ב ע

פאַר מענטשן אין די אויגן, ועסטו טאַקע האָבן אויסגענומען, — זיך אַליין אָבער דערמיט קיין טובה נישט האָבן געטון.

קאָפּל-עקיבא

דו זע נאָר איינצוהאַלטן ווערוולען, ער זאָל נישט אַזוי שאַרווען מיטן מויל, און איך וועל פּועלן ביי מאַטעסן מיט מילקען, — זיי זאָלן נאָכלאָזן ס'שטריקל...

טויבע

יאָ! אַזוי ווי איינער איז צו זיבן, איז ער צו זיבעציק.

קאָפּל-עקיבא

גיט זיך אַ צאַפּל

גוואַלט, וואו אַנטלויפט מען פאַר די שטאָלער ראָגאַטקע? ס'בריט מיך ווי אין אַ קאַלך-אויוון, אַז כ'בין אינאיינעם מיט איר...

טויבע

לייגט זיך אַראָפּ אויף די ערד, אַרבעט

כ'ווייס נישט: וואָס זיי ווילן מאַכן פון די שטובן? אַן אָפּגאָט? אַן עבודה-זרה אַריינשטעלן? טראַכטן אויס וואָס המן האָט נישט אויסגעטראַכט...

קאָפּל-עקיבא

ווער ברויך, דו זאָלסט דאָס טון?

טויבע

די פּאָדלאָגעס זענען שוין נישט געוואַשן געוואָרן, זינט מ'האָט זיך אַהער אַריבערגעקליבן; מ'קאָן פון איר רידלען די ערד.

קאָפּל-עקיבא

ערד? וועסטו הייסן פאַרזעצן קאַרטאָפל אויף איר! רייסט זיך אָפּ וויפיל מאָל כ'האָב מיך געבעטן: ס'אי נישט פאַר דיינע פּוחות, — נעם אַריין אַ משרת אין שטוב; איינע? אַ האַלב שאָק! און נאָכגיכער ס'קומט וועלכע אַריין, — איז נאָך איר; איידער מ'פאַרדרייט זיך, — איר שוין אָפּגע-שאַפט און אַוועקגעשיקט; און ליגט אַליין פאַרקאָפּעט איבער די אויערן אין די אַרבעט...

טויבע

אַ משרת אויף מיינע ביינער.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ס׳וועט זיך אַ סך אָנזעץ אַ משרת ? ס׳ווערט נאָכמער קאַליע, — וויפיל זי וועט ברויכן אויפצוועסן.

ט ו י ב ע

לאַנג שטיל געווען ; מנוחה געהאַט.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

נו, קאָן מע מיט איר לענדער פירן ?

ט ו י ב ע

פלוצלינג

ביי מאַטעסן וועט זיך האַלטן אַ משרת ? איר אָנמאַכן אַ בייכל ביז אונ-טער די נאָז, און זיך קומען אַוועקשטעלן דערמיט פאַר מיר אין די אויגן : אייער זון האָט מיך איבערגעפירט ! כ׳וויל בעסער אַליין אַר-בעטן מיט די זייטן, און די חרפות נישט אויסשטיין...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

נו ? אַז זי זאָגט דאָס, אויף אַן אייגן קינד, — אַ מאַמע, איז אַ חידוש : וואָס פרעמדע מיילער רעדן ?

ט ו י ב ע

כ׳האָב מיך שוין צוגעוואוינט אַ סך זאַכן צו זען, צו הערן, און שווייגן ; זיך וואַרגן און הייס אַראָפּשלינגען...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

וואָס פאַר אַ זאַכן הערסטו, זעסטו, — און מוזט נעבעך שווייגן ; הייס אַראָפּשלינגען ?

ט ו י ב ע

כ׳קוק בלויז צו ווי שיין דו פירסט די וועלט.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

נישט שיין צו קוקן ווי קאָפּל-עקיבא פירט די וועלט ? ס׳געפעלט דיר נישט ?

טויבע

כ'קאָן מיר דען העלפן? ס'מוז דאָך מיר געפעלן..

קאָפּל-עקיבא

פאַר די עלטערע טאָכטער, גאָט צו דאַנקען, — אַ דאָקטאָר; און פאַר די יינגערע שטייט שוין הינטער די טיר, אַ רבי...

טויבע

פאַרלירט די באַרשט מיט אַלעם

אַ רבי?

קאָפּל-עקיבא

וואָס ביסטו אַזוי שטיין געבליבן? ס'אי פון דיר געוואָרן לוטס ווייב, אַ שטיק זאַלץ? די קי זאָלן דיך קומען לעקן?

טויבע

ווי פריער

אָ רבין אויפן האַלז גייסטו דיר אָנהענגען?

קאָפּל-עקיבא

נו, איז וואָס? אים נישט קאָנען דערטראָגן? קאָפּל-עקיבא האָט נישט קיין פאָר ברייטע, געזונטע פלייצעס?

טויבע

אומעטיקלעך

הייב אָן מיט אַ גוטן ייד, יאָ; ס'גייט דיר שוין צו גוט, קאָפּל, — זוכסטו דיר צרות; ווילסט האָבן אין וואָס זיך צו פאַרטשעפּען, אַ העקעלע... אָפּ.

קאָפּל-עקיבא

כע-כע-כע... כ'קוק מיך אַזוי אַרום, און זע: מיט וועמען קאָפּל-עקיבא האָט אָפּגעפינסטערט די בעסטע יאָרן זיינע... קוקט אויפן זייגער וואו איז ערגעץ אריה?... פון מיר אַריינכאַפּן, אַז ס'וועט אים שוועור זיין אוועקצוטראָגן...

ר' יאָשקע, ביינוש.

ר' יאָשקע

גוט מאָרגן, ר' קאָפּל!

ב ײ נ ו ש

ר׳ קאָפּל, גוט מאָרגן?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

גוט מאָרגן, גוט יאָר.

ר׳ י אָ ש ק ע

גוט, מ׳האָט אײַך געטראָפֿן.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אומגעריכט, אַזעלכע שײנע ייִדן? אלמאי פֿריער געשיקט זאָגן?

ב ײ נ ו ש

נישט געװאוסט פֿריער, — ס׳װעט אויסקומען אַהערצוגײן.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַזוי? זיצט, — װאָס שטײט איר? נישט טײערער באַרעכענען; קאָסטן ס׳אײגענע געלט... אַ גלעזעלע בראָנפֿן? קנאַקעדיקן, און ברענט נישט אויפֿן האַרץ...

ר׳ י אָ ש ק ע

נישט געקומען טרינקען.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כ׳האָב ליב: מענטשן, װאָס קומען אַרײַן צו מיר אין שטוב, — זאָלן נישט האָבן בחנם געקומען.

ר׳ י אָ ש ק ע

מ׳פֿאַרהאָפֿט אַזוי.

ב ײ נ ו ש

אַז מ׳װעט נישט האָבן בחנם געקומען.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

מה בקשתך? כ׳קאָן פֿרעגן: װאָס ס׳האָט אײַך אַהערגעבּרענגט? און װאָס כ׳קאָן פֿאַר אײַך טון?

ר׳ י אָ ש ק ע

אַז מ׳װיל האָבן, איז דאָס גאָרנישט מיט גאָרנישט.

ב ײ נ ו ש

גאָרנישט מיט גאָרנישט...

ר׳ יאָשקע

און אַז מ׳וויל, איז דאָס גאָר אַ גרויסע זאַך.

ר׳ יאָשקע, ב ײ נ ו ש

אײנײנעם

אַ כּלל־זאַך...

קאָפּל־עקיבא

אויב די שטאָט ברויך מיך, ייִדן, הנני, — בין איך אָנגעברייט; קאָפּל־עקיבאס האַנט ברויך גיין איבערן גאַנצן לאַנד...

ב ײ נ ו ש

פּלאַצט אַרויס

מ׳ברויך די שול אויפבויען, ר׳ קאָפּל; אַ חלול־השם, — מ׳לאָזט אַזוי לאַנג שטיין אַ מקום־קדוש אָפּגעברענט, און מ׳קוקט זיך נישט אום..

קאָפּל־עקיבא

די שול פאַריכטן, ווילט איר, — זאָל איך?

ב ײ נ ו ש

געפאַלן

די שטאָט איז פאַראָרימט; ייִדן וואָס זענען נעכטן געווען גבירים, גע־האַט מילן, זעגן, — זענען היינט אַ מחוסר־לחם; ברויכן גיין איבער די הייזער...

ר׳ יאָשקע

און ס׳אי נישט געבליבן באַלד אין ערגעץ וואו צו גיין מער, ווי אַהער...

קאָפּל־עקיבא

מאַ! געלויבט צו גאָט, מ׳זעט ווען קומען, און מ׳הערט אַ ייד זאָגן: מ׳ברויך אַ שול...

ר׳ יאָשקע

אַ שטיק צייט נישט געוואָלט אַהערגיין; אָפּגעשלעפּט, אָפּגעהאַלטן, ביז...

ב ײ נ ו ש

דער רב האָט גוזר געווען.

ר׳ יאָשקע

און קהל מיט שטעקענעס אַרויסגעטריבן.

קאָפּל-עקיבא

כע-כע-כע! אויב אַזוי, ווײסט איר, מײַנע ליבע ײדן, וואָס כ׳וועל אײַך זאָגן?

ר׳ יאָשקע, בײַנוש

אדרבא!

קאָפּל-עקיבא

אויב די שטאָט האָט מיך, קאָפּל-עקיבאן, פאַר אַ בן-עיר, — ברויך זי מער פונם האָבן; ס׳אי ווייניק, ײדן, אַ שול; ווייניק...

ר׳ יאָשקע

מילא: אויב קאָפּל קאָן נאָך אין זין האָבן די מקוה אויבעט, — שוין גאָר נישט מער באַדאַרפט האָבן...

קאָפּל-עקיבא

אַרויסנעמען געלט אויף די שול מיט דער מקוה, — זיך אַ סך, מײַנע איר, אָנזען בײַ מיר?

ר׳ יאָשקע

צו בײַנושן

געהערט אַ מעשה?

ר׳ בײַנוש

צו ר׳ יאָשקען

געזען אַן עסק?

קאָפּל-עקיבא

כ׳וועל אײַך זאָגן דעם ריינעם אמת: אַז מ׳וואָלט נישט באַדאַרפט אַצינד קומען רעדן דערפון; די שטאָט וואָלט שוין לאַנג געקאָנט האָבן אַ שול, אַ מקוה, אַ בית-המדרש, און להבדיל בין טמאה-לטהרה, — אַ קלויסטער

אויבעט; נאַר, אַז קהל מאַכט זיך נישט וויסן, מיין איך: ס'שטייט איר נישט אָן צו נעמען פון מיר...

ב ײ נ ו ש

צו ר' יאָשקען

געהערט אַ מעשה?

ר' י אָ ש ק ע

צו ביינושן

געזען אַן עסק?

ר' י אָ ש ק ע

איר ברויכט קיין פאַריבל נישט האָבן, ר' קאָפּל; אַן אויפגעקומענער גביר, ווייסט מע איז, נישט קיין פאַרגעבער; נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין: אַ גרויסער דבר-אחר! האָט ליב צו האַלטן צוגעמאַכט די האַנט! און באַלד האָט מע אַזוי שטאַרק חשק אַוועקצוגיין אָנגעבריט?

ב ײ נ ו ש

גאָט באַהיט!

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כע-כע-כע... וואָס פאַרנאַרטע יידן זענען? גייען מיך, קאָפּל-עקיבאן, מעסטן מיט די אייגענע מאָס, וואָס מע מעסט אַנדערע גבירים? וואָס, איך בין אַן אויפגעקומענער עושר? קאָפּל-עקיבא איז באַלד געבוירן געוואָרן רייך, נאָר על פי טעות געווען אַ שטיקל צייט אָרים.. כע-כע-כע...

ב ײ נ ו ש

פּלאי-פּלאים! ווי אַ שטאָט יידן האָט געקאָנט זיין אַזוי פאַרבלענדט, און נישט זען, וואָס ביי איר אונטער די נאָז טוט זיך?

ר' י אָ ש ק ע

אפילו איצט זיך געמוזט אָנטון אַ כוח, און זיך פריער נישט געוואָלט רירן פונם אָרט, — ביז מ'האָט געוואָרפן אַ גורל.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א'

לאַכט

וואָס מ'האָט דאָ באַדאַרפט צו פאַרלייגן, — אַז מ'האָט פון קאָפּל-עקיבאן עפּעס געוואָלט האָבן?

ר׳ יאָשקע

צעפלאָמט

ר׳ קאַפּל! יידן וועלן אייך בפירוש ווינטשן ס׳אייביקע לעבן, — זיי וועלן שבת האָבן וואו צו גיין דאַוונען.

ביינוש

און נשים, — טבילה; ווינטער, אויפן פרייען פעלד, — אונטערן אייז? זיי זענען דאָך איינגעשטעלט מיטן לעבן.

ר׳ יאָשקע

אויפבויען די שול, זאָגט דער חזן, — וועט ער יענעם מאַכן אַלע שבת אַ מי־שבּרך אויפן באַלעמער מיט אַלע משוררים, ר׳זאָל וועטערן.

קאַפּל־עקיבא

גיט אַ קלאַפּ אין טיש אַריין

גייט, ברענגט מיר אַהער דעם רב!

ר׳ יאָשקע

דערשראָקן

וואָס עפּעס, דעם רב?

ר׳ יאָשקע, ביינוש

אינאיינעם

ס׳פאַלט דאָך אָן אַן אימה און אַ פּחד...

קאַפּל־עקיבא

כ׳וויל אַלע זאָלן וויסן: אַז קאַפּל־עקיבא, וואָס איז ס׳גאַנצע לעבן אָפּגעזעסן אויף די ראָגאַטקע, ניין איילן טיף אין דרערד, געקאָפּעט קאָרטאָפּל מיט די נאָז, — און זיך אַזוי גרויס דערשלאָגן, — וועט דאָס אַליין צו זיך אין מאָגן נישט וועלן אַריינלייגן, נאָר זיך אַראָפּנעמען אַ ראיה פונם דייטש: לעבן, און יענעם אויכעט געבן אַ ביין אָפּצולעקן...

ביינוש

איז מיגלעך: ס׳זאָלן דורך אייך קומען ישועות אויף יידן?

ר׳ יאָשקע

רבונו־דעלמא־כולא!

ב ײנ ו ש

מ׳קאָן אפשר װיסן: װי אַזױ?

ר׳ י אָ ש ק ע

זײ צאָלן װאַכגעלט, אָדער סתּם שפּײזן?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

נײט, און זאָגט: אַז דער גענעראַל האָט מיר איבערגעגעבן די שטאָט אין די האַנט אַרײַן, — איר אויפצובויען, און ס׳זאָל צוריק זײַן שטאָט, כּמקדם.

ב ײנ ו ש

שמע ישׂראל, װאָס מײַנע אויערן הערן!

ר׳ י אָ ש ק ע

אַזאַ זאַך, און איר מאַכט אַ כּוד דערפון?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

װאָס האָט איר געװאָלט: זאָל איך לױפן שרײַען, לאָזן פּויקן אין די גאַסן? אין אַ פּאָר טאָג אַרום, אַז מײַן מײדל װעט מיר ברענגען דעם כּתב פון אים, אַזױ װעל איך מיך גלײַך נעמען צו די כּלים, יידן; כ׳װעל אײַך אויפשטעלן אַ שטאָט יידן, — אַזױ װי איך האָב געזען שטעט אויף די װעלט; נישט קײן קברים װעלן דאָס זײַן, נאָר הײַזער, אַ הויז און אַ הויז...

ב ײנ ו ש

שמעו שמים...

ר׳ י אָ ש ק ע

װאַרט-צו, ר׳ קאָפּל; אפשר טאַקע פריער אַ שמועס-טון מיט קהל: װאו זי זאָל זיך, אַ שטײגער, אָנהײבן, די נײַע שטאָט? צי דאָרטן װאו די אַלטע איז געװען, אָדער גאָר ערגעץ אַנדערש?...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

מוכן-ומזומן זיך צו האַלטן אַן עצה אפילו מיט אַ קלײן קינד, — אויב ס׳װעט אַרויסװײַזן דעם שׂכל פון אַ בר-דעת; אַלײן און אויף מײַן

האַנט, — גאָרנישט שטעלן; ס'איז ב"ה דאָ אַ רב, און קהל לעבט...

ר׳ יאָשקע

שוין, די מינוט, ר' קאָפּל: מ'גייט גלייך אַרויסטרייבן די גאַנצע שטאָט יידן פון די לעכער, איר זאָלט זיי דאָס זאָגן... נעמט לויפן ביינוש, וואָס שטייט איר?

ביינוש

ר' יאָשקע, וואָס לויפט איר?

ר׳ יאָשקע

כ'קאָן נישט איינשטיין אויף קיין אָרט, ווייל די פיס טראָגן מיך...

ביינוש

און איך קאָן מיך נישט אָוועקרירן, ווייל מיר זענען זיי אָפּגענומען געוואָרן... אָפּ.

קאָפּל-עקיבא

פאַרפלאָמט

כ'האָב אים!... ער ליגט שוין ביי מיר אין קעשענע. דער רבי פון זאַקלקיוו!... רייבט זיך די הענט אײַ, די וועלט וועט דאָס דערהערן... קאָפּל-עקיבא, האָסט אַ קאָפּ אויף רעדער...

טויבע

וועלכע וואָגלט צווישן די טירן, פאַרלוירן

צו אַ רבין, אַ גוטן ייד ווילט ער אָנשפּאַרן...

קאָפּל-עקיבא

גראָטש! קוקט אויפן זייגער נישט אריה, און נישט דער דאָקטאָר, כ'זע זיי ביידע נישט... פאַרנעמט זיך גיין.

טויבע

וואו, ווידער?

קאָפּל-עקיבא

אין שפּיגל, פיבערהאַפט

כ'וועל דיר באַלד דערציילן.

טויבע

איין מינוט קיין מנוחה נישט.

קאָפּל-עקיבא

מנוחה; מנוחה האָט מע אין גרוב, מיין ווייב; אַז מ׳ליגט דאָרטן, איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, רוט מע זיך אויס די ביינער; דאָ טאָר מע נישט רוען; גאַנצע גאַסן הייזער אויפן קאָפּ; ס׳פעלן מיר אויס פינגער די דערפער צו ציילן...

טויבע

דאָס איז נעבעך ס׳אומגליק.

קאָפּל-עקיבא

מיט ביטול

און דו, קלאָג-מוטער, וויין און קלאָג אויף די טעפּ פון מצרים...

טויבע

זינט ער איז רייך געוואָרן, איז ער נישט מיין מענטש; די מיליאָנענס מאַן; די מיליאָנען, — זיין ווייב; און איך דריי מיך אַרום ווי אַ קאַ-לעק, אַן איבעריקע, הינטער די ווענט...

קאָפּל-עקיבא

אַ גאַנץ הויז שטובן!

טויבע

כ׳זאָל מיר די גוטע יאָר האָבן, ווי כ׳האָב אונטן, אין די איינע שטוב, וואָס אויף די ראָגאַטקע, — מער געוואוסט פון אַ לעבן מיט דיר, ווי דו אין אַלע שטובן צוזאַמען...

קאָפּל-עקיבא

גיט איר אַ קוק אַן פון אויבן ביז אַראָפּ

אַזאַ אַלטע קו? וואָס איר ליגט אין זינען? אָפּ.

טויבע

מורמעלט, פאַרלוירן

אַ ווינטמיל אין קאָפּ... אַנטקומט צווישן די טירן.

מ י ל ק ע

קומט אַריין

וואָס איז ער צוגעשטאַנען צו מיר ?

מ אַ ט ע ס

קומט נאָך

גייסט טריצן מיטן גענעראַל ?

מ י ל ק ע

וואָס קרענקט דיר דיין קאָפּ ?

מ אַ ט ע ס

אַ פאַרמעגן אין די לעדער אַרייַנגעבראָקט.. קוקסט אויס : די גאַ־בעריי זאָל אָנהייבן פּוסטעווען ? קראָען אַרויסשרייען פון איר ? הונגעריקע קעץ מיאָוטשען ?

מ י ל ק ע

כ'וויל נישט מער זיין שוועל באַטרעטן.

מ אַ ט ע ס

כ'וועל אויף דיר אָנשיקן דעם גלח פון מאָניכעוו, די דאָזאָרעס פון זאַקלקיוו, די גבאים פון זייסלוויץ, — מיטן צלם, מיט די ספרי־תורות, וועלן זיי דיך קומען בעטן : זאָלסט אַריבערגיין צו אים ! די שטעטלעך וועלן אויסשטאַרבן, — אַז זיי וועלן נישט קאָנען שמוגלען ; אַוועקפּגרן פאַר אַ קריש ברויט...

מ י ל ק ע

כ'וויל נישט מער טראָגן קיין שטעט אויפן קאָפּ ; פאַרזאָרגן אַ וועלט.

מ אַ ט ע ס

באַשטייסטו : ס'זאָל אַלץ אַוועק מיטן ווינט ?

מ י ל ק ע

הערט אין די אויגן

נאָכוואָס, וויל ער, — זאָל איך אַריבערקומען צו אים ?

מ אַ ט ע ס

כ׳ברויך דיר לייגן אַ פינגער אין מויל אַריין ?

מ י ל ק ע

וועל איך פריער פרעגן ביים גלח, און ביים רב, און הערן : אויב זיי וועלן מיך הייסן ?...

מ אַ ט ע ס

מיידלעך ווערן אַצינד ביי קלענערע זאַכן ווייכער ; ריזיקירן אויף די וועגן ביי אַ לאַבן ברויט, אַ שטיקל קליידל, אַ פאָר שיך מיט זאָקן... גיי נאָר אַדורך די קאַנטינע, — וואו זיי דרייען זיך מיט הונגעריקע אויגן... פאַר אַ שטיקל ברויט. . און פיצלעך קינדער... דו האָסט כאָטש גראָב אָנגענומען, אַז ס׳זאָל איבערגיין...

מ י ל ק ע

ס׳קריכט מיר פונם האַלז...

מ אַ ט ע ס

און אַז ער וועט דיר שוין געבן נאָך אַ גלעט, אַ צופ ; פון זיין לאַסקע, זיין שמייכל, — האָבן דאָך שטעט דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט ; און אַליין זיך אויכעט א פאַרמעגן צוגעשאַרט...

מ י ל ק ע

אַ גליק מיך האָבן באַטראַסקעט... כ׳וועל מיך איינהילן אין הייזער, און ס׳האַרץ ביי מיר אַרויסוויינען ביינאַכט, ווי אַ סאָווע פון די וועלדער...

מ אַ ט ע ס

ווערלוול האָט דיר דעם קאָפּ פאַרדרייט, אָדער — דעם שכל צוגענייט ?

מ י ל ק ע

מיט טרערן

כ׳קאָן מיר נישט שענקען, יעדעס מאָל וואָס כ׳גיי אַריבער, — ברענג דעם טאַטן אַ הויז, און מיר אַ לאָך אין האַרץ ; יעדן ווערט ליכטיק אין קאָפּ פון זיינע שמייכלען, און מיר פינסטער אין די אויגן ; מיר בייסן זיי אויס שטיקער פלייש פונם לייב, קנייפּן אויס מיט די ציין...

טויבע

צווישן די טירן

וואָס דערקוטשעט ער איר אַזוי פיל? שאַרף וואָס ווילסטו פון איר?

מאַטעס

מורא; ער וועט כּון איר אָפּבייסן אַ שטיק; צאַפּלט אַרום, ווי איינע פאַרן טויט...

טויבע

ווי איז דיר גרויס אין די אויגן, — זעסט איר אַרומגיין אויף די פיס?

מאַטעס

אַ פרומע צנועה ווידער געוואָרן... אָפּ.

מילקע

שטעלט זיך אַריין אין שפּיגל מאָלן פיבערהאַפט ס׳פּנים

אין די וועלדער, אין די פעלדער,
האָט געטאַנצט מלכּה ברכהס מיט די זעלנער,
האָט געטאַנצט מלכּה ברכהס מיט די זעלנער.

טויבע

רופט

עטל! זי קומט זיך, און פאַרברענג אַ ביסל מיט מילקען... אַז מ׳האָט אַ מאַן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, — קומט פון אַ שוועסטער זיך אַזוי צו דערוויטערן? שטיל דיר זיין אין די אויגן, — מאַטעס נישט האָבן אַזאַ צוטריט... אָפּ.

מילקע

מיט אַ גדולה

עטל, ס׳געפעלט דיר דער שטיין?

עטל

זעצט זיך העפטן

כ׳גיי נישט אויס דערנאָך...

מילקע

ווייל דו האָסט נישט... כע־כע...

ע ט ל

נאָר אַזוי פיל געוואָלט, ווי דער טאַטע זיי מיר צוגעשטעלט; נאָר, כ׳בין נישט משוגע דערפאַר... יאָ: אַ שטיינדל, אַ קליין מאָגער שטיינדל, — דער פינגער זאָל נישט זיין גאָל...

מ י ל ק ע

ביסט אַ נאַרעלע...

ע ט ל

איין ברעקעלע שטוב, וואָס ווערט אויסגעוואָרעמט דורך מיינע הענט, איז מיר מער איינגעבאַקן, — ווי אַלע דיינע שטיינער...

מ י ל ק ע

און איך האָב מער אַ הנאה: אַז כ׳גיב אַ גיי אַרויס פאַרנאַכט אין גאָרטן, — דער טראָטוּאַר אונטער די פיס זאָל נעמען ברענען, די שטיינער זיך אָנצינדן... יונגע זעלנערלעך, שטייפע אָפיצירלעך, אָנגעקראָכמאַליעטע, — אויפעסן מיט די אויגן... כי־כי־כי... כ׳וויס גאָרנישט, ווען זיי פאַלן מיר אַריין אין די הענט, ביז כ׳שאָקל זיי אויס פונם אַרבל... כי־כי־כי... ס׳גלעט עפּעס אַזוי, אַז מ׳קוקט נאָך.. האָסט שוין געזען: ווי אַזוי מ׳קוקט נאָך?.. אַלעמאָל פון הינטן, און פון די פיס, דערנאָך, — העכער, העכער, ביז... כע־כע־כע... נאָר אין די פיס פאַרטשעפּען זיי זיך ביי מיר... וואָס זען זיי ביי מיר אין די פיס?...

אויפגערוימט

געקומען דער טאַטע, געקומען די מאַמע, —
קום אַהיים, מלכּה ברכהס, קום אַהיים!
קום אַהיים, מלכּה ברכהס, קום אַהיים!

ו ע ל ו ל

קומט אַריין, האָט אַ פול מויל מיט ברויט

אַ מינוט זי זאָל דאָס אָפּטרעטן פונם שפּיגל, די צוקער־באָבע...

מ י ל ק ע

גיט זיך אַ וואָרף

וואָס וויל ער, דער דרערדליגער? שטענדיק האָט ער נאָר מיט מיר צו טון; כ׳גיי אים קיינמאָל פון די ליפּן נישט אַראָפּ.

ע ט ל

טאַקע ! וואָס האָסטו צו איר ?

וועלוול

כ'קאָן נישט צוזעהן ווי זי ליגט גאַנצע טעג אין שפּיגל, און דרייט זיך פאַר די טיר, — געפעלן צו ווערן די אָפיצירלעך ; ס'שלאָגט שוין אָן די גאַל...

ע ט ל

ש-ש-ש...

מ י ל ק ע

כ'ברויך מיך נישט פוצן דערצו ; כ'בין זיי שוין אַזוי אויכעט געפעלן.

וועלוול

רייך געמאַכט נ'טאַטן מיט איר שיין פּנימל..

ע ט ל

וועלוול !

מ י ל ק ע

אים אַליין געזאָלט אַזשיקן אויף אַרבעט, היינטערן פראָנט ; נישט איך, — וואָלט ער שוין וואו אָנגעשפּאַרט ; געפוילט אונטער אַ בערגל ערד, ערגעץ אויפן פעלד, — מ'וואָלט אַפילו נישט געוואוסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען...

וועלוול

האָסטו מיר ס'לעבן געשענקט ?

מ י ל ק ע

געוויס האָסטו מיר ס'לעבן צו פאַרדאַנקען ; קיינער נישט, נאָר איך האָב דיך אויסגעבעטן...

וועלוול

נו, קום אַהער, — וועל איך דיר געבן אַ קוש אין פּיסקל...

מ י ל ק ע

צעוויינט זיך

זאָלן דיך די ווערים קושן...

ע ט ל

אַזוי דינסטו איר אָפּ ?

װ ע ל װ ל

ס׳זענט נישט קיין מבין אויף אירע טרערן ? לויטערע ווי קרישטאָל.

ע ט ל

ער האָט דאָך דיך נישט געשלאָגן, — וואָס איז ס׳קלאָגן ?

מ י ל ק ע

ער שלאָגט מיך מיט זיינע ריידעלעך ; ס׳מויל זיינס איז ערגער ווי אַ בייטש...

װ ע ל װ ל

פונקט ווי יענע, די ריכטיקע, וואָס איידער מ׳רירט זיך נאָך צו זיי צו, — גיסן זיי שוין מיט די אויגן, כע-כע-כע...

ע ט ל

װעלװל !

װ ע ל װ ל

ס׳וויינצן קומט איר גרינג-אָן...

ע ט ל

װעסט נישט איפהערן ?

װ ע ל װ ל

פון איר לאַכן ביז וויינען, איז נישט אַזאַ גרויסער מהלך ; די טרערן אירע זענען ביליק ; קאָן זיי מעסטן אויפן טאָפּ, — זי זאָל זיי האָבן צו פאַרקויפן...

עטל

בייז

נישט קענען אים צומאַכן ס'מויל ? דערלאַנגט איר עפּעס טראָג דאָס אַריין, מילקע, אין דאָקטאָרס שטוב.

מילקע

ווייזט אים די צונג

אום .. כ'האָב דיך אַזוי ליב ווי אַ געשוויר אויף די שפּיץ-צונג...

עטל

נאָר זיי בייסן זיך אַרום, דאָס ברידערל מיט די שוועסטער...

וועלוול

גיב איר מיט דעם שפּיגל !... כע-כע... איר באַשטעלן אַ מענטש, וועט ער מאַכן, – דאָס וואו זי וועט גיין, זאָל איר דער שפּיגל נאָכגיין ; זי קלעפּט דאָך אין אים...

עטל

בייז

וועלוול ! מיך נישט קאָנען היינט אָפּיאָגן פון זיי ?...

וועלוול

ווי פריער

הערנער וואָלט זי געוען אויף זיך גענומען, די גן-עדן-פּאַנע.

מילקע

זעסט ? איינס, צוויי, דריי, פיר, – אויף יעדן פינגער אַ בריליאַנט ! אַ דריגאָל ?

וועלוול

זי ברויך בריליאַנטן אויפן פוד ; מאַטעס, – מיידן אויף די קאַרץ ;ביידע, – אַ פּאָר...

מילקע

מיר, – אַזאַ יאָר.

וועלוול

איין שאָד: ס'אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, אַנישט, — געמעגט צוזאַ־
מענלייגן די קעפּ...

עטל

זיי הײַנט נישט קאָנען צעשיידן? וועלוולען זיי דו קליגער...

מילקע

צע־ייצט

זאָל ער בעסער נעמען אַ שטיק ברויט אין מויל אַרײַן, און מאַטעסן
לאָזן צורו.

וועלוול

זעסט: ווי זי שפּרינגט, — כ'האָב אים אָנגערירט?

מילקע

דו האָסט אויך צו אים דערלייגט די באָבעס ירושה.

וועלוול

דו זאָלסט דאָס האָבן פון... כ'ווייס אַליין נישט, — וואָס כ'האָב פונם געהאַט...

מילקע

פון וואַנעט האָט מע געלעבט אויף די ראַגאַטקע, — נישט פון דעם,
וואָס ער האָט אין שטוב אַרײַנגעבערענגט?

וועלוול

איך האָב דערפון נישט געגעסן.

מילקע

חלילה! געלייגט אונטערן אויער! ביסט נישט אַליין געשטאַנען און
געהיטן, ווען כ'האָב אויף זיך געטראָגן די לייוונט, — וואָס ער האָט
פונם היכן שלמהס שניט־קראָם אַרויסגעלקחנט?

וועלוול

ווילסט מיר איינשטיין אַ ליגן אין די אויגן?

מ י ל ק ע

בּיסט נישט אַזאַ לעמעכל ווי דו מאַכסט דיך, בּרידערל...

ו ו ע ל ו ו ל

גאַליק

גלייכער: ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט; אַנישט, — שוין לאַנג אַרומגעדרייט אויף די ראָגן...

מ י ל ק ע

וואַרפט אים עפּעס אין קאָפּ אַריין

לעבן זאָלסטו אַזוי...

ו ו ע ל ו ו ל

צעטומעלט

זי האָט מיר נאָך געקאָנט אַן אויג אַרויסנעמען... און איך וועל איר דאָס אַזוי שענקען?...

ע ט ל

צווישן בּיידע

כ'וועל עס אויסקרענקען, אַז זי וועט נישט אָפּשטיין...

מ י ל ק ע

אַז כ'האָב אים צוגעקוועטשט צו די וואַנט, וויל ער גיין מיט די האַנט...

ו ו ע ל ו ו ל

רייסט זיך צו שלאָגן

כ'מוז אַרויסהאַקן דעם שייגעץ פון איר, ווי לאַנג ס'איז נאָך נישט צו שפּעט...

מ י ל ק ע

שרייט

מאַ-טעס!

ע ט ל

מאַ-מע!

מאַטעס, טויבע

קומען ביידע אַריין, און ווערן גלייך מיטגעריסן פונם געשלעג.

קאַפּל־עקיבא

אין טיר

וואָס טוט זיך עס דאָ? אויף אַ רגע כ'האָב אַרויסגעשמעקט מיט די נאָז. — און זיי ווילן זיך שוין קעפּן, איינס ס'אַנדערע די קעפּ אַראָפּ־דרייען..

אַלע

צעגייען זיך גלייך.

מילקע

בלייבט ליגן אויף דער ערד און וויינט.

קאַפּל־עקיבא

אַ לעבן כ'האָב געטראָפן? אַ דור־הפלגה! וואָס האָסטו דיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, און וויינסט ווי אַ קליין קינד?... גיי אַהער, טויבעלע, און גיב איר אָנצוזייגן... כע־כע... איך לויף אַרום זוכן פאַר איר אַ חתן, און זי, — קאָנסט דאָך דיך פאַרן זעלבן געלט, — אַרונטערלייגן וויינען אונטערן בעט? שטעלט איר אויף די פיס ווער האָט דיך געשלאָגן?...

מילקע

כליפּעט

וועל־וול!

קאַפּל־עקיבא

ווי דען?... שיינע זאַכן הער איך פונם...

מאַטעס

צווישן די ציין

אים מאַכן פאַר אַ קריפּל, כ'זאָל אַזוי לעבן...

טויבע

איידער ס'זאָלן, חלילה, עפּעס געשען, — אויבעט פריער אַלע טמאות איינגעזינקן ווערן...

וועלוול

הינטער די מוטערס פּליצעס

זאָל ער נאָר פּרוון, מאַמע; מיינע הענט ליגן אויבעט נישט אין קינפּעט...

ק אַ פּ ל - ע ק י ב א

וואו איז ער ערגעץ, דער יונג? קרייעט פֿון דאַך אַראָפּ?

מ אַ ט ע ס

ר׳מעג טאַקע זיין מיין ברודער, אָבער דער זכות וועט אים גאָרנישט באַשטיין, — אַז כ׳וועל פּאַלן איבערן.

װ ע ל װ ו ל

מ׳האָט שוין געזען אַ װינע בריות

ע ט ל

וועלוול!

מ י ל ק ע

הינטער מאַטעסעס פּלייצעס

אַזאַ דרערפּליגער! מיינט: ס׳וועט אים אַזוי גלאַטיק אָפּגיין?

ע ט ל

מילקע!

מ י ל ק ע

שטעלט זיך מאַלן פּיבערהאַפּט ס׳ נים אין שפּיגל

ס׳געפעלט דיר נישט?

װ ע ל װ ו ל

ביסט אים שוין אַזוי אויבעט געפעלן.

מ י ל ק ע

שטעקט ארויס די צונג

מ-מ-מ-ם..

װ ע ל װ ו ל

געדענק: אַז כ׳וועל דיך אָנכאַפּן ביים צינגל, — עס שוין פאַרשפּאָרן צו־ריק אין מויל אַריינצונעמען...

ע ט ל

וועלוול!

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

זע נאַר, ווי ער האָט זיך דאָס צעלאָזט מיטן מויל? באַלד אַ צו גרויס מויל ביי אים אָנגעוואַקסן...

מ אַ ט ע ס

איך וועל עס אים אָפּדרייען.

ו ו ע ל ו ו ל

אָן די הענט.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אויפגעבראַכט

ער שלינגט דאָך איין מענטשן, לעבעדיקערהייט...

ו ו ע ל ו ו ל

אָן עוולה געטון דעם גאָלדענעם פייגעלע? כ'האָב פאַרגעסן: ס'טראָגט דאָך אָן אוצר אינעם פּיסקל!

ע ט ל

וועלוול!

מ אַ ט ע ס

גיט אַ זעץ אין טיש

אַלע צרות, טאַטע, נעמען זיך פון אים.

ו ו ע ל ו ו ל

ס'וואָלט זיך געוואָנדן אין מיר, וואָלט, אסור, נישט געקומען דערצו...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַזוי? די אייער זענען היינט קליגער פאַר די הינער?

ו ו ע ל ו ו ל

אַז מילקעס חכמה האָט אָנגעהויבן גילטן, — ברויך מע שוין מער קיין שכל נישט צו האָבן; ס'אי גענוג איר פאַריסן נעזל; זיך אונטערשלאָגן די אויגן, איינשמירן ס'פּנים, און פיו, פיו...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כ׳זע שוין, מאַטעס, אַז כ׳וועל נישט קאָנען אויסקומען מיט,׳ און בעל־כרחו מוזן אָפּגעבן אויף אַרבעט, צו די זעלנער...

ט ו י ב ע

מיינע יסורים?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַ־האַ! מ׳גיט אַ קלאַפּ אין טיש, רופט זיך אָפּ די שער; דאָס מאַמעלע איז דאָ...

ט ו י ב ע

אויף אַרבעט אים אָפּגעבן? גראָבן אָקאָפּעס אונטער די קוילן? קיין בע־סערן טויט שוין פאַר אים נישט געקאָנט אויסטראַכטן?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אוודאי; אַז אַ יונג גייט אַרום מיט אַ טראָמבע, אַ גאָמבע, און בלט; אַלץ איז ביי אים אַ דאָרן אין אויג; קיין שום זאַך געפעלט אים נישט; פון אַ וואָרט מאַכט ער אַ קוואָרט; אַ פליג — אַ העלפאַנט; און מ׳ברויך זיך פאַרן היטן מער ווי פאַרן טויט! גוואַלט געשריגן און גע־רופן, וואָס איז אים ס׳שטיקעלע עשירות אַזוי גרויס אין די אויגן?

ו ו ע ל ו ו ל

ווייל, ס׳איז נישט קיין ערלעך געלט, טאַטע.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אדרבא, קלער מיך אויף מיט וואָס? כ׳שיק, חלילה, אַרויס גנבענען? שטעל־אָן מענטשן אויף די וועגן, מיט פיסטאָלעטן אין די הענט? ס׳איז אָנגערויבט געלט?

וו ע ל ו ו ל

דאָס וואָלט שוין גלייכער געווען.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

באשר־בכן: מילקע גייט אַריבער צום גענעראַל, און דרייט ביי אים אָפּ אַ וואַגאָן זאַלץ, צוקער, פּוטער, — ציט ביי אים אויס די נשמה אויף סטרונעס, מיט וואָס איז דאָס נישט כשר?

מ אַ ט ע ס

פאַרשלאָגט, גיך

מ'זאָל צוריק אַריין אין לאָך, אונטן; טרייבערן געפּגרטע פערד, אָפּמאַכן פעל, דערמיט וואָלט ער זיך באַלעקט..

מ י ל ק ע

געקאָנט זאָט עסן.

מ אַ ט ע ס

מיט ברען

אַזוי ווי דו זעסט נישט די אויערן, — אַזוי וועט מע שוין מער די ראָגאַטקע נישט זען...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

מיט אים

אַריינוואַרפן ס'גאַנצע גוטס אין וואַסער אַריין; אויסגראָבן אַ גרוב און באַגראָבן די הייזער; נעם און באַגראָב זיי, די הייזער; באָגראָב אַפילו דו דערפער, אויב דו קאָנסט... כאַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ.. כאַ-כאַ-כאַ...

מ אַ ט ע ס

ווי פון אַ פאַס

כע-כע-כע... כע-כע-כע...

מ י ל ק ע

כי-כי-כי...

מ אַ ט ע ס

דו ביסט אַ גרעסערער נאַר פאַר אים, אַז דו שמעלסט דיך אַוועק איינטענען מיטן... ס'אי דאָ מיט וועמען?... אַ הקאָן! .. אַ קרומער האָקן!... ענדערט כ'גיי אַ בליק טון אין די גאַרבעריי, — מער פון מיר אַ נוצן האָבן, אַז כ'וועל דאָרט זיין, ווי דאָ שטיין מיט אים. אָפּ.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַז גאָט האָט געזאָגט: אתה בחרתני, — דיך, קאָפּל-עקיבא, האָב איך אויסגעקליבן פון אַ גאַנצע שטאָט, און אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ קלויסטער, כ'זאָל מיט איר רעגירן, — קאָנסטו נישט באַשטיין?... ווייסטו דען

נישט, פלאָקי, דאָס אַזוי ווי ס׳אי נישט מצ׳לעך הימל זאָל צו דרערד־ קומען, אַזוי קאָן נישט געמאָלט זיין, — כ זאָל צוריק אין לאָך אַריין, און אַרויסקוקן דורכן פענסטערל, ווען: אויב ס׳פאָרט נישט קיין פויערל אין שטאָט, און האָט ליגן אַ קעלבל אויף די פור?...

מ י ל ק ע

אָפּ מיט אַ געלעכטערל

כי־כי־כי..

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

כ׳בין שוין צו ווייט אָפּגעפאָרן פון די ראָגאַטקע, מיין קינד; טויזנטער מיילן פון איר אַוועק; צו הויך פאַרקראָכן און מיט צופיל געלט גע־ וואָרן אָנגעשטאָפּט, — ס׳רעדעלע זאָל זיך קאָנען צוריקדרייען; איינמאָל אין טויזנט יאָר געשעט אַזאַ גליק, — זאָל איך עס מיט די אייגענע הענט גיין פאַרוואַרפן?... צוליב וואָס?... כדי דער קראָפּ דיינער זאָל זיך נישט אָנבלאָזן ווי ביי אַ בייזן אינדיק?... כע־כע־כע... כ׳זאָל עס דיר, וואָס ס׳אי גאָרנישט מיגלעך, אפילו וועלן צוליב טון, ווייס איך נישט, — אויב כ׳וואָלט דאָס שוין געקאָנט... פשוט: צוליב די קינדער, גרויסע, דער־ וואַקסענע קינדער, — וואָס האָבן ערשט ביי מיר אַן אויג אויפגעמאַכט.. צוואָס אַ שטייגער, — וואָלט אַזוי עטל אויסגעגאַנגען?... גיי, גיב אַ קוק אויף אַנדערע מיידלעך, וואָס זענען עפּעס קעקערס פאַר איר, — און מוזן טראָגן אויף זיך ריפן חזיר־פלייש!.. פעלן!... און אַנדערע צרות... איך וואָלט זיך געקאָנט איינרעדן, אפילו אין די אַמאָליקע צייטן, ביי אַזאַ עשירות זיך אוועקצורייסן אַ דאָקטאָר?... און נישט געגאַנגען טאַפּן און באַטאַפּן, מיך אויסקנעטן און אויסוועלגערן... זוכן אַ כרכה ווי אויף די לונגען פון אַ חולהוואַטן אָקס?...

ו ע ל ו ל

זי עסט נאָכנישט אויף קיין זעקל זאַלץ מיטן...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

און הלוואי מיט מילקען, ס׳זאָל זיך אויספירן ווי כ׳האָב מיר אַפּירגענו־ מען, ווי כ׳וועל נאָך מיט מאַטעסן, אַזאַ שטיק פלאָג, אויכעט אָנשפּארן אונטער די ה׳מלען..

ו ע ל ו ו ל

כאַ־כאַ־כאַ...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

פאַרכאַפּט

אַ, ס'האָט זיך אים דאָרט צוגעקלעבט צו די פינגער?... אויפן שטערן שטייט אים דערפון נישט אָנגעשריבן.. און אויב יאָ, לאַכט מע זיך גאַנץ געשמאַק אויס דערפון.. מ'גיט אַ ניס, אַ צי ביים לינקן אויער, און ס'זאָל אים דאָס אַזוי פיל שאַטן, — ווי אַן עין־הרע, אַ שלעכט אויג קאָן אים שאַטן... אַצינד: אַז דו וואָלסט נישט געווען אַזוי, ב״סטו דאָך עפּעס אַזוי און אַזוי, דאָס גמרא־קעפּל, דער גראָבער פינגער, נו?... וועל איך דיר אָפּקאַרגן?... אוי־וויי, גוואַלט!.. כ'וועל דאָך אויפמאַכן דעם בייטל, ס'זאָל לאַבערן פונם... אוּם, ווער נאָר צו גאָט האָפּט, וואָס כ'וועל דיר מיטגעבן... כ'האָב ב״ה אַזוי פיל צו טיילן, אַז כ'וועל ס'גאַנצע לעבן, וויפיל ס'אי מיר דאָרט אויפגעלייגט, — נישט קאָנען פאַרטיילן...

ו ע ל ו ו ל

יאָ... מיך באַלד אָוועקזעצן אינאיינעם מיט מאַטעסן, וואַרימען די הענט ביי מילקעס אייוועלע... טינקען גראָבע, געשוואָלענע מוציאס אין בלוט, און מיט זיי אָנשטאָפּן די קישקע.. כע־כע... כ'וועל דאָס אָפּ־ברעכן, נאָך איידער כ'וועל זיי נעמען צום מויל... ס'קומט מיר נישט גרינג־אָן דער קאַרגער ביסן, וואָס כ'שלינג דאָ אַרונטער... הלוואי וואָלט איך געקאָנט אויסקומען אָן אים, — כ'זאָלן נישט ברויכן.. אָפּ.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

כע־כע־כע... אַזאַ דרערדליגער!.. וואָס כ'האָב שוין פאַרלייגט אַרבעט, און קאָן אים אויף מיין קאַפּיטע נישט אַרויפציען?..

ד ר ' ע פ נ ע ר

קומט אריין

אוודאי, לאַנג געזוימט...

קאָפּל-עקיבא

פֿאַלט אויפֿן אָן

אַ גאַנצן אין שטעטל ! מ׳האָט דיר נישט אָפּגעגעבן קיין גרוס פֿון מיר ?...
כ׳האָב מיך שוין דאָרטן געדרייט פֿאַרן שפּיטאָל דײַנעם..

ד״ר עפּנער

צוואָס ?

קאָפּל-עקיבא

ברויכסט וויסן : דו גייסט אַוועק אַז ס׳קאָן נאָך ווער ערגעץ קראַנק ווערן, און צו יענעם אויכעט ברויכן אַרויספֿאָרן ; נישט אַזוי לאַנג דאָרט צו זיצן..

ד״ר עפּנער

כ׳האָב געזאָרט פֿאַר עטלעכן ; געמיינט, אַז זי וועט צוקומען...

קאָפּל-עקיבא

חלילה ! כ׳וויל, דו זאָלסט אַלײן אויבעט נישט מער אַהינגיין ; ס׳איז מיר אַ שאָד יעדן טאָג דײַנעם, וואָס דו לאָזט דאָרטן איבער...

ד״ר עפּנער

כ׳בין נאָך דערווײַל מער זייער מענטש, שוועך.

קאָפּל-עקיבא

כ׳וויל דיך נישט האָבן אין ערגעץ און פֿאַר קיינעמען ; דאָ זײַנען דאָקטאָר, ביי מיר אין שטוב דאָקטאָר... ס׳איז געזעסן אינעווייניק עמעץ מיט אַ באַק, אָ, אַזאַ הויכע געשוואָלענע באַק, און ביז דו האָסט דיך אויסגעגראַבלט — איז זי אים דערווײַל אָפּגעגאַנגען... נו ?... דיך מער נישט באַדאַרפֿט האָבן...

ד״ר עפּנער

לאַכט

ער איז נאָר בלויז אַרײַנגעקומען, איז ער שוין געזונט געוואָרן...

קאָפּל-עקיבא

דו לאַכסט, און אין מיר צעגייט די גאַל.

ד׳ר עפנער

ס׳אי זיך נישטאָ וואָס צו ערגערן... פאַר דעם איינעם קומען אַנדערע אַ סך...

קאָפּל-עקיבא

עפּעס אַ משוגענער אין דר׳ יסן אים געהייסן צולייגן פערדסליינע, און דאָס האָט אָראָפּגעצויגן ס׳געשווילעכטס...

ד׳ר עפּנער

לאַכט

נו, ברויך מע האָבן אַ דאָקטאָר ?...

קאָפּל-עקיבא

יאָ... אַז ס׳וואָלט דיך אָבער נישט געגלוסט אַזוי לאַנג דאָרט צו זיצן, — אַצינד פאַרשפּאָרט צו ווייגען אויף די פּערדס-ליינע...

ד׳ר עפּנער

דער שווער פאַרגעסט : מ׳קאָן מיט די בלויזע הענט קיין קראַנקן נישט אויפנעמען.

קאָפּל-עקיבא

כ׳פאַרשטיי : אַז מ׳ברויך צו די הענט אויכעט האָבן אין קאָפּ... נו, דיר נאָך אַלץ ווייניק אין אים אַריינגעלייגט ?

ד׳ר עפּנער

מ׳מוז האָבן כּלים, שווער.

קאָפּל-עקיבא

אַן עסק, כּלים ? דו זאָג נאָר א׳ם קאָפּל-עקיבאן, — און איבער אַ נאַכט וועלן זיי געבוירן ווערן...

ד׳ר עפּנער

מ׳ברויך זיי באַציען פון אויסלאַנד ; און ס׳אַפילו דאַרטן אין זיי אַ מאַנגל, — שווער צו באַקומען.

קאָפּל-עקיבא

און ווען אַפילו פון הינטער די הרי-חושך ?... שטיי און קוק : כ׳וועלן

אַרויסלאָזן די כּאַרע פּונם מויל, און זיי וועלן אָנהייבן צו קומען ; מיטן טעלעגראַף...

ד ר ׳ ע פּ נ ע ר

דאָקטאָרישע כּלים, שווער ; מאַשינען גאַנצע...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ס׳מעגן אַפילו זיין אַ־עלכּע מאַשינען, מ׳זאָל מיט זיי ברויכן אַ הויז אַוועקצושלעפּן... כ׳זאָג : מיטן טעלעגראַף... קאָפּל־עקיבא זאָגט... גייט אים נאָך אין די אַנדערע שטוב, וואו ער גייט דו גיב מיר נאָר, שנעק איינער, אויפגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. צוויי ווע טער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר אויפגעשריבן, און כ׳וועל דיך גלייך מאַכן פאַר אַ דאָקטאָר מ ט אַלע כּלים... אַפּ.

א געצאַנקעריי צווישן מילקען מיט טויבען.

מ י ל ק ע

קומט אַריין

באַבגיכער כ׳דריי מיך אַרויס פין מאַטצסן, שטייט־צו די מאַמע... שטעלט זיך אין שפּיגל אַריין.

ט ו י ב ע

נאָכקומענדיק

מילקעשי, קרוינעשי, — די אַלטע רביצינס נאָמען, דיר צו לענגערע יאָר, טראָגסטו...

מ י ל ק ע

ס׳טוט מיר אַ הנאה

ט ו י ב ע

אין דעם יאָר, זעסטו, ווען זי איז פון די וועלט געגאַנגען, ביסטו געבוירן געוואָרן ; און די שטאָט האָט אַלע מיידלעך ס׳גאַנצע יאָר, זיי — נאָך איר אַ נאָמען געגעבן...

מ י ל ק ע

טאַקע אַ מזל ; וואָס טו איך, — כ׳ווער געבוירן מיט אַ יאָר פריער ?

וואָלט איך געהייסן נאָך די באָבע עלקע, בעלקע, — נישט געווען קיין כשרע יידענע ?

טויבע

די מאַמעס האָבן אָבער געוואָלט...

מילקע

אַלע זאָלן זיין רביצינס ?

טויבע

כאָטש אַזוי פרום, און אַזוי גוט... דו ווייסט גאָרנישט, וואָס איך בעט אויס : איר נאָמען זאָל דיר אַציגנד ביישטיין ... כ'זע : ווי ס'הויז גייט אויף רעדלעך, — פאַלט מיר ס'האַרץ איין ; שטעלן זיך די האָר אויפן קאָפּ אויף...

מילקע

אַז כ'בין אַ ביסל אַרויס פון די הויט, און ס'איז אַלץ אויף מיר געוואָרן לעבעדיק, — קלערסטו שוין אַזוי פיל איבער ?...

טויבע

דורך טרערן

אַ מאַמעס האַרץ, ווייסט נישט ?.. די אויגן, מילקעשי, — די אויגן דיי־נע געפעלן מיר נישט .. דו וואָלסט דיך נישט אָפּגעמאָלן אַזוי.. אָנגעטון אַזוי... מ'זעט דאָך דיר די גאַלע הענט אַרויס... און דער האַלז איז ביי דיר צופיל אויסגעשניטן, — ער רייצט ביי יעדן אויף די בלוטן...

מילקע

דער גאָלער האַלז, מאַמע, בריט מיט פייער... די בלויזע הענט ציען ווי מיט שטריק... זיי האָבן נ'טאַטן פון לאַך אַרויסגעצויגן, און ביים גע־נעראַל אויבנאָן אַוועקגעזעצט... אין הייזער אָנגעטון...

טויבע

ווענען ווארימען די הייזער ?... כ'וויל דיך בעסער זען אינם אַלטן שטיקל קליידל, וואָס האָט דיר ס'לייב צוגעדעקט, — און נישט אַזוי אויפגעריסן ווי אין די גרויסאַרטיקע מויער, דאָ...

מ י ל ק ע

ס'אַלטע קליידל האָט מיר אויפן לייב געברענט... כ'האָב עס נאָך אויף די ראַגאַטקע נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און מיט צוואַנגען פונם לייב געריסן... נישט געקוקט ; ס'בלוט זאָל זיך באָדיי גיסן...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

פון די אַנדערע שטוב

כאַ-כאַ-כאַ... קומט אַריין בין איך נישט ווערט פּעטש ?... אַ ?... קיין עין-הרע : אַ ייִד, אים שוין געפּאַסט צו זיין אַ זיידע, און נאָך אַלץ אזאַ שטיק טפּוש?.. אַ יונגערמאַנטשיקל, אַזוי קורץ נאָך דער חתונה, ער נעמט זיך אַוועק ס'ווייבל ביחידות, קיטשעלע-מיטשעלע, — לעקיש-בער, וואָס קריכסטו אים נאָך?...

ט ו י ב ע

קאָפּל !

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

הערט נישט

נאָך וואַרימס, און באָכנישט גענומען קיין יידיש וואָרט אין מויל אַריין ; איין טאָג איבערן אַנדערן, — ווי כ'בין עובר זמן קריאת-שמע... נעמט ליייגן דעם טלית, און וויקלען די רצועה פון די תפילין איבער די האַנט.

מ י ל ק ע

אין שפּיגל, מיט פייער

איך וועל נישט גיין, גייטס אַליין.
איך וועל טאַנצן מיט די זעלנער, ביז אַ זייגער זיבן.
איך וועל טאַנצן מיט די זעלנער, ביז אַ זייגער זיבן.

ט ו י ב ע

ווי פריער

קאָפּל !

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

זאָגט פאַר פייער און וואַסער

הללויה, — הללויה, כי טוב.

טויבע

הער אויף אַ רגע צו זיין משוגע.

קאָפּל־עקיבא

מאָלט

הללויה, — הללויה, הללו את יי... פּלוצלינג וואָס מונטערסטו מיך?

טויבע

ווילסט איר איינשלינגען מיטן דאַווענען?

קאָפּל־עקיבא

ווי פריער

כל הנשמה תהלל יה. הללויה...

מילקע

כ׳בין מיך אַנומלט פאַרזעסן ביים גענעראַל, איז ער צוגעשטאַנען צו מיר, — כ׳זאָל מיטן אויסטרינקען אַ גלעזל רום; און אַז כ׳האָב מיר גענומען מאַכן מיטן אַ קראָם: „כ׳האָב נישט ליב קיין רום!“, האָט ער מיר אויפגעריסן סמויל, און אים אַריינגעגאָסן אין האַלז; איין גלעזל, — און דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזוי צעמישט, אַז כ׳האָב דערנאָך אָן אויפהער, געלאַכט, ווי ער האָט מיך געביסן און געקושט; און אַז כ׳בין אַהיימגעגאַנגען, שוין שפּעט אויפן טאָג, — איז נאָך אַלץ די גאַס געווען קרום, די הייזער נישט געשטאַנען גלייך, און זיך געהוידעט, געגעפּלט אין רויך; און האַרט הינטערן פּלויט, אויף די ערד, — איז געלעגן ווי אַ שטיין די זון, די ריכטיקע זון פון הימל; איר גענומען אין די האַנט אַריין, און זי האָט נישט געבריט; כ׳לאָז איר אָפּ, און זי נעמט און פליט..

קאָפּל־עקיבא

מאָלט

הללו׳ה, שירו ליי...

טויבע

מיט געבעט

קאָפּל, קוק דיך אום אויף מילקען.

קאָפּל־עקיבא

גיט זיך אַ שטעל־אָפּ און אַ נעם אַריין מילקען אין זיך

מילקע, כ׳ברויך מיך אומקוקן אויף דיר?

מ י ל ק ע

קוקט אים לאַנג אין די אויגן, און גיט אַ פּלאַץ אַרויס מיט אַ געוויין

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

דריקט איר צו זיך

ס׳הערצעלע צאַפּלט זיך ווי אַ פישעלע אין די האַנט. . און אין אייגעלע בלישטשעט אַ טרער, אַזאַ גרויסע טרער...

מ י ל ק ע

כלישניעט

די מאַמע שרעקט, — ס׳זאָל נישט ווערן פון מיר קיין בער...

אָפּ מיטן געוויין, פון וועלכן ס׳ווערט ב:ך דאָ אַ ביטער געלעכטער כי-כי-כי... כי-כי-כי.

ט ו י ב ע

אָפּ נאָך איר

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ציט אַריבער דעם טלית איבערן קאָפּ.

אַ לאַנגע פויזע

א ר י ה

גיט אַ פאַל אַריין

האָסט דיך טאַקע אַליין מטריח געווען, — ווי פאַלסטו אויס צו טון אַזאַ זאַך ?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

לייטערט זיך איבער אַ רגע אויס

מילא ; כ׳האָב געהערט : ביסט שוין דאָ צוריק, און מ׳זעט דיך נישט, — האָב איך געזאָלט וואַרטן אויף כבוד ?

א ר י ה

האָסט די מויער אויבעט איינגענומען, קאָפּל !

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

וואָס רעדסטו ?

אריה

מ'וויל וויסן, קאָפּל, אַ רשימה: וואָס דו גיסט?

קאָפּל-עקיבא

שוטה, אריה! אַז דער רבי פון זאַקלקיוו וויל זיך מיט מיר משדך זיין, ברויך ער מיר שיקן אַ רשימה: וואָס כ'גיב? ס'האָט דען אַ שיעור? אַ נחלה, אַ כרך, — וואָרן ער וועט דען קאָנען פאַרנעמען וואָס כ'וועל אים אַלץ געבן?

אריה

שוין! אַבי כ'ווייס.. וועל איך, מיערטשעם, אַריבערפאָרן בשבוע הבע"ל, און דאָס פאָרלייגן

קאָפּל-עקיבא

וואָס עפּעס אויף די אַנדערע וואָך? פאָר שוין אַריבער און ברענג מיר דעם גוטן ייד כאָטש מאָרגן, אויב דו קאָנסט, — אין די לופטן צו טראָגן.

אריה

מ'ברויך נישט, קאָפּל; כ'קום דאָך ערשט פּינם צו פאָרן, און ווייס, — ווי ס'זעט דאָרטן אויס; מ'האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט; צוגעפּאַלן ווי צו הייסע אַרבעס; כ'האָב אַליין פאַרוקט אויף אַ וואָך, אַז ס'זאָל אויסקוקן: ווי דו ווילסט דיר איבערלייגן ס'עסק...

קאָפּל-עקיבא

כע-כע-כע.. האָסט אַ ממזרישן קאָפּ, אריה!... כע-כע-כע... פון די רעכטע האָנט אַ רבי, וואָס וועט זיצן און לערנען תורה, — מיין עולם-הבא; און פון די לינקע האַנט אַ דאָקטאָר, — מיין עולם-הזה; די וועלט און יענע וועלט, — ביידע וועלטן זיין מיין; כאַ-כאַ-כאַ.. וואויל איז דיר, קאָפּל-עקיבא; מי כמוך, — ווער קאָן זיך צו דיר גלייכן, און פאַרמעסטן?

אַן אָנגעלויף פון דרויסן: יידן, ווייבער, — אין די טירן, פענסטער.

אַ געשריי

לאָמיר גיין צו אים מיט די קינדער!

צווייטער געשריי

אים אַרויסטראָגן אויף די הענט!

עס פאַלן אַריין: ר׳ יאָשקע, ביינוש און אַ סך יידן.

ר׳ יאָשקע

מיט איין אָטעם

די גאַנצע שטאָט איז אַרויס פון די לעכער...

ביינוש

און אַלע ווילן הערן פון אייער מויל, ר׳ קאָפּל, — אַז איר גייט זיי אויפבויען די שטאָט.

ערשטער ייד

קאָן נאָך דאָס געמאָלט זיין?

צווייטער ייד

אַז דורך אים זאָלן מיר געהאָלפן ווערן?

דריטער ייד

צוריק האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ?

פירטער ייד

און דערלעבן צו זען די שטאָט, אויפגעבויט?

אַ מענגע יידן

— און נאָך ביי אונזער לעבן?

— נאָך ביי אונזער לעבן?

— ביי אונזער לעבן?

קאָפּל-עקיבא

כאַ-כאַ-כאַ... איר זענט געקומען הערן פון מיין מויל, אויב כ׳מיין עס מיטן גאַנצן האַרץ?... נאַראָנים, יידן!... אַז ס׳האָט זיך ביי מיר געקאָנט אָנקלויבן געלט פון אַ האַלבע וועלט, — וועל איך מוזן האָבן כוח דער-מיט לעבעדיק צו מאַכן אַ שטאָט; אַז מיין הויז איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט שמאַלץ, געקריגן אַזאַ פעטן קאַרק, און מויערן זיך געגומען דער-פאַר בייגן צו די פיס, אַזוי פאַרהאָף איך נאָך בעזרת השם יתברך, אָנצוהייבן בקרוב וויזן אותות-ומופתים אויכעט; דער ערשטער מופת וועט זיין: אַז אַלע אָרימע לייט וועלן ביי מיר איינעמען אַ סוף; כ׳קאָן

נישט קוקן אויף זיי, נו ?... ס׳ציט מיר ס׳הארץ־צו, — כ׳זע זיי אזוי אַרומגיין, אין די שמאַטעס...

י י ד ן

איר וועט זיי דאָך נישט לאָזן אויסקוילן, ר׳ קאָפּל!

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

אָנטון אַלע מכף רגל ועד ראש, — אין נייע הויזן, שפּענצערס, שיך מיט היטלען ; יעדן איינעם דעם זעלביקן קאַשקעט מיט אַ דאַך ; פון אַ רויטע קאָליר דער שפּאַנצער, גרינע הויזן און מיט אַ ווייסן האַלז־טוך...

א יי נ י ק ע

— מ׳וועט האָבן אַ פּנים ווי חוזק.

— אויסזען ווי פאַרשטעלט.

אַ נ ד ע ר ע

— נאָר וואָס וועט מע דען נישט טון צוליב די שטאָט ?

— מ׳זאָל איר צוריק זען ווי פריער, אויפגעבויט ?

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

און אַז כ׳וועל שוין אייך אַלע האָבן אויסגעשטאַט, — וועל איך ווידער הייסן אַראָפּוואַרפן די פאַרברענטע פּיסטקעס אייערע, וואָס די מלחמה האָט אייך געשענקט, — און אויפבויען די שטאָט, אייער שטאָט ; אויסגעמאָסטן וועלן זיין די גאַסן, אָפּגעוואַשן די הייזער, שטובן, — פּאַלאַצן, שפּיגלען אין די ווענט...

י י ד ן

אויף אַמאָל

— וואו וועט דאָס זיין ?

— און ווען וועט דאָס זיין ?

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

און אַ מקום קדוש, — וואָס זאָל זיין אַזוי הויך ווי להבדיל, דער גוישער קלויסטער ; מ׳זאָל אים אַרויסזען אויף מיילן ווייט אַרום, איבער אַלע יידישע ישובים.

ע ט ל ע כ ע

גיבן אים אַ כאַפּ אויף די הענט

יחי קאָפּל-עקיבא !

אַ נ ד ע ר ע

אונזער גואל ומושיע !

פ אָ ר ה אַ נ ג.

דריטער אקט

ניש‏ט לאַנג דערנאָך.

אין די זעלביקע שטוב.

נאָך איידער די פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, הערט מען שפּילן, הינטער דער בינע, וואָס ס׳בּרויך זיין אויף דער שטאָט.

ארי ה, טויבע

שטייען ביידע און שניידן לעקעך, — צעלייגן אים אויף טעלערס.

אריה

שמחת בית־השואבה ביי יידן.

טויבע

געלויבט, כ'בין נישט ווערט צו מעלדן זיין נאָמען, — מ'האַלט שוין אַזוי ווייט.

עטל

קומט אָן, טראָגנדיק אַ שכוויס טעלער, טרעפט זיך מיט דר' עפנער, וואָס קומט פון די צווייטע שטוב. — אוועקצוגיין.

פון די גאַנצע שמחה, גייט גאָר דער דאָקטאָר אַוועק?

דר' עפנער

וואָס ווייסט אַ דאָקטאָר פון אַ שמחה? אַ דאָקטאָר איז שטענדיק מער יענעמס ווי זיין; ער איז אַפילו ביי זיך אויף די חתונה נישט זיכער, — אויב מ'וועט אים נישט קומען, פון אונטער די חופה, — אַוועקנעמען צו אַ קראַנקן.

עטל

דער טאַטע זאָל זען ווי מ'רייסט זיך אין דיר: מ'וויל דיך האָבן פון דאָ און דאָרטן, — וואָלט ער גאָר אָנגעקוואָלן... ענדערש אַזאַ שווער קראַנקן האָסטו, — אַז דו קאָנסט נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן, נאָר היינט נאָך אַרויסגיין אים זען?

דר' עפנער

נאָר, צו איינעם? דאָס שפיטאָל איז איבערגעפולט; קיין שפילקע נישט אַריינצוואַרפן.

עטל

אַ לייכט פּעטשעלע

וויפיל מאָל האָסטו דיך צוליב מיר, ווען דאָס אייגענע שפיטאָל איז געווען איבערגעפּאַקט, — פאַרשפעטיקט?... אָדער גאָר אינגאַנצן פאַרפעלט צו קומען, און דאָס גאָרנישט איבערגעקלערט?...

ד ר ' ע פ נ ע ר

רויטלט זיך

צוליב דיר האָב איך דאָך געמוזט אַמאָל אַוועקקוקן...

ע ט ל

וועסטו היינט נישט צוליב מיר אַוועקקוקן.. ס'אי נאָך געבליבן ווער דאָרטן, מ'זאָל זיך האָבן צו פאַרלאָזן אויף אים, אין שפּיטאָל; ביסט נישט איינ־איינציק *נעמט אַראָפּ זיין מאנטל און טוט אים אָן איר ווייס פאַרטוך, — דערלאַנגטן דעם שטויס טעלער אין די הענט אַריין* אין די ווייסע שירץ וועסטו ביי מיר היינט שניידן לעקעך, און נישט היילן קיין קראַנקע... *אָפּ מיט אים אין די אַנדערע שטוב.*

ט ו י ב ע

טאָקע איר מעגן געבן אַ יישר־כּוח דערפאַר.

א ר י ה

פאַר אַ שיינעם סאַרווער אים האָבן געמאַכט.

ט ו י ב ע

כ'וויס סייווי נישט: אויף ווען דאָס וועט אַמאָל אַרויסקומען? מילא: די לעקעכער שניידן... אָבער דאָס אָפּפליקן די הינער, זיי אָפּמאַכן, ווייקן, זאַלצן, און צושטעלן?... אויף די נאַכט איז תּנאים, און די שוחטים הערן נישט אויף צו שעכטן...

א ר י ה

איר האָט אַ גרויסע דאגה? קוקט צו ס'גרייטע, טויבעלע.

ט ו י ב ע

ס'וועט פון קוקן גאָרנישט אַרויסקומען.

א ר י ה

ס'קומט מיר, נישט אַנדערש אַפיר, ווי ערב פּסח; ערב פּסח, — מ'קאָן זיך נישט פאַרדרייען, ס'חמץ יערט פון אַלעם אַראָפּ, ס'דאַכט זיך: אַזוי ווי מ'וואָלט עס גאָר קיינמאָל נישט קאָנען אַרויספּטרן פון שטוב, און ס'קומט צו די מינוט, צו די רגע, — און מ'ווייסט גאָרנישט ווי אַזוי, ס'ווערט פּסח; מ'זאָל אַפילו געבן אַ רענדל פאַר אַ קערנדל ווייץ, אַ זשאַרנע קאָרן...

מ אַ ט ע ס, מ י ל ק ע
קומען ביידע אַריין, צעשטרייסט

מ אַ ט ע ס
פינסטער

וואו נאָרעסטו דיך אַרום אין די ווינקלען, ווי אַ געשלאָגענע?

מ י ל ק ע
פאַרביטערט

קריכט מיר נאָך ווי אַ שטן, און היט מיר אָפּ די נשמה...

מ אַ ט ע ס

וואו וועל איך מיך אַלץ נאָך דיר היינט אַרומיאָגן?

מ י ל ק ע

לאָז מיך זיין אַליין מיט די פיר ווענט.

מ אַ ט ע ס

גיי, ווייז דיך פאַר די אויגן; לייג צו עפּעס־צו אַ האַנט; לויפט אַרום ווי אַ נעכטיקע אין די פעלדער, ביי די וואַסערן...

ט ו י ב ע
שפּיצט־אָן די אויערן

וואו לויפט זי אַרום?

מ י ל ק ע
מיט טרערן

כ׳קאָן נישט זיין צווישן מענטשן; זיי קוקן אין די אויגן אַריין; ס׳רעדן לעכערט מיך אַדורך; כ׳קריג אַ געשוואָלענעם קאָפּ...

מ אַ ט ע ס

לאָז דיך שוין הערן מיט דיין שיין קולעכל?

מ י ל ק ע
פאַרברעכט די הענט

געהיטן, געהיטן, — כ׳זאָל נישט אַריין אין די קלעם; מיך אַרומגענומען אַזוי ווי אַ גלאָז מיט אַן ענגע רעם, — ס׳זאָל מוזן פּלאַצן...

מאַטעס

די בריליאַנטן בלענדן צופיל אויף דיר, — אַזאַ קליין פינטעלע זאָל קאָנען אַרויסשוואַרצן...

מילקע

כ'וויל עס אַרויסרייסן, פאַרווייסן.

מאַטעס

ס'רבילע, דער חתן דיינער, וועט אַ סך וויסן? בלויז צוליב די בריליאַנטן, וואָס דו טראָגסט, — זיך מיט דיר נישט מיאוסן...

קאָפל-עקיבא

פון דרויסן, שטורמיש

כ'האָב מיך אָבער געבעטן זייערס.

מילקע, מאַטעס

אַ פאַר אים.

טויבע

זיך געוויזן אַזוי איידל, גאָרנישט ס'אייגענע מיידל... אַ נאָך זיי ביידן

קאָפל-עקיבא

קומט צריין, מיט כוח

כ'האָב מיך אָבער געבעטן: זיי זאָלן נישט האָבן צו טון מיט די שטאָט; ס'איז ביי מיר יום-טוב היינט.

ר' יאָשקע

וואָס איז געקומען נאָך אים

מ'טאָר נישט מפסיק זיין, קאָפל; ס'אַ מלאכת הקודש.

קאָפל-עקיבא

קיין שום מלאכה נישט; אַזוי ווי שבת, ווייל איך, — זאָל זיין; שבת אין מיטן דער וואָך, ביי קאָפל-עקיבאן, אויף די טאָכטערס תנאים.

ר' יאָשקע

קום אויף אַ רגע, אויב דו ווילסט דיר אָנטון אַ תענוג, — אַ קוק טון אויף די מויערן.

קאָפּל-עקיבא

כ׳וואָלט בעסער געוואָלט: מ׳זאָל הייַנט אַראָפּ פֿון זיי, און נעמען אויפֿשטעלן טישן אויפֿן מאַרק; אַ וועלט יידן, קיין עין-הרע, אָנגעקומען אויף די תּנאים, ברויך מע דאָך זען: מ׳זאָל זיי ערגעץ האָבן וואו אַהינצוטון, די יידן.

ר׳ יאָשקע

ס׳אַ נחת און אַ פֿרייד צו קוקן: ווי ס׳וואַקסט אַ שטאָט אונטער די הענט; אַ שטאָט שטייט אויף תּחית-המתים; מיט יעדן ציגל וואָס ווערט אַרויפֿגעלייגט, — מיט אַ שטיק פֿלייש מער נעמט זי אויף זיך, די שטאָט.

קאָפּל-עקיבא

כע-כע... אָבער: נישט געקאַרגט קיין געלט אויף שטיינער, אויף ציגל, האָלץ; אַז קאָפּל-עקיבא שטעלט אַ שול, וויל איך נישט: ס׳זאָל עפּעס זיין גלאַט אַ שולכל, מ׳זאָל זיך נישט קאָנען פֿאַרדרייען אין איר; נאָר טאַקע אַ געמאַך, אַ מקום-קדוש, — מ׳זאָל קאָנען אַרומרייטן מיט פֿערד...

ר׳ יאָשקע

כ׳האָב אָבער שטאַרק מורא פֿאַר די גויים, קאָפּל; דאָס געהינטעכץ זאָל זיך דאָ נישט אַריינלייגן, און עפּעס קאַליע מאַכן...

קאָפּל-עקיבא

וואָס פֿאַר אַ גוט יאָר מיט די גויים?

ר׳ יאָשקע

פֿון די טומאה זייערע איז נישט געבליבן קיין שטיין אויף אַ שטיין, און דאָ וואַקסט אַ שול ביז אונטערן הימל.

קאָפּל-עקיבא

אַז דער דייטש, אַזאַ משומד, האָט זיי אַריינגעוואָרפֿן אַ קניידל אין קאָשטשאָל; נישט קיין מורא געהאַט פֿאַרן גאָט זייערן: ער וועט אים קומען ווערגן נאָכן טויט, און געזען צום קאָפּ, — ווער איז זיי שולדיק? זאָלן זיי אים אויבעט צולייגן אַ לאַטע. ס׳לאָזט זיי ווער נישט?

ר׳ יאָשקע

האָבן נישט מיט וואָס, קריכן די אויגן...

קאָפּל־עקיבא

נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן; דער גענעראַל איז מיינער; כ׳האָב מיך אויף װעמען אָנצושפּאַרן...

ר׳ יאָשקע

גלייכער: קאָפּל זאָל זיך זען אַריינצולייגן, און פאַרגלייכן מיטן גלח, — ער זאָל זיי איינשטילן; דער גלח איז אַ דימענטענער גוי...

קאָפּל־עקיבא

מילא; אים שוין, ווי ס׳איז, מוזן פאַררוקן אַ ביין אין האַלז אַריין...

ר׳ יאָשקע

און אויכעט האָבן וואָס אָפּצולעקן. אָפּ.

אריה

קייקלט אַריין אַ פּאַס ווײַן פון די אַנדערע שטוב, פּאַלט אָן אויף אים

קאָפּל, וואו ביסטו?

קאָפּל־עקיבא

צו וואָס, אריה, באַדאַרפסטו מיך?

אריה

דו ווילסט: דער ווײַן זאָל הײַנט זײַן?

קאָפּל־עקיבא

כע־כע... שוין געזען אַ שמחה אָן ווײַן?

אריה

און ס׳פלייש אָפּגעקאָכט?

קאָפּל־עקיבא

רויערהייט עס אפשר אויפעסן?

אריה

און די פיש, געמאַכט?

ק אָ פ ל ־ ע ק י ב א

און, ווי מיינסטו ?

א ר י ה

נו, אויב דו וועסט אַזוי כסדר ליגן אויף די ראָגאַטקע, און אויסקוקן די גוטע יידן: „אַ גוטער ייד! אַ גוטער ייד!" וועט דאָס אַלץ אַרויסקומען אויף איבעראַיאָרן, וואָס דו נעמסט דיר אין זינען אַריין, און ווילסט האָבן.

ק אָ פ ל ־ ע ק י ב א

כע־כע־כע... די גאַנצע שטאָט ווייבער כ'האָב דיר געגעבן, קאָנסטו דיך נישט באַהעלפן מיט זיי ? ביסטו דאָך שוין באַלד אַזוי צעקראָכן ווי די יידענע מיינע...

א ר י ה

וואָס קומט מיר אַרויס, כ'האָב די גאַנצע שטאָט ווייבער, — אַז דער קאָפּ איז צו זיי נישטאָ.

ק אָ פ ל ־ ע ק י ב א

קאָפּל־עקיבאס קעפּעלע, כע־כע... — פעלט דיר ; אַ יאָ, אַריה ?

אַ ר י ה

די הענט אַרבעטן, אַוודאי טויזנט הענט, — אָן אַ קאָפּ ; גלאַט אין די וועלט אַריין.

ק אָ פ ל ־ ע ק י ב א

וואַרט, און כ'וועל דיר באַלד העלפן שטעלן דעם ווייַן.

א ר י ה

נישט מער ווי דעם ווייַן שטעלן ?

ק אָ פ ל ־ ע ק י ב א

וואָס נאָך, ווילסטו, זאָל איך טון ? טאַפּן די עופות ? ווייַן איז אַ דבר קדושה ; מיט ווייַן גיבן זיך אָפּ די גרעסטע צדיקים, און מ'טאָר אים אין גראָבע הענט נישט אַרייַנגעבן ; נו, וויל איך אויך שפּירן אַ טעם פון דעם, מיט וואָס גוטע יידן גיבן זיך אָפּ. גאַרטלט זיך אַרום, און נעמ[illegible]

איבערגיסן מיט אים דעם ווײַן, און רײַטן דערנאָך אויף אויפן פּאַס, יעדער פון די אַנדערע זײַט, טרינקען ביידע און צעזינגען זיך.

אָ ר י מ ע ל ײַ ט

פּאַקן זיך אַרײַן

— מזל טוב! מזל טוב, ר׳ קאָפּל!

— מיט מזל זאָלט איר לעבן!

— מאַכן שמחות, און געבן אָרימעלײַט צו עסן.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

וואָס האָט אײַך אַהערגעבראַנגט?

אָ ר י מ אַ ן

מ׳האָט געוואָלט בעטן: ר׳ קאָפּל זאָל געדענקען אָן די היימישע אָרי-מעלײַט.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

חלילה, קיינעם נישט פעלן.

ב ע ט ל ע ר י ן

די גאַנצע וועלט שלעפּערס זיך אַ לאָז געטון אַהער, און פאַרפּלייצט וואו אַ לאָך; אַלע טעפּ זענען מיט זיי פול...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַליין זײַן בײַ אײערע טישן, און זען: מ׳זאָל אײַך קיין עוולה נישט טון.

אָ ר י מ אַ ן

נישט פאַרגעסן, ר׳ קאָפּל, גרויסע מציאס ברויט.

ב ע ט ל ע ר י ן

דער עיקר: נישט קיין קליינע חלקים פליש.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כע-כע... כ׳האָב דאָך געלאָזט אײַנמויערן קעסלען אין דרערד; אויפ-שטעלן אַ שעכטהויז, בלויז די עופות צו שעכטן.

ב ע ט ל ע ר ן
אַזוי פיל הינער, קיין עין הרע.

ק אָ פ ל - ע ק י ב א
כּוויזנט, — זיין געצוג ?

א ר י ה
מיין קליין געלט !

ק אָ פ ל - ע ק י ב א
אַחוץ אָקסנפליייש !

ב ע ט ל ע ר
אָקסנפליייש ?

ק אָ פ ל - ע ק י ב א
קאַלבפליייש !

ב ע ט ל ע ר
קאַלב-פליייש ?

ק אָ פ ל - ע ק י ב א
שעפּסנפליייש !

ב ע ט ל ע ר
שעפּסנפליייש ?

ק אָ פ ל - ע ק י ב א
הירשנפליייש !

ב ע ט ל ע ר
הירשנפליייש ?

ק אָ פ ל - ע ק י ב א
טויבנפליייש !

ב ע ט ל ע ר
טויבנפליייש ?

קאָפּל-עקיבא

און וואָס נאָך פאַר אַ פּלייש ס׳קאָן נאָר זיין געמאָלט..

אָרימעלייט

און אַלץ פאַר אונז, אָרימעלייט?

אַן אָרימאַן

אַלע יאָר געזאָגט אַזוינע שמחות.

צווייטער אָרימאַן

מ׳וואָלט זיך שוין גאָרנישט געקאָנט פאַרדאַרבן.

דריטער אָרימאַן

מיט אַ גרינגערן טויט כאָטש שטאַרבן.

אריה

אַ חוצפּה אַ ביסל פון שנאָרערס, — אַזוי ווי ס׳וואָלט שוין קיינער מער אויף די תנאים נישט געווען, נאָר זיי; און גיב זיי כאָטש אַלץ אַליין אויפצופרעסן...

קאָפּל-עקיבא

אריה, זאָלסט זיי געדענקען צו הייסן געבן גאַנצע הינער.

אריה

אָרימעלייט, — הינער?

קאָפּל-עקיבא

זאָלן זיי וויסן: קאָפּל-עקיבא מאַכט אַ שמחה, — און אויכעט איינמאָל אַ הנאה האָבן פון זייער לעבן.

אָרימאַן

מ׳האָט נאָך דעם טעם אין מויל, ר׳ קאָפּל, פון אייער עלטערע טאָכטערס חתונה.

קאָפּל-עקיבא

כע-כע-כע... אַז איר וועט זיך דערוואַרטן, מיערטשעם, ביי איר אויף די חתונה, ביי מיין מילקען, — וועט איר ערשט האָבן צו דערציילן יציאת-מצרים; חיים-מאירס קאַפּעליע; משה-מרדכיס קאַפּעליע; איטשע ברוכס... כ׳וועל הייסן טישן אין מיטן מאַרק... אַריינשלאָגן פּלעקער אין דרערד,

און לייגן ברעטער; און טענץ וועלן זיך פירן, גאַנצע קאַדרילן; מ׳וועט מאָלן מעל אויף בילקעס, אוודאי אין צען מילן.

ב ע ט ל ע ר

מיט אַ גרויס געדרודער

– אוי, אוי, אוי, וועט דאָס זיין אַ חתונה!
– און וואָס מ׳וועט אַלץ געבן אויף איר צו עסן?
– אוי-אוי-אוי... איי-איי-איי... אי-אי-אי...

א ר י ה

גייט און ברענגט צונויף די טישן מיט די בענק, פון די בתי-מדרשים; וואָס שטייט איר און כאָ-כאָ-טשעט?

ב ע ט ל ע ר

זיך אָפּטראָגנדיק

– באַשטיין צו עסן שטייענדיקערהייט.
– נישט גיין אין די פיס אַריין.
– כי-כי-כי... כע-כע-כע... כאַ-כאַ-כאַ...

אָפּ מיט אַ גערויש.

ק אַ פּ ל - ע ק י ב א

וואָס האַלט אין איין איבערגיסן פון די פלאַש

אריה, אַ גלאָז ווין! אריה טרינקט ער שמעקט דיר?

א ר י ה

אַלע טעמים! וואו האָסטו אים ערגעץ דערטאַפּט?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

טרינקט אַליין

נישט להכי קיין אַלטער גביר, כ׳קאָן מיר נישט איינשאַצן אין יחוס קיין אַלטן קעלער ווין, – און, אסור, אויב כ׳וועל מיך האָבן צו פאַר-שעמען מיטן...

א ר י ה

כע-כע-כע. מעגסט עס נאָכאַמאָל זאָגן...

קאָפּל-עקיבא

כ'בין אַריבער צו שלום-לייבן: ער זאָל עפּעס דערגרונטעווען אַ ביסעלע משקה אין דרערד, האָב איך געמיינט, — ער קריגט די פּלאַץ; און לייב מאכעלס, — אַז ער ווערט צעשפּרינגען, און לייגט זיך אַוועק...

אריה

ס'אי נישט דער ווין, קאָפּל; אַמאָליקע גבירים, אדירים, — קאָנען נישט סובל זיין, ווי אַ נבלה-שינדער, זאָלסט מיר מוחל זיין, האָט זיך אַרויפּ-געדראַפּעט; האָבן געמיינט: ס'וועט תמיד אַלץ זיין זייער..

קאָפּל-עקיבא

כאַ-כאַ-כאַ...

אריה

אין פענסטער

כ'האָב מורא, קאָפּל!

קאָפּל-עקיבא

וואָס האָסטו מורא, שוטה?

אריה

דער הימל געפעלט מיר נישט איבעריק; ברוויכסט נסים, קאָפּל, — ס'זאָל נישט אַראָפּ קיין מבול איבער די קעפּ; דער רעגן הענגט אין לופטן...

קאָפּל-עקיבא

טרינקט

מילא: כ'זאָל שוין האָבן צו באַפעלן איבערן הימל, האָב איך לעת-עתה נישט... כע-כע-כע... קאָפּל-עקיבא איז דערוויילי קאָפּל-עקיבא אויף די ערד בלויז... און אפשר, מי-יודע?... מיט די צייט דאַרט אויכעט עפּעס האָבן אַ שטיקל דעה צו זאָגן?...

אריה

כע-כע-כע...

קאָפּל-עקיבא

אין פענסטער

ס'לייטערט זיך, אריה; אַ צדיק קומט אַריין אין שטאָט, — שיינט אויף מיטן די זון; אַ צדיק, אריה, איז נישט פון די קליינע זאַכן...

אריה

מ׳זאָל אים קאָנען אָנקריגן פאַר אַ שיבוש, כע־כע...

קאָפּל־עקיבא

נאָר פאַר אַ סך קופּער, כע־כע־כע...

טויבע

דערשיינט. אַ שטאַרע, אַ קוואַרע, — אַ בלייכע מידעקייט ביי איר אויפן פּנים

די גאַנצע וועלט האָט ער אויפן קאָפּ, נאָר זיין אייגן קינד, נעבעך, פאַרזעט ער...

קאָפּל־עקיבא

שוין?... מיט די שטאָלער ראָגאַטקע?...

טויבע

אַ כלה־מיידל, ביי זיך אויף אירע אייגענע תּנאים, זיצט אַ גאַנצן טאָג און קלערט אַריין: וואו דער הונט האָט ב׳פּיפּיק?

קאָפּל־עקיבא

אָנגעשפּאַרט מיט זיין פּלייצע אין אַריהס פּלייצע, טרינקט

כאַ־כאַ־כאַ...

אריה

אָנגעשפּאַרט מיט זיין פּלייצע אין קאָפּל־עקיבאס פּלייצע, טרינקט

כי־כי...

טויבע

ווי פריער

און זיך נישט באַלד, כ׳ווייס, — רירן פונם אָרט? אַ קוק טון אַרום זיך...

קאָפּל־עקיבא

דערפאַר איז ביי דיר די נאָז אַזוי טויט? כאַ־כאַ־כאַ... מיר, זעסטו, גע־פעלט עס גראָד; איך זע: אַז דערצו האָט זי געכאַפּט דעם ריכטיקן שניט, און ווייס: אַז וואָס ווייניקער זי וועט זיך וואַרפן אין די אויגן, — מער אָנגעלייגט וועט זי זיין...

טויבע

מ׳טרעט דאָך איבער די טעלער, איבער די גלעזער, — נישטאָ וואו זיך אויסצודרייען...

קאַפּל־עקיבא

כע־כע־כע.. האָב איך געטראָפן, אַריה, — וואו זי פעלט איר אויס? די קאָנסט די באָם נישט באַגיין, און דאַרפסט איר געניייטיק האָבן ביי די פּליאַקעוועטע ווייבער, — זיי זאָלן זיך אויסוואַשן ס׳מויל מיט איר...

טויבע

נאָר אַזוי זיצן, — אַ שטיק ליים?

קאַפּל־עקיבא

כע־כע־כע... אַ יונג האַרצעלע, זעט: אַ וועלט יידן קיין עין־הרע, איז זיך אָנגעפּאָרן צו איר אויף תּנאים, — צאַפּלט עס זיך; וואָס איז דער חידוש?

פּלי־זמרים גיבן מיטאַמאָל אין דרויסן אַ שפּיל־אויף אויף די שטאָט.

אריה

פאַרפּלאָנטעט

אַ גוטער ייד, קאַפּל! אָט.

קאַפּל־עקיבא

צערוישט

אַזוי פיל גוטע יידן?

טויבע

טרויעריק

מיט וועמען קאַפּל־עקיבאן האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן צו טון? הלוואי ער זאָל עס נישט אויסברעכן...

אריה

קומט צוריק אַריינצולויפן

די מחותּנים זענען אַריינגעקומען, אוודאי, — אויף צען בריקעס; דער חתן גייט אין אַ ראָד פון לויטער רביים; אַראָפּגעטריבן נש״ם פון מאַרק...

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

כאַפּט זיך מיטן אָרום

דערלאַנג די פּיס, אריה. צעהוליען זיך נאָכן שפּילן פון דרויסן ביז צום שפּיץ באַלקן...

ט ו י ב ע

איינגעשרומפּן

קאָפּל-עקיבא איז אויף אַ יאַריד פון גוטע יידן...

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

אריה, וואָס נבלט זי דאָרטן ?

א ר י ה

ווּעסט אַלץ הערן, וואָס אַ יידענע רעדט ?

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

כע-כע... זע נאָר, אריה, מיט וועמען די רביצין פון זאַקלקיוו וועט ברויכן צו נעמען דאָס שולפּירן ?

ט ו י ב ע

טאַקע נישט אירס גלייכן ; און דו וועסט דיך צו אים יאָ צופּאַסן ?

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

אריה, זי איז, מיינסטו, נישט גערעכט ? כע-כע-כע ! גיט איר אַ גלאָז ווײַן נאַדיר, שלומפּערל, אויכעט אַ קאַפּ ; כ'טראָג דיר טאַקע נישט נאָך קיין גוט האַרץ, ווייל דו האָסט דיך בלויז אויסגעטויגט צו לעקיש בערן אויף די ראָגאַטקע, און נישט פאַר קאָפּל-עקיבאן, — אָבער קיין שונא בין איך דיר נישט ; און ס'זאָל דאָס מיר אָנגיין, וואָס כ'ווינטש דיר.. נו ?...

א ר י ה

גיט אים נאָך ס'משוגעת זיינס ; זיך דאָך שוין צו עפּעס ערגערס פונם געלאָזט אָפּרעדן, ניין ?

ק אָ פ ל - ע ק י ב א

אַ גלעזל ווײַן, בלויז ; איין גלעזעלע, — דער קאָפּ זאָל זיך דיר פאַר-דרייען ; כ'וויל דיך זען אַביסל פאַרדרייט, אויף די לינקע זייט... כע-כע-כע... וואָרן, אַז כ'האָב דערלעבט מיט אונזער קינד אַזוי גרויס אָנצו-

קומען, איז עס דאָך אין דיין מזל אויכעט; ביסט דאָך נישט קיין קלע־נערער מחותּן צו איר, פאַר מיר; און וואָס שטייסטו ווידער אַן איבע־ריקע, פון די ווייטנס? האַלטסט אונטער די וואַנט, זי זאָל נישט איינ־פאַלן? גיב אַ לעק, אַ שמעק...

אריה

טויבעלע...

קאַפּל־עקיבא

וויפיל מאָל דו האָסט געפּאַכעט ביי איר מיט די נשמה, אויפגעזעסן גאַנצע נעכט איבערן וויגעלע, זיך בלינד געמאַכט; און דערלעבט ביי דעם שטיקל קינד, וואָס דו האָסט מיט טויטע אַנגסטן אַרויסגעבערענגט, — אַזוי פיל גדולות אויף איינמאָל?

טויבע

צעבליפּעט זיך אויפן קול.

קאַפּל־עקיבא

מאַך צו ביידע אויגן, קוק אַוועק, און טרינק; לאָז נישט דעם וואָרים גריזשען; גלייב מיר, — ער פרעסט מיך נישט ווייניק אויכעט; לויף איך, שריי, טומל, — כ׳מאַך מיר בלויז דערמיט אַ האַרץ, — כ׳זאָל מיך קאָ־נען פאַרשרייען, פאַרטויבן, נישט לאָזן צוגלויבן...

טויבע

כ׳קאָן נישט ביי זיך פועלן.

קאַפּל־עקיבא

נעם אויף דיר אַ שטיקל ויידענע יופּקע, אַ ליכטיקע קופּקע, — ווי לאַנג קלערסטו דאָס אַזוי אַרומצושלאָנדרעווען? די גאַנצע שטאָט ווייבער, וואָס ס׳קער זיך זיי ווייניקער אָן, — האָט זיך שוין אויסגעשטראָנצט אין עסיק און האָניק, — און די ראָגאַטקע לאַבערט נאָך אַלץ פון דיר אַראָפּ? בליט אויף דיר...

טויבע

געשטאַרט

וואָלסט בעסער אַריינגעגאַנגען זען, — ס׳כּלה־מיידל זאָל אויף זיך עפּעס נעמען, אַ שטיקל קליידל?

קאָפּל־עקיבא

זיך נאָך אויכעט נישט צורעכט געמאַכט ?... פּכע... כ׳וועל נאָך פון אַלע־
גליקן נישט האָבן מיט קיינעם היינט צום טיש צו גיין ! גיט אַ רוף
מילקע ! אָפּגייענדיק אין די צווייטע שטוב מילקע ! מיל־קע !

טויבע

צענעמט די הענט

כ׳האָב מורא ; כ׳האָב עפּעס זייער מורא...

אריה

וואָס האָט איר מורא, טויבעלע ?

טויבע

כ׳וויל מיין מויל צו קיין בייז נישט ברענגען, כ׳ווייס ? אַ מענטש טאָר
גאָרנישט גיין מיט אַזאַ כוח ; מיט אַזא אימפּעט...

אריה

דאָך עפּעס קאָפּל־עקיבא ; שוין נישט קיין קליין מענטשעלע ; נישט אַנ־
דערש, ווי ער מוז האָבן אַ זכיה ביי גאָט.

טויבע

מ׳ברויך מער זיין אָפּגעהיטן פאַר מענטשנס מיילער, ווי פאַרן אייבערשטנס
הענט ; וואָס מיילער קאָנען טון ?

אריה

החיים והמות ביד הלשון ; צו גרויסע אויגן איז נישטאָ קיין רפואה ; סיי־
מ׳זאָל זיי אויסשטעכן...

מילקע

לויפט אריין

צו מאַטעסן און צו די מאַמען, — נאָך אים אויכעט צוגעקריגן...

קאָפּל־עקיבא

נאָכקומענדיק

אַ גאַנץ יאָר שיכּור, און פּורים ניכטער ! קיינמאָל נישט געקאָנט אוועק־
רייסן פונם שפּיגל, — און אַצינד נישט קאָנען גאָר אַרויפקריגן אויף איר ?

כע־כע־כע... ס איז דאָך גאָרנישט דיין טבע, אַזוי; מילקעלע! וואו איז עפּעס דער שפּילערזאַק ביי דיר? כ'בין דאָך עפּעס געוואוינט דיך צו הערן לאַכן, — ס'זאָל זיך דיר שיטן קרעלעכלעך פון האַלז...

מ י ל ק ע

שווייגט.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

און צו זען ליגן אין די שפּיגלען, וואָס כ'האָב פאַר דיר געלאָזט איינ־מויערן אין די ווענט; שפּיגלען, — דריי פינגער די גרעב; גיי דיך נאָר צו אָנקוקן, — ברויכסט דאָך אוודאי נאָכאַמאָל אַזוי שיין זיין אין זיי...

מ י ל ק ע

שווייגט.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

שטענדיק געלעגן אין די שענק קליידער, זיך געבאָדן אין זיי; נעם דיך נאָר דאָס איבערלופטערן; זיי וואַרטן דאָך אַצינד, — זאָלסט קומען איבער זיי אַ ברכה מאַכן, די זיידענע קליידער...

מ י ל ק ע

ס'גייט מיר דאָס גאָרנישט איין...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

הע? פאַר וועמען ווידער לאָז איך מיך אַוועקבּרענגען? הייס איך בּרעכן מויערן? רייסן ווענט? בויען פּתם ורעמסס?...

מ י ל ק ע

שווייגט.

א ר י ה

שאַ! נישט עפּעס אויסצווזעצן קעגן שדוך?

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

קושט איר אין קאָפּ

אוי, דו נאַריש קעצל, — איינע אויף טויזנט ביסטו דאָך, וואָס האָט די זכיה: אַ רבינס אַ זון! און נאָך וואָס פאַר אַ רבי? ר' אַלטערל...

א ר י ה

יחוס-בריוו ביז דוד המלך.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

און דער חתן אַליין, אַן עלוי; בקי אין גאַנץ ש״ס; קאָן טויזנט בלאַט גמרא פון אויסווייניק; וואו מ׳כאַפּט אָן, — זאָגט ער ווייטער; מ׳זאָגט: אַז מ׳האָט אים פאַרהערט ביי דריי רביים, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט, און איטלעכער באַזונדער זיך געריסן, — זיין שטול אים אָוועקצוגעבן; מ׳זאָגט, ער וועט איינגעמען די וועלט; מ׳זאָגט יאַקבי, אַז אַ יידענע הערט אים לערנען, — קאָן זי מער נישט מפּיל זיין; מ׳זאָגט פאָדאָבנע, אַז פייגל ווערן פאַרברענט, זיי רירן אָן די פּאַרע, וואָס גייט אים אַרויס פונם מויל... און מ׳זאָגט...

מ י ל ק ע

גיט אַ קוויטש, און זיך אַ לייג אַוועק ווי אַ פלעצל צו דער ערד.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אין איין טויט-שרעק

מילקעלע! טעכטערל!

ט ו י ב ע

עטעלע! וואו איז דער דאָקטאָר אירער?

עטל קומט אויגנבליקלעך מיט דר׳ עפּנער, וועלכער נעמט זיך גלייך עפּעס טון ביי איר.

א ר י ה

אַ גוט אויג, אוודאי. וואַשט די הענט אין די שויב, גאַרטלט זיך אַרום מיט אַ פּאַטשיילקע, און נעמט אָפּשפּרעכן אַן עין-הרע.

ד ר ׳ ע פּ נ ע ר

ברויך זיך אַ קליין ביסל אויסרוען; איר לאָזן צורו.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

די חכמה, מילקע, האָט מיך שיר נישט ס׳לעבן געקאָסט. לייגט צו די האַנט צו איר האַלז ביסט עפּעס נישט מיט אַלעם? זיינע ליפּן צו איר שטערן אַ קאַלטער קאָפּ.

ד ר ׳ צ פ נ ע ר

האָט נישט, חלילה, קיין וואַרימקייט. אָפּ מיט עטלעך.

אַ געריש אין דרויסן.

אַ ג ע ש ר יי

וואָס איז ס׳געלויף?

צ ו ו יי ט ע ר ג ע ש ר יי

מ׳שלאָגט יידן!

ב יי נ ו ש

זיין קול פון דרויסן

קומט צו קאָפּל־עקיבאַן!

ר ׳ י אָ ש ק ע

אין טיר

וואו איז קאָפּל־עקיבא?

הינטער זיי: דערשראָקענע לייט.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

כ׳בין דאָ, יידן; וואָס האָט אייך אין דרויסן באַגעגנט?

ב יי נ ו ש

אין איין אָטעם

זעלנער!

ר׳ י אָ ש ק ע

מיט ביקסן אין די הענט.

ב יי נ ו ש

זענען אויף אונז אָנגעפאַלן, און פאַרטריבן פון די מויערן, — אַזוי ווי דער ווינט פאַרטרייבט בלעטלעך פון די ערד.

ר ׳ י אָ ש ק ע

און מיט אַזאַ רוגזה, קאָפּל, אַז מ׳האָט געמיינט: די מויערן צעפּליען זיך ביי זיי אונטער די הענט.

קאָפּל-עקיבא

אריפגעבראַכט

ס'זענען מיינע מויערן; קאָפּל-עקיבאס מויערן זענען זיי, — וועט ער האָבן די עצה, מיר אָנצושיקן זעלנער מיט ביקסן אויף זיי?

ר' יאָשקע

אין זיי אַריינגעלייגט וואָס מ'האָט פאַרמאָגט; אָנגעבאָרגט וואו מ'האָט געקאָנט...

ביינוש

אַצינד: געבליבן אויפן וואַסער; נישט קיין הייזער, נישט קיין שטאָט; און דערצו נאָך פאַרזונקען איבערן קאָפּ אין חובות.

קאָפּל-עקיבא

מאַטעס! די בריטשקע, וויל איך, די מינוט האָבן געשפּאַנט.

מאַטעס

וואו דאָס אַזוי?

קאָפּל-עקיבא

צום גענעראַל!

מאַטעס

זיך שלאָגן מיטן?

קאָפּל-עקיבא

אַזאַ חכם איז ער? ווייל ער האָט זעלנער, וועט ער האָבן אַרויסגעפירט אַ שטאָט יידן אויפן אייז?

מאַטעס

בוּ?

קאָפּל-עקיבא

וועל איך מיך טאַקע אַריבערגיין פאַרהערן מיטן...

מאַטעס

מיט גיפט

דער טאַטע מעג טאַקע וועלן, די הייזער זאָלן פאַר אים אָפּטרעטן פון

וועג; זיך בוקן מיט דרך-ארץ, און פאַלן כורעים; אָבער דער גענעראַל מאַכט זיך ווייניק וואָס.

קאָפּל-עקיבא

פאַלט אריין מיט א געלעכטער

כאַ-כאַ-כאַ... אַ טייערע מציאָצע, — אַ גענעראַל? וואָס איז אַ גענעראַל? מ׳טוט אים אויס ס׳שווערדל, — איז ער אויס קאַפּעלוש-מאַכער; און איך וועל עס אים אויסטון; בהן שלי, — ווי כ׳וועל עס אים אויסטון!

מאַטעס

דער טאַטע איז היינט נישט ביים ריכטיקן שכל; פון גרויס פרייד, — האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט..

קאָפּל-עקיבא

נעמט זיך אָנטון

כע-כע-כע... אַ טאָג פון הוילע נסים...

מאַטעס

פּלוצלינג

מילקע, גיי די מינוט אַריבער צום גענעראַל!

די יידן

כאַפּן זיך

— וואָס איז טאַקע מיטן מיידל?
— זי איז דאָך די רעכטע האַנט זיינע.
— אַלעמאָל ביי אים אויסגענומען.

מילקע

פאַרביסן

כ׳וועל נישט גיין צו אים.

די יידן

— פינסטער איז אונזער וועלט און חושך
— מ׳האָט שוין נישט צו וואָס צו לעבן מער.
— אונזער וועלט איז מיט איר אונטערגעגאַנגען.

ב ײנ ו ש

אין דײַן זכות לעבן מיר דאָך.

ר׳ י אָ ש ק ע

האָבן אונזערע קינדער ברױט צו עסן.

ד י ײ ד ן

גײ, זײ אונזער אסתּר המלכּה!

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אין שפּיגל

ציטערט נישט, פּלאָטערט נישט, ײדן; דער הימל פאַלט נאָך נישט צו דער ערד; קאָפּל-עקיבא לעבט, און נאָך ב"ה נישט מיט אַלעם די פיס אױסגעצױגן; זיך דאָס מאָל אַלײן מוזן אײנריכטן דעם כּבוד, און זען אַן עצה צו געבן מיטן...

מ י ל ק ע

כאַפּטן ארום

מ׳ברױך נישט פאָרן, טאַטע.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אַזאַ װאָלקן אױף די שטאָט זיך אָנגערוקט!

מ י ל ק ע

גאָרנישט אױסנעמען אױף די הײסע מינוט.

מ אַ ט ע ס

מ׳קאָן װאַרטן ביז מאָרגן; ס׳אומגליק װעט נישט אַנטלױפן.

ב ײ נ ו ש

חלילה, ס׳טאָר נישט קומען אין די לאַנגע באַנק אַרײַן.

ר׳ י אָ ש ק ק ע

פאָר, קאָפּל, זײ אַ טאַטע; די שטאָט קלאָגט ס׳חורבן; תּשעה-באָב

מ י ל ק ע

האַלטן ארומגענומען

מ׳ברױך נישט, טאַטע.

ב ײ נ ו ש

מ׳בּרויך יאָ.

ר׳ י אָ ש ק ע

פּאָר, קאָפּל, — אויב דו ווילסט, די שטאָט זאָל האָבן מנוחה; ס׳האַרץ בײַ יעדן אויפהערן צאַפּלען.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כ׳וועל פּאָרן, ייִדן; די שמחה טאָר נישט זיין קיין פאַרשטערטע; לויטער ווי די זון, אָן איין פלעקעלע. קערט זיך אום גרייט איך צו די תנאים, — כ׳וועל נישט מאַכן דאָרטן קיין לאַנגע שה׳ות מיט אים. אָפּ.

ר׳ י אָ ש ק ע

מיטן רעכטן פוס!

ב ײ נ ו ש

און אַ סך מזל! אָפּ נאָך אים מיט די איבעריקע ייִדן.

מ י ל ק ע

גיט אַ פאַל אַרויף אויף די וואַנט, בלייבט קלעבן ווי אַ שטיק שפּינוועבס.

ט ו י ב ע

אַ מענטש קלעטערט, דראַפּעט זיך אויף אַ האָר, אויף גאָר, — זאָל ער נישט אַראָפּפאַלן, און ברעכן ס׳געניק? אָפּ.

א ר י ה

שווער

דאָס האָב איך שוין גאָר ליב, אַז ס׳נעמט זיך צונויף אַלץ אינײנעם און אויף אַמאָל. אָפּ.

מ אַ ט ע ס

דערשלאָגן

וואָס האָסטו אים נאָך געהאַט אַוועקצולאָזן, משוגענע פלאָנדרע?

מ י ל ק ע

אפשר געזאָלט צושלאָגן מיט נעגל צו די וואַנט?

מ אַ ט ע ס

און אַז דו וואָלסט נאָך דאָס איינע מאָל אַוועק, און נישט צוגעלאָזט, — דער טאַטע זאָל זיך היינט צונויפקומען מיטן ?

מ י ל ק ע

אַלץ איינס: ווי כ׳זאָל אַליין געוועזן אַוועק.

מ אַ ט ע ס

נישט אַלץ איינס.

מ י ל ק ע

און אַז כ׳וואָלט אַריבער, און ער מיך שוין מער נישט אַוועקגעלאָזט צוריק ?

מ אַ ט ע ס

דיך אָנגעבונדן מיטן הונט זיינעם אויף די קייט ?

מ י ל ק ע

מחותּנים געקומען, אַ חתן, — און די כּלה ביים גענעראַל אונטער די הענט אויסגעבליבן.

מ אַ ט ע ס

באַהאַלטן אונטערן בעט...

מ י ל ק ע

כ׳בין זיינע; שוין לאַנג געוואָרנט: ער האָט ג׳טאַטן די שטאָט פאַר מיר אַוועקגעגעבן...

מ אַ ט ע ס

פּכע... פאַר אַ באָרוויסע מויד אַוועקגעגעבן אַ שטאָט. דאָס קאָן נאָר טאָקע אַ גענעראַל, אַן אַלטער הונט אָן ציין, אָן אויערן, און אָן אַ וויידל, — אויסגעטרוקנט זאָל ער ווערן.

אַ מורמלען אין דרויסן, ווי צווישן יידן ביים דאַווענען.

מ י ל ק ע

דערהערט זיך

ווי שטיל ס׳איז געוואָרן איבער אַ רגע; מיין שטילקייט איז אין די שטאָט אַריין; די יידן בעטן: דער טאַטע זאָל פאַר זיי ריכטן... כע-כע-כע...

שטענדיק האָב איך דאָס געטון; פאַר זיי אויפגעשטעלט די פלייצעס; געשטאַנען אוי: די וואַך ביים גענעראַלס טיר, ביי אים הינטערן אָרעם, און געריסן די חתימות, די שלעכטע, ביטערע חתימות, וואָס זיין האַנט האָט אָנגעחתמעט...

א ר י ה

קומט אריין

ס'אי קיין תכלית נישט אַזוי; סתּם זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און אויס־קוקן ס'זאָל אַ נס געשען נעמט זאָגן ה' מה רבים, צרים.

ט ו י ב ע

קומט אריין, טראָגט אַ שטויס טעלער, פרעפּלט

אַ וועלט מיט הייזער, שולן, רביים, — וואָס קאָפּל־עקיבא האָט אויף זיך גענומען? און דאָס האָט ער געוואָלט, זאָל זיין פאַר זיינע כוחות?

מ אַ ט ע ס

אַ בּרוּם

דערהערט: מ'האָט דעם ערשטן רימפּל־געטון, — האָט עס אים אונטער־געהויבן...

מ י ל ק ע

די סטרונע איז שוין געוועזן אַזוי אָנגעצויגן, — אַז ס'האָט געמוזט פּלאַצן; נישט געקאָנט ווייטער גיין.

ט ו י ב ע

טרעפט מיט איר בליק אין מילקעס, — און פאַלט אַוועק מיט די טעלער, בלייבט ליגן און צעכליפּעט זיך.

ע ט ל

לויפט אריין

מאַמע, האָסט דיר אַ גוטן קלאַפּ געטון?

ט ו י ב ע

קאָן נישט קומען צו זיך

הלוואי דער קלאַפּ פאַר אַן אַנדערן...

א ר י ה

העלפט איר אוועקשטעלן אויף די פיס

עפעס גאָר קיין מענטש נישט, טויבעלע.

מ אַ ט ע ס

וועלכער היט אָפּ ס'פענסטער

עטלעכע טריט איבער די אַנדערע גאַס, אוןָ ס'נעמט אַזוי לאַנג...

מ י ל ק ע

קוקנדיק אין פענסטער

ער גיט אים שוין דאָרטן קרעפּלעך צו עסן...

מ אַ ט ע ס

אַ־האַ! ס'ווערט שוין אַן אָנגעלויף.. ער פּאַטשט אַהיים...

מ י ל ק ע

כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ

ס'אַר גיין?... אויף די הייזער!... אַלץ איז אויף אים צעפּאַדלט... ס'פליט...
ווי ס'וואָלט אים געבריט...

מ אַ ט ע ס

אויפן אויער

ס'קאָן זיין: ר'זאָל אים נישט האָבן געזען, — גיב דיך נישט אויס;
אַראָפּגעשלונגען, און אָפּגעווישט ס'מויל... ביידע אָפּ.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

גיט באַלד דערנאָך אַ קום אַריין, זעט אויס ווי איינער צום טויט; רעדט
נישט קיין וואָרט, און בשעת אַלע רינגלען אים אַרום מיט אָנגעשטרענגטע
בליקן, — גיט ער זיך אַ זעץ אַוועק אויף אַ בענקל, פאַרשטומט.

ע ט ל

זע נאָר, מאַמע, ווי פאַרענדערט דער טאַטע איז.

ט ו י ב ע

שוין אוודאי געמוזט האָבן כרת דאָרטן; אָפּגעשניטענע יאָרן...

א ר י ה

אָן עגמת-נפש הייבט זיך גאָרנישט אָן.

ע ט ל

טאַטע, וואָס שווייגסטו?

א ר י ה

זאָלסט אַפילו האָבן אָפּגעשניטן שלא בכבוד, קאָפּל, — ברויכסטו דיר אויכעט נישט מאַכן דערפון...

ט ו י ב ע

וואָס צאַפּט ער נאָך ס׳בלוט?

ע ט ל

טאַטע!

ט ו י ב ע

לאָזט אין זיך אַריינרעדן ווי אין אַ טויטן.

א ר י ה

היום קצר, און ס׳אי נאָך אַלץ פון פאָרנט; גאָרנישט געטון.

ט ו י ב ע

די היץ באַשלאָגט מיך אַזש; וואָס האָט אים דאָרטן געקאָנט צו האַנדען קומען? *רופט* מילקע! מאַטעס! ער איז דאָך צוריקגעקומען אַ געקוילעטער... *אין די טירן* מאַ-טעס!

מ אַ ט ע ס

קומט, אַ פינסטערער

ס׳ברענט דאָ?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

גיט זיך דאַן אַ שטעל אויף, און לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש איבערן גאַנצן פּנים

ער איז דער מלאך-המות, אריה; ער האָט געשאָכטן.

מ אַ ט ע ס

ציט אַרויס אַ מעסער פונם שטיוול

כ׳וועל מאַכן פונם צוויי; טרייבערן אַ לעבעדיקן...

ע ט ל

כאַפּטן אַרום

מאַטעס ?

ט ו י ב ע

פאַרשטעלט קאַפּל־עקיבאן

מיט אַ מעסער ?

א ר י ה

צעטראָגן

אַז ער כאַפּט זיך שלאָגן אַ דערוואַקסענעם זון ?

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

פאַרגליווערט

הרגע ! לאָזט אים הרגענען ! כ׳וויל פאַלן דורך זיין האַנט, ווי מילקע איז געפאַלן...

מ אַ ט ע ס

פאַרשטעקט ס׳מעסער

נישט פאַרגעסן נאָך די אַלטע חפצות.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ בענקל, און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ איבערן טיש.

א ר י ה

כ׳ווייס נישט: וואָס ער צערייסט זיך אַזוי ? ווייל ער לאָזט נישט בויען די שטאָט, — קומט זיך אַזאַ יום־טוב צו פאַרשטערן ? יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען מכּל תּפוצות ישראל ; אַזוי פיל אָקסן געקוילעט ; וויינען געשטעלט ; וועסט דאָך אפילו פאַר די אָרימעלייט נישט יוצא זיין ; קיינמאָל נישט קאָנען אַרויסצאָלן זייערס.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

שפּרינגט אויף

שוטה, אריה ; ער לאָזט דאָך מיך נישט תּנאים שרייבן ; ער האָט, זאָגט ער, — מער דעה איבער איר צו זאָגן, פאַר מיר.

א ר י ה

און דו מאַכסט אַ וועזן פון דעם וואָס ער זאָגט? ווער ביסטו, קאָפּל, און ווער איז ער, — וואָס זאָל זיך קאָנען גלייכן צו דיר?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כ׳בין גאָרנישט, אריה; אַ שטרוי, אַ פּלעווע, אַ ליידיקע; אַן אויסגעדראָשענע זאַנג; ווי לאַנג מילקע איז געווען קאָפּל-עקיבאס טאָכטער, — האָב איך מיך געקאָנט האַלטן אויף די פיס, זיין אַ ריז...

א ר י ה

מ לא: אַ׳בער די שטאָט, קאָן זיין, — ער זאָל אויסנעמען, ווייס איך נאָך דאָס אויכעט נישט; ער וועט נישט לאָזן שטעלן די שטאָט, — וועט איר אַ צווייטער שטעלן; נישט דורך דיין האַנט, — איז דורך עמעצנס אַנדערש האַנט; שטעט ווערן חרוב, און פריער צי שפּעטער, — צוריק אויפגעבויט; אַ שטאָט בלייבט שטאָט, און גייט קיינמאָל נישט אונטער; ווייסט נישט ווי מ׳זאָגט: וואו ס׳איז געווען אַ וואַסער, בלייבט וואַסער, און ס׳טרוקנט קיינמאָל נישט אויס... און דאָס וואָס ער האָט זיך אָנגעהאָנגען ביי דיין מיידל אויפן האַלז, — לאָך דיך אויס; ביסטו אַ טאַטע, און זאָלסט אפילו ברויכן אָנקומען מיט איר ביז צום קייסער אַליין, — וועט מע דיר אויכעט געבן גערעכט.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

נעמט לויפן

געוואַלט, אריה, דער קאָפּ; כ׳האָב קיין קאָפּ נישט; ער צעפּאַלט מיר אויף שטיקער..

ט ו י ב ע

ס׳איז באַם פאַר צען קעפּ צופיל געווען, וואָס ער האָט פאַר דעם איינעם קאָפּ זיינעם געהאַט...

א ר י ה

כע-כע-כע... פריער זיך געמאָרדעוועט מיטן ווייב, און אַצינד מיט זיך אַליין; פאַרן די גדולה געוואָרן צו גרויס...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

אריה, כ׳בין ווערט מ׳זאָל מיך פאַרשטיינען; אַרויספירן אויפן

מאַרק, און פאַרוואַרפן מיט שטיינער ; וואָרן, כ׳בין מיר דען אַליין נישט שולדיק ? נישט געוואוסט : צוואָס זי גייט ? אַ גענעראַל גיט אַוועק הייזער, דערפער, שטעדט ? און איך, לעקיש-בער, האָב מיר איינגערעדט : ס׳איז בחנם ! זי ציט דאָס אַרויס ווי אַ פּאָדים מיטן שמייכעלע אירן, דינעם געלעכטערל, שפּיציקן נעזעלע...

א ר י ה

וואָס האָסטו דיר אַזוי ביטער אויסצולייגן, — אַז דו ווייסט דאָך נאָך אפילו נישט, אויב ס׳איז אַזוי ?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

כע-כע-כע... טויבעלע שליאָך, דאָס שלומפּערל, די שטאָלער ראָגאַטקע, האָט מיר געשלאָגן פלעקער אויפן קאָפּ, און כ׳האָב איר פאַרשריגן די יאָרן ; געיאָגט און געטריבן, זי זאָל מיר נישט זיין קיין שטן אין די אויגן ; אָבער כ׳האָב איר אין אַלעם געזען, דעם פינסטערן שטן מיינעם, אויף יעדן טריט, יעדן קער, — און געזוכט צו וואַרפן מיט געלט, כאָטש עס האָט מיך געוואָרפן אין היץ און אין קעלט ; געמיינט צו פאַרבלענדן זיך און די וועלט, אַלץ געוואָלט, וואָס מער כ׳וועל געבן, — אויסקויפן דערמיט, אַז ס׳זאָל מיר דאָס נישט קאָנען געשען, און ס׳זאָל קיינער דערפון נישט הערן און זען...

א ר י ה

וואָלסט אפשר איבערגערעדט מיט איר ? וואָס זאָגט ס׳מיידל ? זי איז דאָך אויכעט נישט דער גאַנצער נאַר ?

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

מילקע ! מילקע ! אָפּ צו איר.

ט ו י ב ע

געוואוסט : אַז ר׳וועט זיך פאַרטשעפּען אָן אַ גוטן ייד, — קיין גוטן סוף נישט האָבן ; ס׳האַרץ האָט מיך נעבעך געגעג געשראָקן...

א ר י ה

מנע... אַזאַ באַגעגעניש, — ס׳זאָל מיר אויכעט קערן צו יענעם יאָר.

מ אַ ט ע ס

נעמט זיך צונויף

נישט געבליבן מער דאָ פאַר מיר גאָר אין הויז.

ט ו י ב ע

טרויעריק

ער האָט שוין זיין עובדה אָפּגעטון.

א ר י ה

אים אין די אויגן

דו האָסט דאָס אַלץ אַזוי געוואוסט, און צוגעלאָזט ; גאָרנישט גערעדט, — ביסטו דאָך טאַקע ווערט פּעטש...

מ אַ ט ע ס

גיט אים אכזריותדיק אַ וואָרף צו דער ערד

וואָס צו אַלדי גוטע יאָר, — פּלאָנטערט איר זיך דאָ אונטער די פיס ? אַפּ.

מ י ל ק ע

מ'הערט איר געוויין פון די אַנדערע שטוב.

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

פון דאָרטן

כ'ברויך איר שלעפן, די סחורה... קומט מיט איר אריין קאָן נישט איינשטיין אויף די פיס... האָט זיך נישט מער אָן וועמען אָנצוהענגען...

מ י ל ק ע

כליפּעט

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

על-כל-פּנים, מיך באַדאַרפט פרעגן : צי כ'באַשטיי ? און, לכל הפּחות, נישט געווען אַזאַ בטוח, אַזוי פיל אויף זיך געזעצט... געגאַנגען אַזוי טיף און אונטערגעריסן, — כ'זאָל פאַרשפּאָרן אַזוי הויך אַראָפּצופאַלן... דער הילך פונם קלאַפּ איז דאָך באַלד ערגער ווי דער ווייטיק אַליין... באַלד געבן אַ קלינג-אָפּ אויף שטעט אַרום, און מיך ברויכן צו באַגראָבן אַ לעבעדיקן. אַזוי וואָלט

איך ערגעץ אויסגעקאָפּעט אַ יונג פון אונטער דרערד... אים אָפּגעוואויגן מיט גאָלד צוגלייך... איינער אָפּגעשאָקלט, – אָפּגעזוכט אַ צווייטן, אַ דריטן, – זיך נאָך אַלץ געפינען אייגער, וואָס זאָל מיר ס׳פּנים נישט פאַרפאַטשן...

מ י ל ק ע

ער וואָלט קיינעמען צו מיר נישט צוגעלאָזט...

ק אָ פּ ל - ע ק י ב א

ווער ווידער האָט דאָס אַלץ באַדאַרפט האָבן, ס׳גאַנצע האָב-און-גוטס, – און זיך ברויכן איינגאַנצן אַוועקצוגעבן דערפאַר, ס׳זאָל מיר גאָרנישט בלייבן פון דיר? טאַקע געוועזן אַזוי איינגעגלייבט, – אַז כ׳וועל דיך ווען אויסבייטן פאַר דעם אַלעם?... און נישט גיכער פאַר ליב נעמען צו גיין אויף דער שטאָלער ראָגאַטקע, אין לאָך אַריין, – און כ׳זאָל וועמען האָבן צוצודריקן צו זיך?... דאָס קאָלטע גאָלד וועט מיך וואַרימען?... דעם טויטן גאָלד הערן אָטעמען?...

מ י ל ק ע

פאַרביטערט

כ׳האָב נישט געקאָנט אַנדערש; די שטאָט איז געלעגן אויף מיר, זיך געהאַט אָנגעלייגט אויף מיינע ביינער: מ׳שיקט ביי דעם ייד אַוועק אַ קינד אונטער די קוילן; מ׳נעמט ביי יענעם ייד צו ס׳לעבן; מ׳פּירט דאָרט אַ ייד הענגען; מ׳שטאַרבט; מ׳פאַלט פון די פיס; מ׳גייט אויס אין די קעלערן; פון אומעטום האָבן זיך געשטרעקט די הענט צו מיר; וואו כ׳האָב מיך אַלץ פאַר זיי נישט באַהאַלטן, און זיך נישט אויפגעהערט ציען, שטרעקן, די הענט; אַ שטאָט מיט אויסגעצויגענע שטומע הענט, – און געמוזט גיין, אפילו ווען ס׳אי מיר אָנגעקומען מיט געוויין; כ׳האָב צוגעזוגן די צרות, – פאַר זיי גאָרנישט געטאָרט זיין צו קליין...

א ר י ה

שפּרינגט-אויף

זי איז אַ ריינע יידישע טאָכטער!... מ׳ברויך איר קושן די פיס, וואַשן דאָס לייב...

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

צעטומלט

רבונו־של־עולם! לעקיש־בער איז געלעגן אין לאָך אויף דער ראַגאַטקע, וואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלן צו מאַכן פונם קאָפּל־עקיבא?... שוין נישט געהאַט עפּעס ערגערס פאַר אים אויסצוטראַכטן? גיט זיך א זעץ אַוועק כע־כע־כע... מיר איינגערעדט: די הימלען וועלן זיך שפּאַלטן, — קאָפּל־עקיבא וועט פירן זיין טאָכטער צו די חופּה... גיין אויף אַ לייטער אין הימל אַריין... קאָפּל־עקיבא וועט גוטס טון צו יידן, און פון אַלע שטעט אַרום קומען, האָבן ירושלים ביי מיר... קאָפּל־עקיבא וועט פאַר זיי לאָזן אויפשטעלן אַ שטאָט, אַ מקום־קדוש, אַזוי הויך ווי דער גוישער קלויסטער... כאַ־כאַ־כאַ... קאָפּל־עקיבא איז געפלויגן אין לופטן מיט אָפענע אויגן, און מיט די שטיוול זיינע איבער איר געטרעטן... זיך זאַט געגעסן מיטן פלייש און בלוט פון זיין אייגן קינד... לאָזט זיך מאַכטלאָז אַראָפּ אויף א בענקל.

מ י ל ק ע

כאַפּט אים אַרום

טאַטע! טאַטע!

א ר י ה

לאָזט זיך אָפּ ווי אַ קליין קינד.

ט ו י ב ע

טרויעריק

אָפּגעראַלעוועט, קאָפּל־עקיבא.

ס'קומען אריין: ר' יאָשקע און ביינוש. קערן איבער צוויי בענקלעך, — זעצן זיך.

ר ' י אָ ש ק ע

מ'ברויך זיך שבעה זעצן נאָך די שטאָט

ב יי נ ו ש

אַ שטאָט איז געשטאָרבן.

ק אָ פּ ל ־ ע ק י ב א

שטייט אויף

וואו איז דער רבי? לעקיש־בער וויל זיך גיין אויסטענהן מיט אים;

אים פרעגן אַ שאלה, אַ האַרבע, אַ ביטערע... שטעלט זיך אין שפּיגל אַריין מאַכן ס׳פּנים מה נשתּנה, לעקיש־בער? לעקיש־בער האָט זיך געפּיטערט אויפן גראָז, האָט ער פאַרריסן די נאָז, און געזען פון אויבן פליען אַ שוואַלב, און ס׳איז גאָר געווען אַ קאַלב, דער עגל־הזהב, דאָס גאָלדענע קאַלב; וועט ער דאָך אוודאי זאָגן: אַז די שוואַלב, דאָס איז מילקע און דאָס גאָלדענע קאַלב, — ער, ימח שמו וזכרו, דער גענעראַל...

טויבע

קאָפּל, וואו גייסטו? דער רבי שפּאַרט שוין באַלד אָן אין זאַקלקיוו.

ר׳ יאָשקע

געבעטן, מ׳זאָל אויף אים קיין פּאַראיבל נישט האָבן; דאָס געהערט, האָט ער גענומען דעם חתן־בחור, און געהייסן אויסדרייען די פורן, צוריקפאָרן.

קאָפּל־עקיבא

כע־כע־כע... קאָפּל־עקיבא האָט געקאָנט בויען אַ שול, אַ מקום קדוש פאַר גאָט; אַ שטאָט פאַר יידן; און אַז ס׳איז געקומען צו אים, צו אים אַליין און געוואָלט דערגרייכן אַ זכות: אַ צדיק, אַ גוטן ייד, — זיך אויסמישן אין בלוט, ס׳זאָל אַרויסקומען אַן אַנדערע גזע, אַ נייע גזע, — אים גלייך אַ נעם געטון פאַרן קאַרק מיט אַ פּאָר אייזערנע הענט: כאַפּ נישט, לע־קיש־בער, ס׳איז נישט פאַר דיר; ס׳קאָן דיר נאָך פאַרשאַדטן...

ר׳ יאָשקע

אַ וועלט פאַראַרבעט; אַזוי פיל אַוועקגעברענגט, און צום עיקר נישט געקאָנט צוקומען...

ביינוש

ס׳האָט געהאַלטן ביי עליה, — אָנגעשלאָגן מיטן קאָפּ אָן וואַנט...

ר׳ יאָשקע

ווייניק: דער גענעראַל, — נאָך דער רבי צוגעשמאָלצן.

אריה

מיט קוראַזש

טויזנט מאָל גלייכער, ס׳אַזוי אַרויסגעקומען; שוין געזען און גע־

הערט, ווי מ׳איז זיך משדך מיט אַ גוטן ייד, מ׳קויפט זיך איין אַ זיידן איידעמל, — שטאַרבט ער דערנאָך אַוועק, און ס׳איז נישט באַשערט... און...

טויבע

ס׳ווערט פון אַלעם אַ טייך...

אריה

אַזאַ יאָר צו מיר, ווי גערעכט זי איז... אַזוי, טויבעלע, ווייסט איר כאָטש, איר זענט געבליבן ביים קרן; איר האָט די טאָכטער; איידער, חלילה, זיך אָפּפרייערן אַ האַלב יאָר, מער, — און בלייבן מיט די ליידיקע ווענט...

אָרימעלייט

קומען אריין

— אַזאַ באַשמעקט עסן אָנגעגרייט.

— זיסע שפּייזן.

— געפעפערטע פיש.

— געזאַלצענע הערינג.

— געבראָטענע גענז.

— ס׳פּאַררייסט איבער די גאַס.

קאָפּל-עקיבא

אריה, וואָס שטייסטו ווי אַ מעגע? איך וועל אייך באַלד הייסן געבן צו עסן, ס׳זאָל אייך פאַרגיסן די קישקעס מיט די געדערעם, פאַרקלעפּן ס׳מויל... פּראַלט אויף די טירן יידן, וואו זענט איר? יידן, ווייבער, — קומען אריין אריה, זעסט אַ שטאָט יידן איז הונגעריק, — וואָס נעמסטו זיי אַרויס די נשמה? אויף וואָס לאָזסטו זיי וואַרטן? זעצט אייך צו די טישן... נעמט זיי אַליין ארומטיילן עסט... עסט... אריה, גיב זיי קעפּ פיש... כע-כע-כע... ס׳שמעקט אייך?... כלי-זמרים! וואו זענט איר ערגעץ געבליבן שטעקן? שרייט אַרויס אין דרויסן איינגעשלאָפן?... די כלי-זמרים קומען אריין שפּילט! זיי נעמען שפּילן ס׳איז היינט אַ שמחה ביי מיר... קאָפּל-עקיבא האָט נישט געוואוסט, אַז זיין טאָכטער האָט אויפגעהאַלטן אַ

שטאָט יידן, זיך געלאָזט אַוועקברענגען פאַר יידישע קינדער, אָפגעראַ-
טעוועט אַזוי פיל לעבנס... האָלזט איר אַרום,

אריה

צעפלאַמט

זי איז אַ צדקת, ס'מיידל!

ביינוש

אויך אַזוי

בישט אַנדערש געווען: ווי די גאולה איז געהאַט געקומען מיט איר...

ר' יאָשקע

אויך אַזוי

אַזאַ חשכות געלעגן אויף די שטאָט, ביז איר.

ביינוש

נאָכאַמאָל אַזוי

זי איז דאָך אַזוי גרויס ווי אסתר המלכה!

אריה

שרייט אויס

יהודית!

דער עולם

מיט אים, שרייט

— אסתר!
— יהודית!

אין די מינוט הייבט זיך אין דרויסן אָן צו הערן אַ טרומייטערן און אַ גע-
דיכט שיסן, וואָס איז ווייט און צעוואָרפן.

ביי אַלע בלייבט שטעקן דער ביסן אין מויל, נישט מער אים אַראָפצושלינגען;
אַנדערע פאַלן צו די ערד פאַר גרויס שרעק און אימה.

פאָרהאַנג

עפילאג

אַ ווײַלע, — און די פֿאָרהאַנג הייבט זיך צוריק אויף ; ס׳הערט זיך דאָס פּויקן אויף פּײַקלעך, טרומייטערן, סיגנאַלן, אינאײנעם מיט די טריט פֿון מיליטער, וואָס גייט אָנגעלאָדן און שווער אין די מענגעס איבער דער שטאָט ; די טריט נעמען זיך הערן שטאַרקער, אויסדרוקפֿולער, און געדיכטער ; בײַ אַלע אויף די פּנימער צעציען זיך גרימאַסן, די הענט נעמען זיך שטרעקן צו מילקען, בײַ וואָס זייערע קערפּער ווערן אויסגעבויגן, משונה־צעבראָכן, און דערגידעריקט ביז צו דער ערד.

מ י ל ק ע

נעמט זיך אינסטינקטיוו אויפהייבן, אויסוואקסן גרויס איבער זיי אלע, — פאר־רייסט דעם קאפ אין דרויסן ארויס.

די הענט! פון אומעטום שטרעקן זיך די הענט: כ׳זאל זיי נישט לאזן הענגען, אומברענגען; שיסן, ריין יידיש בלוט פארגיסן...

אַ נ ט ל אָ פ ע נ ע י י ד ן

קומען אריין איינער נאכן אנדערן, — לייגן זיך אראפ פאר מורא צו די ערד, ווייסן צו דערציילן

— מ׳פירט אַרויס האַרמאַטן.

— גיין צעלייגן די שטאָט.

—אַראָפרוימען, וואס ס׳אי נאָך פון פריער געבליבן.

דורכן פענסטער דערטראָגט זיך אַ רויטע ליכטיקייט, ווי פון פייער.

אַ נ ד ע ר ע י י ד ן

קומען אריין, לייגן זיך אראָפ צו די ערד

— מ׳שיסט אויף די הייזער.

— די קוזשניע אונטערגעצונדן

— אַזוי פיל יידישע לעבנס אין סכנה.

מ י ל ק ע

פארכאפט

כ׳גיי צו אים.. זיך שטעלן פאַרן נאַקעט... ס׳צעקאָכטע בלוט איינם שטילן...אָפּ.

א י י נ י ק ע

גיבן זיך א הייב־אונטער, קוקן אין פענסטער מיט מורא

— גייט אונטער די קוילן...

— זיי האָבן איבער איר קיין שליטה נישט...

נ אָ ך אַ נ ד ע ר ע.

נעמען זאָגן אָפגעהאַקט, איבערחזורנדיק אַ סך מאל

— שליחי מצווה אינו נזיקין.

— שלוחי מצווה אינם ניזוקין.
— שלוחי מצווה אינם ניזוקין.

דאָס שיסן ווערט שיטערער, דאָס פויקן, — לייכטער, און דאָס גײן אױף טרעטן פונם מיליטער זעלטענער.

פ אָ ר ה אַ נ ג

פארװעלקטע בלעטער

דראמע אין פיר אקטן

אין שטענדיקער פריינטשאַפט צו ווילי אגראנאָוו,
דזשאָ אייזענבערג, קלמן געלער, הערי טשערנדאָרף,
אהרן לאַדאָווסקי, נייטן לאַדאָווסקי, מעקסי קאָהן
און האַוצקע קאָרנבלום.

עס שפּילן:

שלום.

הינדעלע,	זיין ווייב.
אברהם,	זייער זון.
איידל,	זייער טאָכטער
אביגדורל,	שלומס מחותן.
יוכבדל,	אביגדורס ווייב.
שאול,	זייער זון
מאַליע,	איידלס חברטע.
ר׳עוזר,	אַ ייד.

אַ דינסט.

אַ שניידער.

אַ מלמד.

צוויי צווילינג־יינגלעך.

ערשטער אקט

און שטוב ביי שלומן.
יידישלעך אויסגערוימט, אַ ספרים-שאַנק, אַ שוואַרצע סאַראַטענע קאַנאַפּע,
שפּיגל, לאָמפּ.

ד י נ ס ט

פאַרלייגט די פאַרהאַנג איבערן פענסטער.

ה י נ ד ע ל ע

קומט אַריין, איר אַרויסהעלפן

ביילע, זע גיכער פאַרטיק צו ווערן, כ׳וויל: זאָלסט דיך אַ ביסל צו-איילן. די מחותּנים האָבן געשיקט זאָגן: זיי וועלן באַלד קומען, און דאָ איז נאָך גאָרנישט געטון.

ד י נ ס ט

שוין, בעל-הביתטע לעבן; איידער מ׳וועט זיך פאַרדרייען, וועט אַלץ זיין איינגעשטעלט, נישט ערגער ווי אויף יום-טוב.

ה י נ ד ע ל ע

צינדט אָן דעם לאָמפּ

ס׳זאָל כאָטש איר מזל אַזוי לייכטן... ענדערט סטאַרע דיך, ביילע; אום ירצה השם, ביי דיר אויף די תּנאים, — וועל איך נישט פון דערווייטנס שטיין; אויכעט אַ האַנט צו-טון...

ד י נ ס ט

נישט: וועט אַמאָל האַלטן דערביי?

ה י נ ד ע ל ע

זאָלסט דאָס גאָרנישט זאָגן...

ד י נ ס ט

אַ דינסטמיידל, אָן קיינעם, — זיך ווער וועלן אומקוקן אויף איר?... קיין צווייי העמדער אייגענע, נישט צו-אָלט; אַ ביסל געלט צוקאָפּנס כ׳זאָל האָבן אָפּגעלייגט, האָב איך נישט...

ה י נ ד ע ל ע

דינסט שוין באַלד ביי מיר ניין יאָר, קיין שום נ׳האָרע, מוזסט עפּעס האָבן זכות-אבות; קיין שום דינסט זיך אַזוי לאַנג נישט דערהאַלטן; נאָך צו-שטיין אַ יאָר מיט אַ האַלבן, — פאַרדאָס זען דיך לײדיק נישט אַוועקצולאָזן.

שלום

פאַלט אַריין אַ דערצוונדענער

אַ שטוב איז דאָ, אַ גהינום, — נישט קיין שטוב; מ׳ברויך האָבן אַ לונג און לעבער, כ׳וויס פון וואָס ?... פון אייזן, וועל איך איר אויכעט אויסשפּייען...

הינדעלע

וואָס האָט אים ווידער באַגעגנט ?

שלום

די מחותּנים וועלן אַ ליאַדע רגע אויפמאַכן די טיר, — און איך וויים נישט, ווי לאַנג זיי וועלן זיך אַזוי גראַבלען ?

הינדעלע

זעסט דאָך : מ׳שטייט נישט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן ; ס׳אי נישט קיין ברויט, — מ׳זאָל עס קאָנען זעצן אין אויוון אַריין...

שלום

מ׳רעדט פון מלאך, קומט זי מיטן גלח.

הינדעלע

ברויך איך זיין אַ פאַלשער נביא, און וויסן : וואָס דער נאַר האָט אין זין ?

שלום

אויפגעקאָכט

אָ ! איבער וואָס, דו זעסט, הינדל, דאָס קומט אַלץ אַרויס ? אוודאי, אַז גאָט ברוך הוא האָט אונז ביידע איינגעשפּאַנט אין איין וואָגן, און דו וואָלסט אים נישט געוואָלט שלעפּן אַהין, ווען איך שלעפּ אַהער, נאָר ביידע אינאיינעם, — גלייך, וואָס וואָלט אונז געפעלט ?...

הינדעלע

כ׳בעט דיך, שלום, זאָלסט מיר געזונט און שטאַרק זיין, און דאָס אַלץ, וואָס דערקוטשעט דיך דאָרטן, — באַהאַלטן אויף אַן אַנדערש מאָל... זעסט : די בענקלעך שטייען אדם-נאַקעט, און די מחותּנים אַליין שטייען אויכעט נישט אויף קיין אָרט... זיי גייען !... זאָלסטו מיר געזונט און שטאַרק זיין...

שלום

אויסער זיך

כע־כע... ס׳מענטש איז נישט ביים קלאָרן שכל...

הינדעלע

רייסט זיך אָפּ אויף אים

מיין בייזער חלום, מיין בייז באַגעגעניש, — וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט...

שלום

נעמט איר אַרויסלייגן

נישט דו, וואָלט איך מיך באַלד נישט געברויכט מבוזה ומבזה צו מאַכן אין זיינע אויגן...

הינדעלע

אַ ריין אומגליק מיטן; ווען ער האָט זיך גענומען צערעכענען מיט מיר?

שלום

ווי פריער

נישט דו: מיר אַצינד געברויכט פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ הויז, און שטעלן אַ חופה ווי מ׳גייט און שטייט, אויף איין פוס...

הינדעלע

געוואַלט! אַ משוגעת איז אינם אַריין!... אַ פרעמדער וואָלט דאָס געהערט, און געקאָנט מיינען, מי־יודע, — ווי ווייט כ׳האַלט שוין מיט איר...

שלום

ווי פריער

נישט דו, געברויכט אַרומלויפן מיטן קאָפּ אין האַנט, און וואָס? אַ לאָך בעטן אַ גמולת־חסד...

הינדעלע

כ׳מוז אים אָפּטרעטן; אַרויסגיין פון שטוב. נעמט אַרויסגיין.

שלום

גיט זיך א זעץ אוועק, נעמט קרעכצן

אוס... או־הום... די יסורים זענען דאָך אַזו גרויס, ס׳איז אויסצוגיין...

הינדעלע

קערט זיך גלייך אום

נישט געוואוסט: ער וועט זיך צערעכט מאַכן די האַנט?

שלום

ווי פריער

אוי, ס׳שפּאַרט אָן ביז אונטערן האַרץ; אומצוקומען..

הינדעלע

אַ טבע, זיינע קינדערס טבע האָט ער: אַז ר׳קאָן פריער די נשמה אַרויס־נעמען, ביז ר׳רעדט אַרויס אַ וואָרט...

שלום

ווי פריער

ווער ווייסט: וואָס זיי האָבן מיר געטון, די עכברושים. די רשעים...

הינדעלע

מ׳האָט דיר אָנגעזאָגט ס׳חיות: זאָלסט יעדן טאָג אַריינגיין צום פעלד־שער, נו? גייסטו?

שלום

אָ, יאָ! כ׳ברויך דען עפּעס אַ בעסערן פעלדשער פאַר דיר? כ׳האָב שוין אַצינד געהאַט די ריכטיקע רפואה.

הינדעלע

דו ביסט דיר אַליין שולדיק; עס דיך נישט...

שלום

דו ווייסט, הינדל, אַז אַ ליאַדע שטות צענעמט מיך; ביסט מיט מיר געווען ביים פּראָפעסאָר, מ׳איז אַהיימגעפאָרן פון וואַרעם־באָד, און גע־הערט: וואָס ער האָט געזאָגט?

הינדל

מ׳ברויך זיין פון אייזן שטאַרק, מ׳זאָל קאָנען אויסהאַלטן...

ד י נ ס ט

פלוצלינג

בעל־הביתטע לעבן, וואָס זאָל איך אין דרינען צוגרייטן, כ׳גיי אַריין ?

ה י נ ד ע ל ע

די וועסט אַראָפּגיין אין קעלער, אָנצינדן און מיטנעמען די לאַמטער, גוט אַכטונג געבן: זאָלסט, חלילה, נישט פאַרלאָזן קיין פונק; און אַרויפ־נעמען די קאַרשלעך, דעם טאָפּ געקאָלכטע עפּל, און אַ ביסל אַנדער איינגעמאַכטס...

ד י נ ס ט

ס׳וואָלט נישט אויסגעמאַכט אַריינצונעמען פון ליבעלע־בערס געוועלב אַ האַלב טוץ שעלעכלעך, — די קאַץ האָט זיי יענע וואָך אַראָפּגעוואָרפן פון די רעם און צעבראָכן...

ה י נ ד ע ל ע

וועסט דערוויל נעמען פון די יום־טובדיקע; מ׳וועט דערלעבן מיט אַ גוט געזונט, ביי איר אויף די חתונה, — דעגנסטמאָל צוקויפן.

ד י נ ס ט

זאָל זיין אַזוי. אָפּ.

ש ל ו ם

נו? וואו איז דיין שכל? האָב איך מיך נישט געזאָלט אָפּרייסן אויף דיר? איך ברויך רעדן אַ וואָרט, שטעלסטו דיך אַוועק אויסטענהן מיט דעם סטאָלב, און הענגסט מיר אָן אַ שלאָס אויפן מויל מיט איר?

ה י נ ד ע ל ע

כ׳בין גאָרנישט אַזוי קלוג.

ש ל ו ם

ניי, רעד עפּעס, אַז זי זאָל הערן, — דאָס באַלד צעטראָגן איבער אַ האַלבע שטאָט. דיך באַרעדן אין אַלע הייזער; מ׳ברויך נאָך ערגעץ אַנדערש וואו אויכעט וויסן פון מיין בראָך?

ה י נ ד ע ל ע

וואָס פאַר אַ בראָך?

שלום

זאָגט איר עפּעס שטיל אויפן אויער

נו, אַצינד ווייסטו שוין?

הינדעלע

קוקט אים אַ רגע אין פּנים אַריין, און פּ״ש גלייך אַריין אין די אַנדערע

שטוב, פון וואַנעט זי טרייבט אַרויס אײדלען, — אַ ברוגזע

מנע! ס׳זאָל מיר אויכעט קערן צו יענעם יאָר...

שלום

כע־כע... וואו קאָפּ?

הינדעלע

איז דאָ מוח, יאָ...

שלום

אויפגעקאָכט

דער מלאך־המות ועט איר שטיין צוקאָפּנס פון בעט, און מיך נאָך אויכעט זוכן צו כאַפּן אויפן וואָרט...

הינדעלע

ווי ס׳וואָלט איר גאָרנישט אָנגעגאַנגען

אײדעלשי, כ׳האָב מיר נאָך לעת־עתה ביי דיר דאָס נישט פאַרדינט; זעסט: די שטוב איז אויפגערוימט, מחותנים קומען, און דו מאַכסט דיר אַ ברוגזל, — ווילסט דיך נישט אַריינגיין אָנטון?

שלום

לויפט איבער די שטוב

אַזאַ מעשה!

הינדעלע

כ׳פאַרשטיי, אסור, וואָס דו מיינסט דערמיט?

שלום

ווי פריער

אַזאַ מעשה! אַזאַ מעשה!

ה י נ ד ע ל ע

ס׳לייכט פון דיר אַזוי אויכעט, קיין שום נ׳האָרע, — אַראָפּ, אין וואָס דו זאָלסט נישט גיין.. ביסט אַ ליכטיק מענטש... אָבער, אַז דו זאָלסט נאָך אויף דיר אַרויפנעמען דאָס העלע, בלוי-זיידענע קלייד, וואָס דו האָסט ערשט אָפּגענומען פון די שניידערין, — וועט זיי דאָך די אויגן פאַר-גיין, קוקנדיק אויף דיר...

א י ל

שווייגט.

ה י נ ד ע ל ע

ווי פריער

מ׳וועט, חלילה, מיינען: אַז דו ביסט אין דעם איינעם קלייד; יעדעס מאָל, ס׳מאַכט זיך, — מ׳ברויך זיך צוזאַמענקומען: דאָס זעלבע שוואַרצע קליידל מיט די קנעפּלעך און ווייסע קריזשקעס! און איך ווייס אוודאי פון גיינצן קליידער, וואָס דו האָסט הענגען..

ש ל ו ם

אוודאי... אַז דער טאַטע וואַרגט זיך פאַר אַ קערבעלע, און זוכט פון אונטער דרערד ערגעץ אַרויסצוקראַצן אַ ביסל געלט, — נעמט זי און באַשטאַט עס נאָך גיכער אויף שמאַטעס, אַ?... וואו מיין געלט גייט אַוועק, און אויף וואָס?...

ה י נ ד ע ל ע

אַזוי פיל גוטע, צוגעזעצטע יאָרן זאָלן מיר נאָך באַשערט זיין, פאַר יעדן דריירל, וואָס כ׳האָב דיר אונטערגעשטופּט, — ס׳זאָל קיינער נישט זען...

ש ל ו ם

און אַצינד באַצאָלט זי דיר דערפאַר, כאַ-כאַ-כאַ...

ה י נ ד ע ל ע

ווי פריער

און ס׳האָט מיך ווייניק געאַרט, וואָס ער וועט קריכן אויף די גלייכע ווענט, מאַכן קולות: כ׳מאַך אים אַ תל פונם געלט...

ש ל ו ם

אַבי, דו ווייסט...

ה י נ ד ע ל ע

אַ מיידל מוז עס געניטיקער האָבן ווי עסן ; מ׳קאָן ביי איר גיכער אָפּ־קאַרגן פונם מויל, ווי פונם לייב... צו איר נו ? מ׳ברויך שוין האָבן, כ׳ווייס, אַ האַרץ פון אַ גזלן, — מ׳זאָל אַזוי קאָנען...

ש ל ו ם

קורטשעט זיך

כי־כי־כי. .

ה י נ ד ע ל ע

ווילסט: כ׳זאָל מיר אַצינד אָפּעסן די לעבער, און נישט וויסן דערנאָך, — אַז די מחותנים וועלן זיין, אויף וועלכע וועלט כ׳בין ?

א יי ד ל

שווייגט.

ש ל ו ם

ס׳איז זיך נאַר, כ׳לעבן, אָנצוטון אַ תענוג און דאָס צו הערן... אָ־אָ ! וואָלט זי אָבער אַזוי געווען איינגעטענהט מיט צען־פופצן יאָר צוריק, ווען ס׳איז נאָך געווען אַ ברעקל, — פאַרשפּאָרט איצט אַקערן מיט איר, און די אַרבעט צו פאַרלייגן...

ה י נ ד ע ל ע

פאַרמאַטערט

ווי מיר נישט ! דאָס האָב איך נאָך ביי איר נישט געגעסן...

ש ל ו ם

וואַרט, ביסט נאָך נישט אַלט קיין זיבעציק יאָר.. זי וועט דיר נאָך געבן, אַז דו וועסט דיך האָבן צו באַלעקן.. גיט זיך א זעץ אַוועק אום... אַ האַלב יאָר לעבן נעמט זי ביי מיר אָפּ, די האַנט...

ה י נ ד ע ל ע

רוצח, גזלן, גיי אַריבער צום פעלדשער ; אויף וואָס וואַרטסטו ?

שלום

אַ-אַ! ער וועט דאָס מיר אוודאי גלייך אַראָפּבלאָזן מיט די פּאַרע פונם מויל... כע-כע.. אויפשיטן אַ קאָפּ מעל, און געבן דערפאַר אַ האַלב קערבעלע..

הינדעלע

זאָל זיין מעל! אַ חילוק: וואָס די רפואה איז? מעל, פּרוכנע, אָדער גאָר צעצעוויצע?

שלום

ברויך איך נאָכדעם גיין צו אים, אַז כ'קאָן ס'אייגענע קריגן אין שפּייז-געוועלבל פאַר אַ גראָבן זעקסער?

הינדעלע

דערפון דיר אָבער נישט בעסער ווערן...

שלום

אַ בעסערקייט, ווער ס'טרעט אָפּ אינם לעבעדיקן גאָט...

הינדעלע

און וואָס ווילסטו עס ווידער נאָך פאַרלאָזן?

שלום

ציטער נישט פאַר די האַנט; זי וועט מיר מער ווי יסורים נישט פאַר-שאַפן; זי, זי איז מיר ערגער פאַר די האַנט; ביי איר בין איך שוין גראָ און אַלט געוואָרן, און נאָך אין קבר אַריין אויכעט אַריינטרייבן...

הינדעלע

אויפגעקאָכט

איידל, קיין שום ברוגז נישט, — דו הערסט?

שלום

גיט זיך אַ זעץ רייטנדיק אויפן בענקל, איר אין פּנים אַריין

דו ביסט דאָך עפּעס אַ שטיק קאָפּ, און ווייסט צו זאָגן מבינות אויף גרוי-סע זאַכן, זאָג מיר: וואָס איז אַ מאַמע.. כע-כע... פון וואַנעט זאָלסטו וויסן, אַז דו האָסט נאָך דעם טעם נישט פאַרזוכט... פאַרשטייט זיך: אַז

פאַר אַ פּאָר קערבלעך קאָן מען אַלע מאָל קריגן געקויפט אַ מאַמע אָן בויכווייטיק. כע־כע... אָבער וואָס זאָל אויסטראָגן און האָבן, און... און... אויסכאָוועט אַזוי־אָ, גרויס.. ווייסט: וואָס פאַר אַ מהלך דאָס איז?.. שטייט זי אַזוי, דאָס מאַמעלע דיינס, איינגעטונקען אין בלוט, און בעט דיך, בלאָטע! וואָס אַ מאַמע קאָן בעטן! איז אויכעט די ברירה ביי דיר: זאָלסט איר ווען האָרכן, אָדער נישט... אַ מענטש פאַר זיך... נאָר אַז זי שטייט צו צו דיר, רעדט אין דיר אַריין אַ גוטע האַלבע שעה, — ווי לאָזט מע איר רעדן צו די וואַנט, און מ׳רופט זיך נישט אָפּ מיט קיין האַלב וואָרט?

אייִדל

פאַרפלאָמט

אַז כ׳האָב מיך גאָרנישט וואָס אָנצורופן...

הינדעלע

זאָלסט נישט געבן די גאַל אין מויל אַריין, אייִדל!

שלום

שוויג דאָרט בעסער, בהמה! צו איר הער, יפה־פיה... זרייַ טעכטערלעך, אַ חוץ דיר, האָט מיר דיין מאַמע געהאַט, און זיי נישט אויפגעבערענגט; יונגערהייט פון די וועלט געגאַנגען...

הינדעלע

לייגט־צו אַ פינגער צום מויל, ווינקט שטיל.

שלום

מילא, פאַרשידן זענען די וועגן פון קודשא־ברוך־הוא; געשטאָרבן, אַרויסגענומען פון שטוב, וואָס די ערד דעקט־צו, מוז פאַרגעסן ווערן...

הינדעלע

אָבער, די לעבעדיקע...

שלום

ווי פריער

ביי דיר, זעסטו: נאָך איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן, איז מע שוין צו רביים געפאָרן, ליכט אויף יעדן שבת אין שול אַריין געגעבן, ביז אויפן

דריטן יאָר אין ווייסן אָנגעטון... אוי, נישט היינט געדאַכט, אַז דו ביסט זייער קראַנק געווען, נאָנט ביים טירל, — האָט זיך דיין מאַמע אויפגעהויבן, אָ, דאָס מאַמעלע, ווי דו זעסט איר, און געלאָפן אין שול אַריין: ווינטער ביינאַכט, די פראָסט האָט געקנאַקט, די נעגל פון די פינגער זיך געשפּאָלטן, איז זי געלאָפן אין די זאָקן; וואָס עפּעס אין די זאָקן?... ווייל זי איז דענסטמאָל נאָך אַ יינגערס פון דיר שבעה געזעסן... און אָנגעקלאַפּט אין ארון-הקודש מיט אַ געוואַלט: „רבונו של עולם! אפילו דו זאָלסט האָבן אַ האַרץ פון אַ טאַטער, וואָלסטו דאָך אויכעט נישט געקאָנט ביי איר צונעמען איינס נאָכן אַנדערן...״

ה י נ ד ע ל ע

בוכצעט אַרויס מיט אַ געוויין

ש ל ו ם

שטאַרק

הערסטו, איידל, אָדער איך גיי אַרויס פון שטוב, אַנישט: זאָל איך נאָך האָבן אַ שטיקל דעה איבער דיר צו זאָגן.

א יי ד ל

נעמט ראַש אָפּגיין אין די אַנדערע שטוב, און ציט אַראָפּ פון זיך די בלוזע, איידער זי גייט נאָך אַרויס.

ש ל ו ם

גיט זיך אַ זעץ אַראָפּ פאַרמאַטערט

אַזוי... פריער פועלט מע נישט דערביי...

ה י נ ד ע ל ע

נעמט אַוועקגיין נאָך איר

ביז ס'הייבט נישט אַליין אָן אַריינצוכאַפּן קיין צרהלעך, ווייסט עס נישט אויפצוהערן...

ש ל ו ם

גיט זיך אַ כאַפּ

אַ-האַ! אַז ס'וועט קומען אויסצורעדן אַ וואָרט, — זאָלסטו זען אַנטקומען צו ווערן פון אונטער די אויגן..

ה י נ ד ע ל ע

קערט זיך צוריק

שוין באַלד אָנגערעדט א האַלבע קאַרץ, און האַלט נאָך אַלץ ביי איין וואָרט; אַ געשוואָלן וואָרט איז עס...

ש ל ו ם

מהותּנים קומען, וויסטו דאָך: וואָס ס׳קומען זייערס איז? אביגדורל האָט מיר נאָך יענע וואָך באַפוילן: באם חתונה מאַכן, — מוז פריער געסילוקט ווערן ס׳געלט אויפן טיש, וואָס כ׳האָב מיך מתחייב געווען...

ה י נ ד ע ל ע

נו, מילא...

ש ל ו ם

וועל איך אוודאי אַריינגיין צום אַש־קאַסטן, אַרויסנעמען די עטלעכע טויזנט קערבלעך, כע־כע... וואָרן, כ׳האָב זיי דען נישט ליגן אין דערינען איינגעציילט?

ה י נ ד ע ל ע

אביגדורל ווייס: דו שטעלסט אַ הויז, און ביסט פאַרענגט אין געלט.

ש ל ו ם

גוט... דער טאָג זאָל נישט באַטאָגן, און די שעה נישט באַשעהן, — ער וועט דאָס נישט וועלן אָננעמען פאַר קיין תּירוץ? און זיך איינשפּאַרן: ס׳געלט אויפן טיש?

ה י נ ד ע ל ע

וועט ער בלייבן ביים עקשנות.

ש ל ו ם

און ווער, מיינסטו וועט זיין תּקיף?

ה י נ ד ע ל ע

אַ שידוך גייט איבער קיין געלט נישט אָפּ.

ש ל ו ם

מיט א מויל

גוט... אָבער, חתונה מאַכן? און ווידער נישט וועלן אָפּלייגן?

ה י נ ד ע ל ע

מיט אַ מויל

מילאַ, מ׳ברויך איר נאָך דעם קאָפּ נישט פאַרבינדן; נאָך דערווייל נישט אַריינגעוואַקסן טיף אין די יאָרן...

ש ל ו ם

מיט אַ גמרא־ניגון

י־אָ־אָ־אָ! במה דברים אמורים? אַז זי זאָל נישט זיין אַזוי ווי זי איז...

ה י נ ד ע ל ע

שלאָגט אים איבער

ווי אַזוי איז זי? האַלט נישט פון קיין דיבוקים, און פון שלחן ערוך? מאַכט נישט קיין בורא נפשות נאָכן עסן, לייגט זיך שלאָפן אים קריעת־שמע געלייענט, נו?... קומט שוין דערפאַר אויף איר אויסצורעדן אסור־לדבר?...

ש ל ו ם

כע־כע־כע...

ה י נ ד ע ל ע

ווילסט מיך האָרכן?... קוק צו ס׳גרייטסע, און זען: ווערסט אַפילו נישט סילוקן, — וועט ער אויבעט התונה מאַכן...

ש ל ו ם

פון וואַנעט, זאָלסטו מיר געזונט און שטאַרק זיין, — נעמט זיך צו דיר ס׳בטוחות?

ה י נ ד ע ל ע

אַז דער חתן וויל חתונה האָבן, מעג זיך דער מחותן שטעלן אויפן קאָפּ...

ש ל ו ם

ברעכט אויס

כ׳וויל דיך בעטן, הינדל, זאָלסט אַזוי נישט רעדן...

ה י נ ד ע ל ע

אַ שיין מענטש, — גאָרנישט קיין עוולה, אַז ער וויל; אַז מ׳קוקט אויף איידלען, — מעג מע וועלן; ס׳איז דאָ וואָס...

ש ל ו ם

אָ, כ׳זע שוין: אַז דער יצר־הרע אירער רעדט אַרויס פון דיר...

ה י נ ד ע ל ע

מיט אַ מויל

און דו מיינסט טאַקע, אַז אביגדורל וואָלט געוואָלט הערן פון דיר? נאָך זיין עשירות, און נאָך זיין פירונג, — כאָטש אָנגעשפּאַרט אין ווייסן טאָג אַריין... ווען נישט דער חתן, זיין זון, — וואָס גייט אויס, חלשט, און שטאַרבט פאַר איר...

ש ל ו ם

גיט אַ כאַפּ אַ גלאָז פון טיש, און אַ זעץ מיט רציחה אין דר׳ערד

ס׳לשון דיר געמעגט אָפּגענומען ווערן, אַ ביסל.

אַ גערויש: ס׳קומען אַריין ר׳ עוזר, אביגדורל און יוכבדל.

ר ׳ ע ו ז ר

נאָך פון דרויסן, מיט אַ פזמון

אין אַ גוטע שעה, און מיט גרויס מזל און ברכה, ונא־מר א־מ־ן!...

א ב י ג ד ו ר ל

גוט ב׳אָוונט, שלום; וואָס עפּעס פאַרבונדן די האַנט?

ש ל ו ם

זיצט, און כ׳וועל אייך זאָגן... הינדל, גיי הייס עפּעס אַריינגעבן... כּבוד...

ה י נ ד ע ל ע

אַז, כ׳האָב נישט די געסט אויף קיין אָרט...

ו כ ב ד ל

מ׳ברויך זיך נישט באַמיען... אָט זיצט מע שוין... זעצט זיך.

ה י נ ד ע ל ע

אָפּ אין די צווייטע שטוּב.

ש ל ו ם

וואָס קלערט איר, מחותּן, — וואָס גויים קאָנען ?

ר׳ ע ו ז ר

אַרויסנעמען די נשמה ביי אַ ייד, וואָס ווייסט מע נישט ?

ש ל ו ם

היכא־דמא?

ר׳ ע ו ז ר

טוב שבגויים, דעם בעסטן פון זיי, — זאָל אויכעט קיין גוטער ייד נישט קענען.

ש ל ו ם

פיר איך דאָך עפּעס געשעפטן מיט פּריצים, און איר, מחותּן, — האָט דאָך אויכעט נישט קיין אַנדערע עסקים ?

ר׳ ע ו ז ר

איר וועט מיר מוחל זיין, כ׳האָב געמיינט : המון עם...

ש ל ו ם

און וואָס עפּעס : המון עם ? ס׳וועט גנבענען איינער פון טויזנט, וועל איך הייסן אַלעמען שמייסן ?

ר׳ ע ו ז ר

כע־כע... איר ווילט מלמד זכות זיין אויף זיי ? האָבן דאָך פאַרט שטעקן אַ ייד אין די מעשה...

ש ל ו ם

יאָ, פונדעסטוועגן.

ר׳ ע ו ז ר

אַ־האַ ! ווי זאָגט דער גוי ? „ניע ס׳קיעם, טילקאָ, — ס׳פּאַלקים !״ און איך זאָג : אַז איר מעגט דאַנקען און לויבן השם יתברך פאַר דעם חסד, וואָס ר׳זענט בלויז אָפּגעקומען מיט גומל בענטשן...

א ב י ג ד ו ר ל

הער נאָר, יוכבד, אַ מעשה נורא, – און מ׳ווייסט גאָרנישט ?

ר׳ ע ו ז ר

מנדר געווען שתי פעמים ח״י, חוץ בשתיקה, – וואָס ס׳איז צעטיילט געוואָרן צווישן אָרימעלייט, זאָל איך דאָס יעדן טאָג פאַרדינען...

א ב י ג ד ו ר ל

אַזא אומגליק, און נישט געזאָלט וויסן גאָר ? ווי ווייט איז דאָס אינגאַנצן ? קיין תחום שבת נישט...

ה י נ ד ע ל ע

קומט אַריין מיט טיי און וואַרבייס:

איר וועט קיין פאַריבל נישט האָבן, ס׳אי נישט אַזוי גרויסאַרטיק.

י ו כ ב ד ל

און דאָס נישט כּדאי.

ה י נ ד ע ל ע

ביי אייער ייִנגסט טעכטערל, מ׳וועטס דערלעבן, – מיט אַ גוט געזונט..

י ו כ ב ד ל

אמן! ביי אייער זון, אם ירצה השם...

ה י נ ד ע ל ע

הלוואי, טאַטע דערבאַרימדיקער..

ש ל ו ם

הייבט אָן אויפּסניי

איר הערט : ס׳אי נישט אַזוי דער ווייטיק, ווי אָן די האַנט ; כ׳ברויך איר נייטיק האָבן מיטן לעבן, און קאָן אָן איר קיין מינוט נישט אויס-קומען.

ה י נ ד ע ל ע

אַ קלייניקייט : אַ האַנט.

י ו כ ב ד ל

מ׳זאָל באַהיט און באַשירמט ווערן.

שלום

ס'ערגסטע פאָלק אין די וועלט, זענען...

ר' עוזר

די ווייבער!

הינדעלע

רק, די גויים!

שלום

געמיטלעך

אַזוי שטאַרק מקטרג אויף נשים, ר' עוזר?

הינדעלע

כ'זאָג אייך: רוצחים! גזלנים! אַז ער האָט זיך נישט געלאָזט ס'היטל פון קאָפּ אַראָפּגנבענען, ס'ווייסל פונם אויג אַרויסנעמען, – זענען זיי עלול געווען, אים, חלילה, צו דערהרגענען.

יוכבדל

טפו.. טפו...

הינדעלע

און ס'האָט עפּעס אַ סך געפעלט, מיינט איר?

יוכבדל

כ'ווייס, כ'ווייס גוט וואָס זיי זענען; מיין זיידע, עליו-השלום, האָט אויכעט הייזער געשטעלט, און זיך גענוג ביי זיי אָנגעליטן.

שלום

מילא, אַ קליין גנבהלע, קוק איך צוועק; האָב איך אָבער איינעם, – טראָגט ער מיר כסדר ס'לעבן פונם פלאַץ אַראָפּ; אַנומעלטן זע איך ווי דער גוי נעמט אַ שטיק אייזן, – נאָך אפילו נישט געהאַט באַצאָלט דערפאַר... ס'האָט מיך געריסן ביים הארץ: אים דאָס אַזוי לאָזן, – מיך דאָך צוביסלעך מאַכן פאַר אויס קאַפּעלוש-מאַכער! אַביסל און אַ ביסל, און דערנאָך אַ פולע שיסל! ס'גאַנצע הויז שטיקערווייז אויף די פּלייצעס אַראָפּטראָגן! ס'ברויך לאַנג געדויערן ביי אים? און אים אָפּגעשאַפט: „דו האָסט נישט מער וואָס

צו טון ביי מיר!" און, וואָס קלערט איר: אויב מ'האָט מיר, פאַר דעם זוטא, נישט געקאָנט אַראָפּוואַרפן אַ ציגל פון די מויער, און... און... שיער...

ה י נ ד ע ל ע

נישט געטראָפן אין קאָפּ אַריין?

י ו כ ב ד ל

ווי מיר נישט...

ש ל ו ם

כ'וועל אייך זאָגן, אַז כ'האָב לכתחילה געמיינט: דעם פּריצס קאַרעטע מיט די נייע פּאָר פערד איז אָנגעלאָפן, מיך אומגעוואָרפן צו די ערד, און איבער מיר אַריבער..

א ב י ג ד ו ר ל

נסים מין השמים!

ה י נ ד ע ל ע

ווישט אָפּ אַ טרער

כ'ווייס נאָר אַליין נישט, ס'אַר זכות ס'איז אים בייגעשטאַנען...

י ו כ ב ד ל

פרום

איר ברויכט טאַקע אָפּגעבן אַ שבח צו זיין ליבן נאָמען, מ'איז נישט ווערט צו מעלדן...

ה י נ ד ע ל ע

ווי נתן גאַרבער, וואָס האָט דאָס צוגעזען, דערציילט: האָט מע, נישט אַנדערש, ווי אונטערגעהאַלטן די האַנט אונטער אים..

ש ל ו ם

ער האָט גראָד אָפּגעמאַכט פעלן אין דרויסן. און אַליין געזען ווי דער ציגל איז געפאַלן פון אויבן: גלייך... גלייך... גלייך...

ה י נ ד ע ל ע

ס'גייט מיר אַ גרויל איבערן לייב אַריבערן, אַז כ'דערמאָן מיך...

ש ל ו ם

ווי פריער

און שוין, איגטן,ביים קאָפ זיך או׳סגעדרייט, מיר אַראָפּגעוואָרפן ס׳היטל, — צערעכט געמאַכט די האַנט...

י ו כ ב ד ל

וואָס קלערט איר, מחותנתטע ? איר מעגט זיך לאָזן שפּילן...

א ב י ג ד ו ר ל

נייגעבוירן !

ר׳ ע ו ז ר

איר גייט מיר זאָגן : וואָס גויים זענען ? ביי מיר וואוינט אַ ייד, ציט ער כל ימו חיונה פון אַ קרעמל, אין וועלכן זגתו חוה לאה זיצט און קרעמערט ; קומט דאָ אַנומלטן אַריין אַ פּריצל, און הייסט זיך געבן : פון באָבעלעך, רייז, נאַפט, און פון וואָס נישט ? רעכנט אויס אַ לאַנגן צעטל, און זי האַלט אין איין אָנשטעלן אויפן טיש, מיינט : ס׳איז אליהו הנביא... און ביי אים דאָ כאַפּן אוי׳ אַ שבתדיק נאַכטעסן... און ס׳פּריצל נעמט זיך צונויף, ווי קיינמאָל גאָרנישט, דאָס פּעקל, לאָזט זיך אַרויס אָן אַ זיי־געזונט... זגתו מאַכט אַ געוואַלט, און ס׳לויפט זיך אויף אַ האַלבע שטאָט מענטשן אויף זיין בייז וואונדער... מ׳נעמט אים אויפן צימבל : „פע, פריץ! שעם דיך אין דיין ווייטן האַלז אַריין ! ווי שטעלט מע זיך דאָס אונטער מיט אַזאַ לייטישן קאַפּעלוש און אויסגעפּרעסטן קאָלנער. . און ביי וועמען ?״ זיך געשניצט אַ פּראָטענציע : „שוין באַצאָלט !״ נו ? שווערט זי זיך מיט די ערגסטע שבועות : „ מ׳זאָל איר אויסטון ביזן העמד, באַזוכן פון קאָפּ ביז צו די פיס, — אַז זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט נאָך אַזוי פיל געלט אויף איינמאָל אין שופלעדל, וויפיל דער ספּראַוונוק באַטרעפט...״ שטעלט ער אַלץ אַוועק צוריק : „נישט געטראָפן ס׳אָרט !״...

ה י נ ד ע ל ע

פּאַרמאַטערט

נעמט עפּעס אין מויל אַריין. אָפּקומען בלויז מיטן רעדן ?

ר׳ ע ו ז ר

מיך נישט לאָזן בעטן. עסט.

אײדל

קומט אַרײַן איבערגעשטױנט, גיט אַ לײַכטן שאָקל מיטן קאָפּ.

הינדעלע

קײן שום נ׳האָרע, אַ קײזערינע!

יוכבדל

קאָן זיך נישט זאַט קוקן

ס׳צירונג זעט זיך אָן אױף איר..

הינדעלע

אַ שײן מענטש, איז זי דערמיט נאָך שענער

יוכבדל

די קײט האָב איך נאָך געהאַט בירושה פון מײַן מאַנס שװיגער, זי זאָל אָפּגעשײדט זײַן; די אױערינג אױכעט געלאָזט איבערמאַכן פון מײַנע, — זענען אַזױ שװער געװען, אַז כ׳האָב מורא געהאַט: זײ זאָלן איר די אױערן אָפּרײַסן...

הינדעלע

געהאַט די װאָג.

ר׳ עוזר

װאָס האָט שטאַרק אַרײַנגעאַרבעט אין אביגדורלען, קומט הױך אַרױס

הכּלל, פון געלט איז אָפּגערעדט...

שלום

הױך

װען איך זאָל אַצינד נישט שטעלן ס׳הױז, װאָלט איך, אסור, איבערגע־חזרט ס׳צװײטע װאָרט; די פּאָר טױזנט קערבלעך, מי־יודע, — זײ װעלן מיר די זופּ נישט פעט מאַכן... זײ שױן האַלטן נאָך אַ פּאָר חדשים, — און באַגליקט װערן? יענעמס געלט װאַרימט נישט...

יוכבדל

װעלכע פילט זיך נישט אָנגענעם צוליבן געשפּרעך, — װענדט אָפּ

כ׳האָב געהערט, כּלהשי, זאָלסט דיר האָבן אײַנגעקױפט אַן אױסשטײַער, װאָס מ׳זעט דאָ גאָרנישט.

הינדעלע

איר וועט נישט האָבן אויף וואָס פריער צו קוקן.. גיי, כלה, הייס אַריינגעבן.

איידל

כ׳וויל אַליין אַריינברענגען. אָפּ.

יוכבדל

מילא, פאַרוואָס נישט?... אַן איינציקע טאָכטער... אַז גאָט העלפט, בתוך הרחבה..

הינדעלע

כ׳האָב איר טאַקע דערפאַר נישט געוואָלט אָפּקאַרגן... וועמען גיב איך דען?... מיין בלוט און פלייש...

איידל

ברענגט אַריינצוטראָגן א באַרג שטאָפן, און ביידע נעמען זיך דאָס איבער-קוקן, באַטאַפּן.

אביגדורל

ביים טיש

ברויך מע דאָך, על כל פנים, וויסן: וואָס און ווען? ס׳קאָן דאָך נישט בלייבן אַזוי הענגען אויף תולה ארץ? זייער געלט!

שלום

דאָס וויל איך אויכעט.

אביגדורל

לפי דעתי, ברויך חצי נדן ווערן איינגעלייגט ביד שליש; נישט שייך: כ׳גיב זיי טאַקע קעסט און אַ דירה, אָבער ס׳געלט אַליין ברויך דאָך אויף זיך נעמען..

שלום

וועל איך זען צו צאָלן ס׳פּראָצענט דערפון אַזוי, ווי מ׳וועט אָפּרעדן, גוט?

אביגדורל

דאָס אַלץ אָבער מוזן אַרויסשרייבן אין אַ כתב.

ש ל ו ם

מילא, אַ כתב

ר׳ ע ו ז ר

איז דאָך נישט קיין מזומן... נעמט שרייבן.

י ו כ ב ד ל

ביי די שטאַרן, ווינטשט זיך

מיט אים, בתּוך הרחבה, פון היינט און אייביק...

ה י נ ד ע ל ע

אמן!

י ו כ ב ד ל

און ס׳זאָל זיין מיט מזל וברכה, וואו זיי וועלן זיך קערן און ווענדן...

ה י נ ד ע ל ע

אמן!

אביגדורל ש ל ו ם

ביים טיש, האָבן דורכגעלייענט ס׳פּאַפּיר

מסכּים!

א ב י ג ד ו ר ל

הייבט אויף נ׳קאָפּ צו די ווייבער

מ׳קאָן אָפּשמועסן זמן חתונה.

ה י נ ד ע ל ע

מזל טוב!

י ו כ ב ד ל

מזל־טוב

ה י נ ד ע ל ע

צו שלומען

דיר נישט געזאָגט, זיך בחינם ס׳האַרץ אָפּעסן? כ׳האָב דאָך

געוואוסט: דו וועסט קיין געלט נישט געבן, — אויכעט זיין אַלדאָס־גוטס.

ש ל ו ם

אויפגערוימט

גיי, אײדלשי, און הייס אַריינגעבן צוויי פלאַשן וויין, וואָס כ׳האָב היינט אַרויפגענומען פון קעלער.

א יי ד ל

זיי אַליין אַריינברענגען. אָפּ.

ה י נ ד ע ל ע

שושקעט זיך שטיל אויפן אויער מיט יוכבדלען

פרייטיק... דינסטיק...

י ו כ ב ד ל

ציילט אויף די פינגער

מיטוואָך... דאָנערשטיק... שטעלט זיך אָפּ זונטיק...

ה י נ ד ע ל ע

צום טיש

זונטיק פון איבער אַ צוויי וואָכן וואָס ס׳וועט זיין, מיט מזל...

ר׳ ע ו ז ר

סקאַרבאָווע

באַצייטנס מעגן פאָרן אין דאָרף אַריין באַשטעלן קאַרפּן, העכט, קאַרישן און שלייען, און פאַרבעטן אַ מאַרשאַלעק, כּלי־זמרים, ונאמר אמן!

א יי ד ל

קומט צוריק מיטן וויין

כ׳האָב אים אַרומגעזוכט איבער אַ האַלבע שטוב.

י ו כ ב ד ל

פאַלט אויף איר אַרויף, קושט איר

פון דעם זונטיק איבער צוויי וואָכן, כלהשי, וועסטו מיט מזל גיין צו די חופּה.

הינדע

קושט איר

און שוין זיין מיט אַ מאַן ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר, אינאיינעם...

שלום

גיסט אין גלעזער דעם וויין

אַזאַ גלעזל, אסור, אויב ביים רבין אויף יום-טוב, מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרגינען...

ר׳ עוזר

רייבט זיך די הענט

טאַקע זיין אַ בעלן.

אביגדורל

רביש

ס׳זאָל דיר זיין, כלה, מיט מזל. טרינקט.

הינדעלע, יוכבדל

אינאיינעם

אמן!

ר׳ עוזר

טרינקט

טעם גן-עדן.

שלום

אויפגעלייגט

ווען זי איז געבוירן געוואָרן, האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב: גיי אַריין אין וויין-האַנדל, נעם אַ פאָר פלאַשן וויין, און באַגראָב זיי אין קעלער; אַז גאָט וועט שענקען ס׳געזונט און ס׳לעבן, מ׳וועט האַלטן ביי איר אויף אַ שמחה, — איבערן אַ ברכה מאַכן.

ר׳ עוזר

טרינקט

אַ טייער גלעזעלע וויין...

יוכבדל

טוט אָ׳ איידלען איר גאָלדענע קייט

נעם דיר, כּלהשי, דו ביסט דאָך שוין אַצינד מיין קינד... וואָס איז מיר דער חילוק ?..

איידל

שטאַר

צוויי גאָלדענע קייטן אויף איין מאָל...

הינדעלע

אין צווייען איז שטאַרקער.

ר׳ עוזר

טרינקט

אַז מ׳פרייט זיך ביי יענעם אויף אַ שמחה, פרייט מע זיך אויף אַן אייגענע אויכעט; איי, ברויך איך נעבעך אַ הילף פאַר מיין טאָכטער...

יוכבדל

גאָט וועט אין אייך אויכעט נישט פאַרגעסן, ר׳ עוזר.

ר׳ עוזר

ס׳אַזוי נישט גוט, מ׳ברויך אים כּסדר דערמאָנען... טרינקט.

הינדעלע

מיין דינסט האָט נאָך אינגאַנצן אַ יאָר צו דינען; קאָנען דערנאָך אָנקומען צו מיר, און זיך אָנשפּאָרן אויף אַ שטיקל נדן...

אברהם, מאַליע

קומען אינאיינעם אריין.

אברהם

בלייבט שטיין

שוין גאָר אין די הויכע גדולות.

מאַליע

וואָס איז דאָ די גדולה אַזוי גרויס ?

ש ל ו ם

בײַן

פֿאַר מענטשן אין די אויגן, װעט ער זי מיר אין שטיב אַרײַנברענגען ?...
גײ, גיב אַ קוק אין די חשבונות, זיך געמאַכט אַ טעות, און כ'קאָן נישט אַרויס פֿונם... שטופּט אַרויס דיר געזונטער זײַן, װעסט װײניקער שטײן מיט איר...

א ב י ג ד ו ר ל

נו, אַ גוטע נאַכט, שלום; מ'ברויך זיך גײן נעמען עפּעס צו טון.

ר' ע ו ז ר

אַראָפּלויפֿן, אײדער מ'װעט זיך פֿאַרדרײען, — די פּאָר טעג.

ש ל ו ם

אַ גוטע נאַכט.

י ו כ ב ד ל

קושט אײדלען

גרײט דיך, כּלהשי; הײנט איז דײַן צײַט, זאָלסט דיר אויסבעטן װאָס דו װילסט...

ה י נ ד ע ל ע

קומט, כ'װעל אײַך געבן ס'באַגלײט אַלע אָפּ.

ש ל ו ם

פֿון דרויסן

פּאַמעלעך... אַ גרוב קאַלך... פּאַמעלעך, — שטײנער... ציגל... פּאַלט נישט, מזוזות... ס'ליגן באַלקנס... שטיל.

א י י ד ל

קוקט אין פֿענסטער

מ א ל י ע

נאָך די גאַנצע פֿרײד איז אויף דיר אָנגעפֿאַלן אַ מרה־שחורה?

א י י ד ל

רעדט נישט

מ אַ ל י ע

זיך פאַרקוקט אין פענסטער, ווי ס׳וואָלט איר אַ שאָד געווען אויף אַ פּי־בוש די מחותּנים פון אויג אַראָפּצולאָזן...

א יי ד ל

בייס מיך נישט, מאַליע.

מ אַ ל י ע

צאַרט

דאָ געהאַט אַ סך קרענקונג?

א יי ד ל

געשטאַרט

פון זונטיק איבער אַ צוויי וואָכן ערשט האָבן...

מ אַ ל י ע

נאָך אַ ווײַלע

זיך געבראָכט ריכטן דאַרויף...

א יי ד ל

נישט געוואוסט: אַז ס׳וועט איינעמען אַזאַ גיכן סוף...

מ אַ ל י ע

אַ מענטש, ווי לאַנג איין אָדער וואַרפט זיך נאָך אינם, האָט מע אים נאָך נישט אויפגעגעבן; און אַזוי לאַנג דו ביסט נישט געשטאַנען מיטן אונטער די חופה, — קאָנסטו דיר נאָך זען צו העלפן...

א יי ד ל

ווי אַזוי?

מ אַ ל י ע

ברויכסט דיך אַ קעגנשטעלן.

א יי ד ל

מאַכט אוועק

תּנאים געשריבן און זיך נישט אָקעגנגעשטעלט, אַצינד: חתונה האָבן, און זיך אויכעט נישט אָקעגנשטעלן...

מ אַ ל י ע

טאַטע־מאַמע צוליב תּנאים געשריבן, און טאַטע־מאַמע צוליב, — גיין אונטער די חופּה; טון ווי אַלע גוטע און פרומע לייט הייסן...

א יי ד ל

פאַר־יטערט

די ערגסטע זאַך אין די וועלט, וואָלט איך געקאָנט אָפּטון הינטער די אויגן...

מ אַ ל י ע

הינטערן מלכס מאַנטל איז גוט צו ווייזן אַ פייג...

א יי ד ל

אַז ס׳קומט מיר עפּעס אויס צו זאָגן, ווערט מיר ס׳לשון אָפּגענומען; בין ווי אַ שטומע צונג, וואָס מ׳נעמט און מ׳פירט צו די שחיטה; קאָן נישט ס׳מויל אויפמאַכן...

מ אַ ל י ע

און ביי מיר איז פונקט פאַרקערט: הינטער די אויגן וועל איך שווייגן, אַרומגיין, קוקן און דריקן; און אַז ס׳קומט דערצו, וועל איך אויסברעכן ווי אַ דונער פון הימל אַראָפּ.

א יי ד ל

איך ווער רויט, ס׳בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין, און רעד נישט... בין פאַרשטומט...

מ אַ ל י ע

ס׳איז דערפאַר: ווייל דו ביסט נאָך יונג, און ווייניק געוואָרן געפּרוווט...

א יי ד ל

פאַרביסן, יאָ; אַ שטיק עקשן, — מ׳זאָל באַהיט ווערן; אַז כ׳שפּאַר מיך איין, זאָל מע מיך באַלד צעשניידן אויף שטיקער...

מ אַ ל י ע

דאָס בלוט אַרבעט נאָך אין דיר שטיל אַרום; ביי מיר האָט עס זיך שוין נישט איין מאָל הויך צעשריגן.. כע־כע... אַז כ׳האָב מיר אַמאָל אַ שטאָך

געטון מיט אַ נאָדל אין פינגער, האָט געגומען שפּראָצן פונם ס'בלוט, אַ סך מער ווי ביי אַן אַנדערן, וואָס וואָלט זיך די האַנט אָפּגעשניטן...

ה י נ ד ע ל ע

קומט צוריק פון באַגלייטן

דיך גאָרנישט געזען, מאַליע; פון זונטיק איבער אַ צוויי וואָכן, — כ'זאָג דיר פריער: זאָלסט נישט האָבן קיין שום אויסרייד... הערסט?..

מ אַ ל י ע

ווי דען? ביי איידלען אויף די חתונה?

ה י נ ד ע ל ע

נעמט צוזאַמען די שאָפן

פאַר דאָס ביי דיר, אם ירצה השם, אויבעט אין די היים נישט זיצן. אָפּ.

מ אַ ל י ע

יאָ, ס'אי פּאָלג מיך אַ גאַנג: פון וואַרשע ביז לעמבערג, און אויב נישט ווייטער.

א יי ד ל

אויפגעבראַכט

נישט נאָר ביי דיר, נאָר ביי מיר איז זי נאָך אויבעט נישט זיכער אויף די חתונה צו זיין...

מ אַ ל י ע

שמייכלענדיק

פאַרוואָס האָסטו נישט געשאָסן איר אין די אויגן, נאָר ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען?... כע-כע...

א ב ר ה ם

קומט אַריין

ער שרייבט אַזוי זיינע רעכענקעס, אַז מ'קאָן קיינמאָל פון זיי נישט אַרויסקריכן...

מ אַ ל י ע

שמייכלענדיק

ער האָט דיך אַרויסגעשיקט צוליב די רעכונקעס זיינע, און נישט ווייל ר׳האָט דיך דאָ נישט געוואָלט האָבן מיט מיר?..

א ב ר ה ם

אַ דאגה! ביים פענסטער ס׳מאַכט זיך אין דרויסן אַ רעגן, און דו ביסט אָן אַ שירם.

מ אַ ל י ע

כ׳בין נישט פון צוקער, כ׳זאָל צעגיין...

א ב ר ה ם

איידלען

וואָס ביסטו ווידער אַזוי דערשלאָגן?

א יי ד ל

וואָס ביי אַ מיידל קאָן זיך מאַכן, זי זאָל ווערן דערשלאָגן? אָפּ.

מ אַ ל י ע

לאַכט

דאָס שנירל קרעל איר פּלאַצן; כ׳ווייס, די זאָקן-בענדלעך איבער-רייסן... כע-כע...

א ב ר ה ם

ס׳רוב מיידלעך זענען ווי די פייגעלעך: אַז ס׳הייבט אָן רעגענען, ווערן זיי פאַרטרויערט...

מ אַ ל י ע

אויב נישט די מיידלעך זאָלן עס זיין, ווער דען? ס׳מוז דאָך עמעץ האָבן דעם אומעט פון רעגן אין די אויגן...

א ב ר ה ם

באַמערקט

אָ, נישט געפעלט קיין ווין ביים טיש.. זיך געלאָזט דאָ וואוילגיין... באַקוקט ס׳זאָל דאָס זיין דער, דער, דער ווין, וואָס איז געווען באַגראָבן אין קעלער? פאַרזוכט.

מ אַ ל י ע

ווער האַלט דאָס באַגראָבן ווײַן אין קעלער ?

א ב ר ה ם

יענער, וואָס איז אַזוי פֿאַרדרייט ווי דער טאַטע מײַנער ; אַנדערע באַגראָבן געלט, און ער, — ווײַן ! פֿאַרזוכן ?...

מ אַ ל י ע

כ׳האָב מורא : זיך נישט אָנצושיכּורן...

א ב ר ה ם

וועט איר דאָ בלײַבן שלאָפֿן.

מ אַ ל י ע

איר האָט מיך וואו צו לייגן ?

א ב ר ה ם

ביי די קאַץ צופֿיסנס...

מ אַ ל י ע

צוויי קעץ צוזאַמען, וועלן זיי זיך צעדראַפּען...

א ב ר ה ם

נו, וועל איך אײַך אַהיימפֿירן...

מ אַ ל י ע

ס׳ווענדט זיך : צי כ׳וועל מיך אָנגעטרויען צו אײַך, שיכּורעהייט...

א ב ר ה ם

כע-כע-כע... איר ווילט טרינקען ?...

מ אַ ל י ע

און איר ?

א ב ר ה ם

אויכעט פֿאַרזוכן.

מ אַ ל י ע

שמייכלענדיק

דעם ווײַן ?

א ב ר ה ם

נאָר...

מ אַ ל י ע

טרינקט

כע־כע... בראָנפּ !...

א ב ר ה ם

באַלד אַזוי שטאַרק...

מ אַ ל י ע

שטעלט אויף ס׳גלעזל

איר האָט מיר אָנגעמאַכט אַ חשק...

א ב ר ה ם

דער ווייַן, מיינט איר...

מ אַ ל י ע

נאָך אַ ביסל !

א ב ר ה ם

כ׳וועל אייך צולאָזן... גיסט אַרייַן וויפּיל אייער האַרץ גלוסט... טרינקט ווייַן האָט שוין אַזאַ טבע: מ׳פֿאַרזוכט אים, — וויל מע נאָך...

מ אַ ל י ע

אַ מיידל אויך, כע־כע־כע... אויפגערוימט איר זענט שוין אַמאָל געווען נאָענט צו אַ מיידל ?

א ב ר ה ם

זאָל איך אייך זאָגן ?

מ אַ ל י ע

יאָ.

א ב ר ה ם

כ׳ווייס נישט..

מאַליע

ווי ווייסט מע נישט אַזאַ זאַך ?

אברהם

כ׳ווייס ?

מאַליע

אַ קליין ביסל איר אַרומגענומען, און אַרומגעפירט..

אברהם

ווער געדענקט ?

מאַליע

און אויך געווען אײנע צווישן זיי, וואָס איר האָט אַמאָל אָנגענומען ביי די האַנט, אַ דריק געטון... מ׳איז געזעסן אינם וועלדל.. ס׳האָט זיך מיר פאַרשאַרצט ס׳קליידל... געשפּילט מיט מיינע פיס .. כע-כע-כע..

אברהם

כ׳הייב מיך עפּעס אָן צו דערמאָנען... ווי אין אַ נעפּל...

מאַליע

ס׳אי טאַקע געווען אַ נעפּל העכער אינם וואַלד, מ׳האָט די שפּיצנביימער נישט אַרויסגעזען... גיט אים אַ נעם אַרום, — אַ לאַנגן קוש איי, ס׳ביסל ווין וואָלט נישט דענסטמאָל אויסגעפעלט...

שלום

פון דרויסן

געלויבט השם-יתברך, כ׳האַלט שוין אַזוי ווייט.. קומט אַריין, בלייבט שטיין פאַרבליפט הינדל ! הינ-דל ! אַז זי ווייזט זיך אין די טיר וואָס טוט זי נאָך דאָ אין שטוב ביי מיר, אַ ?... הייס איר מוחל זיין, און שוין אַרויסגיין... פרעג איר : אויף וואָס זי וואַרט ?... ביז כ׳וועל ביי איר נעמען ס׳אונטערפירן ?

אברהם

צעטומלט

טאַ-טע !

ש ל ו ם

הינדל, שטיי נישט... גיי ברענג מיר אַ סטאָלאַר, און כ׳וועל הייסן היבּ-לען ס׳אָרט וואו זי שטייט... גיב איר מיט די קאַנאַפּע !...

ה י נ ד ע ל ע

מיין בייזער חלום, מיין בייז באַגעגעניש, וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט, און יענע נאַכט, און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ גייענדיק יאָר...

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אקט

בישט לאַנג דערנאָך.
אין די זעלביקע שטוב.

שלום, אברהם

זיצן ביידע אריבערגעבויגן איבערן טיש, און רעכענען.

דינסט

קומט אריין מיט אן אנגעצונדענעם לאמפ, — שטעלט אים אוועק אויפן טיש.

שלום

גיט זיך א הייב אונטער ווי א מאשין, כאפט ארויס א פאטשיילע און גארטלט זיך מיט איר ארום

וועסט זיין פאר זיך, וועל איך דיר, אסור, נישט זאגן; אצינד, דו זעסט: דער טאטע שטייט אויף דאוונען מנחה, — ברויכסטו זיצן ווי א נאר און קוקן אויף די ווענט, טו אויך ס'אייגענע...

אברהם

ס'זאל דיר דווקא גיין אין דעם... *שטעלט זיך אויף דאוונען מנחה.*

הינדעלע

קומט אריין, קוקט ארויס דורכן פענסטער

ביסט א מבין? אונטער די האנט מיר אוועקגעקומען..

שלום

נו, נו, א, מנחה.

הינדעלע

זיך ארויסגעכאפט אויף א רגע, און שוין א גוטע שעה, — מ'זעט איר נישט צו צוריק; האסט איר נישט געזען, אברהם?

אברהם

נישט דא געווען אין שטוב.

הינדעלע

א כלה, אכט טאג פאר א חתונה, און האט קיין רו נישט? קיין זיך-פלייש?

אברהם

ס'אי דאך נאך גרויסער טאג אין דרויסן.

ה י נ ד ע ל ע

מנחה האָט מע שוין אומעטום אָפּגעדאַוונט.

ש ל ו ם

און קיין קרבנות טאָר מע שוין געוויס נישט זאָגן.

ה י נ ד ע ל ע

וויפיל כ׳זאָל מיך בעטן ביי איר: זי זאָל נישט גיין, — און כ׳קאָן מיך דאָס נישט דערבעטן; אַזוי ווי ס׳קומט פאַרנאַכט, — נעמט עס איר ציען, מיט שטריק פון די שטוב אַרויסציען... פאַר אַ כלה־מיידל, ווען איז נאָך אַזוי שכיח ווי אַצינד, צווישן טאָג און נאַכט?

ש ל ו ם

אַ דאגה איר; אַז ס׳וועט איר, חלילה, עפּעס צוקומען, — צו וועמענס קאָפּ וועט עס אויסגיין?

א ב ר ה ם

דערביי־ווערט

אַ נאַרישקייט, און אָנגעמאַכט אַ גאַנצן יריד... ס׳אי דאָך אפילו קיין נאַכט נישט צומאָלט...

ש ל ו ם

ווען ס׳וואָלט אַזוי געווען שבעה עשר בתמוז, — וואָלט ער אוודאי נאָך נישט געוואָלט צוגיין איבערבייסן... כע־כע.

ה י נ ד ע ל ע

ביינאַכט שאַדט שוין גיכער נישט; מנחה־ומעריב־צייט, — אַלע נישטגוטע דרייען זיך אַרום...

ש ל ו ם

אַליין: אַ נישטגוטע, — וועלן זיי איבער איר קיין שליטה נישט האָבן...

ה י נ ד ע ל ע

דער שניידער ברויך איר באַלד קומען אַ מאָס אַראָפּנעמען, פּאַסן אַ קלייד; נישט מער ווי אַ שניידער, — און כ׳ווייס נישט ס׳אַר תירוץ מ׳טראַכט אויס פאַר אים...

א ב ר ה ם

מ׳פּאַלט דאָ איבער אַ שטרוי, און מע צעקלאַפּט זיך די נאָז. זעצט זיך צום טיש.

ש ל ו ם

שוין? אָן שמונה־עשרה?

א ב ר ה ם

שטעלט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט.

ש ל ו ם

וואַרפט די פּאַפּירן אויפן טיש, דער פלאַם אין לאָמפּ נעמט אַראָפּפאַלן

הינדל, וואָס פאַר אַ לאָמפּ האָט מע מיר דאָ אַרייַנגעגעבן, אַ?

ה י נ ד ל

קוקט אים אַדורך

כ׳וויס? די קנויט מוז אַוודאי זיין קורץ...

ש ל ו ם

נישט געקאָנט קריגן קיין לאָמפּ מיט אַ לאַנגע קנויט? נאָך היינט דאָ בלייבן וואוינען אין די פינסטער.

ה י נ ד ל

טרייסלט אים אויף

נישט אויסקומען, דיר הייסן אַריינגעבן אַן אַנדערן; אויספעלן לאָמפּן אין דרינען?

ש ל ו ם

קיין שום זאַך קאָן נישט גלאַטיק אַראָפּגיין; איבער וואָס כ׳זאָל מיך ברויכן עסן? אַ לאָמפּ!

ה י נ ד ע ל ע

דיר שטעלן אַ פליג אויף די נאָז, — וועט עס דיך אויך נישט מיידן; און איבער יעדע נאַרישקייט וועלן אויפעסן... נעמט אוועקגיין.

ש ל ו ם

גייסט שוין ווייטער אַוועק?

ה י נ ד ע ל ע

כ׳מוז דאָך מיך גיין אומקוקן אויף איר, ניין?

שלום

קיינער נישט אויפכאַפּן; אויף אַן עסנדיקע זאַך זענען פאַראַן ווייניק בעלנים.

אברהם

אויסגייענדיק שמונה־עשׂרה

זי איז נישט פון די נאַ־אָנים. שטעלט זיך אין פענסטער אריין קוקן.

שלום

שוין אָפּגעשטאַנען?

הינדעלע

וויל אויסמיידן

לאָז אים אַ רגע דעם אָטעם אָפּכאַפּן; מ'קאָן דאָך נישט אַזוי זיצן שעהן נאָכאַנאַנד אַריבערגעבויגן, — נאָך ביי דיר קריגן אַ הויכע פּליצע...

שלום

בגפּו יבא, בגפּו יצא... כ'האָב געוואוסט: כ'וועל רעדן צו אים, וועט זי זיך פאַרטשעפּען... פאַרענטפער אים, יאָ; האָב אלעמאָל אָנגעגרייט אַ תּירוץ אויבנאויף, — ס'אי מיט איר אויכעט אַזוי געווען, מיט די טאָכטער דיינע...

הינדעלע

דיין מויל וועט מיך נאָך ברענגען אין דרערד אַריין...

שלום

נעמט האַקן אין טיש אַריין

הינדל, דאָס מוז נאָך היינט זיין געמאַכט... ס'זאָל אַפילו געדויערן אַ שעה, צוויי, דריי און פיר...

אברהם

גיט זיך אַ ווּנק אַוועק צום טיש

נישט ברויכן געדויערן קיין שעה, צוויי, דריי און פיר...

ה י נ ד ע ל ע

ווי מיר נישט.. אַ מענטש זאָל זיך איבער יעדע קלייניקייט גלייך אָנצינדן... ענדערט אברהמלע, נישט עפּעס איבערכאַפּן ? שוין אַזוי לאַנג גאָרנישט געגעסן...

א ב ר ה ם

ס'אי עפּעס דאָ אין מויל אַריין צו נעמען ?

ה י נ ד ע ל ע

פּיצרגלעך מיט יאַגדעס, וואַרעמע ; אַ פּאָר ווייכע מצהלעך, אָנגעבאַקן אויף די גליענדיקע בלעך... און דיך, כ'מיין דיך אויכעט : שלום !...

א ב ר ה ם

געצוגערט

דער לאָמפּ ברענט אַזוי פינסטער, — זיך ברויכן נעמען די אויגן אין די האַנט אַריין ביי אים...

ש ל ו ם

שיסט אויס

סם גיב מיר אַריין. וועל איך גיכער פּאַרליב נעמען...

ה י נ ד ע ל ע

קיינמאָל נישט געווען אַזוי ... נעמט מייסטרעווען דעם לאָמפּ אַ טאָג, — אַ יאָר, און מ'קאָן נישט אויסקומען מיטן ; מע מוז נאָך אַריינזיצן אין די נאַכט אַריין אויכעט...

ש ל ו ם

כ'זע : ס'פּאַרדריסט דיך גוט, וואָס דער גאון דיינער זיצט דאָ צוגע-בונדן ביים טיש, אַ ?... און שלעפּט זיך נישט אַרום, דער רוח ווייסט וואו, מיט די מויד...

ה י נ ד ע ל ע

אַן אויסגעוואַשן מויל ער האָט דאָס געקריגן... אָפּ

ש ל ו ם

איצט וועט מע זיצן אין די פינסטער, און ברייט קאָנען געגעצן .. גענעפּצט אַ-אַ-אַ — — אַ-אַ-אַ-אַ — — —

א ב ר ה ם

נעמט גענעצן מיט אים

אַ־אָ־אָ — — —

ש ל ו ם

לייגט זיך אוועק אויף די קאַנאַפּע

ס׳וואָלט, כ׳לעבן, נישט שלעכט געווען צו כאַפּן אַ דרימל; נאָר, אַז די הויט אויפן לייב ברענט, — ווי ווילן זיך די אויגן איז קאָפּ קאָנען פאַרמאַכן?... *שטעלט זיך אויף, נעמט קוקן אין פענסטער אַריין* ס׳מבול גייט אין דרויסן, און זי איז נישטאָ, אַ?... *איינגעבראָכן* שוין אַזוי געבן די גאַל אין מויל אַריין, ביז אין די לעצטע רגע... *נעמט זיך אָנטון.*

א ב ר ה ם

וואו ווילסטו דיך ווידער אַצינד אַוועקלאָזן?

ש ל ו ם

כ׳מוז דאָך גיין אַ קוק טון, זען: וואו זי קאָן ערגעץ זיין? ס׳איז דאָך קיין געלעכטער נישט...

א ב ר ה ם

ערשט מיט די מאַמע אַ מלחמה פאַרפירט, און גייט זיך שוין אַליין נאָך איר אַרויסלאָזן ..

ש ל ו ם

געקרענקט

וואָס בין איך קיין טאַטע נישט? ס׳אַנטגייט מיר שוין אויכעט אונטערן האַרץ!...

א ב ר ה ם

בעסער גיין אַרומזען אין אַ שטיקל לאָמפּ, — גאָר קיינמאָל נישט אַרויס־קריכן, אַז ס׳וועט צוגיין אַזוי שלעפעריק...

ש ל ו ם

גיט זיך אַ כאַפּ

אַלע געמוזט אויסשנאַרבן און, אים אַליין מיר מוזן אַריינגיין

צורעכט מאַכן... שטעלט א טריט און טרעפט זיך גלייך מיט די דינסט, וואָס טראָגט אריין דעם לאָמפ דיך געמעגט שיקן נאָכן בריסקער מלאך המות... זעצט זיך צום טיש רעכן אַהין, רעכן אַהער, — אַז ס'קומט אָבער פּאָרט נישט אַרויס?...

א ב ר ה ם

חשבון איז צדק, און ס'געלט איז געשעדיקט..

ש ל ו ם

בּילד: געגעבן האָב איך, ביים באַדינגען זיך, — דריי מאות אויף די האַנט; דערנאָך, איינמאָל: זיבן... און פיר.. איז, וויפיל האָבן מיר?

א ב ר ה ם

פערצן.

ש ל ו ם

איז דאָך ווידער גוט.

א ב ר ה ם

און וואָס דרייט ער אַ מוח? שטעלט זיך אריין אין פענסטער.

ש ל ו ם

פאַר זיך

ביים באַדינגען זיך: צוויי הונדערט; דערנאָך, — אַכט הונדערט, היינט... הייבט אויף ב'קאָפּ, און טרעפט אים נישט שוין? אָפּגעצלערנט, און צוגעמאַכט די גמרא?

א ב ר ה ם

דו קאָנסט מיד מאַכן צען מענטשן.

ש ל ו ם

וואו איז דער טעות?

א ב ר ה ם

אַ קאַץ, וואו מ'זאָל איר נישט וואַרפן, וועט זי אַלץ בלייבן שטיין אויף די פיס; און דאָ, ווי מ'זאָל נישט רעכענען, — אַלץ ס'אייגענע אַרויס-קומען...

ש ל ו ם

און אים נאָכאַמאָל ברויכן באַצאָלן גאַנצע הונדערט רובל ?

א ב ר ה ם

שרייב אים : אַז ער ווייסט פון זיינע הענט און פיס און לייב־און־לעבן צו זאָגן ; מ׳ברויך נישט האָבן דערצו קיין קאָפּ פון אַ צפנת־פענח ; אַ חדר־יינגל אויכעט געקאָנט באַרעכענען.

ד י נ ס ט

ברענגט אַ ייַן טיי

פון די פיערגלעך האָבן אויסגערונען די יאַגדעס ; און די מצהלעך צו־
געברענט אויף די בלעך, — ס׳אי פון זיי געוואָרן קויל.

א ב ר ה ם

וואָס נאָך איז אַלץ דאָרטן געשען ? נישט : דער קאָטער אַריינגעפאַלן אין די שיסל וואַסער, און אויסגעלעקט זיך אַ פוס ?

ש ל ו ם

טרינקט די טיי, געלאַסן

ס׳אי גענוג, מ׳קאָן איינמאָל באַצאָלן.

א ב ר ה ם

טרינקט די טיי, געלאַסן

אַ שטיק, טאַטע, ביסטו דיר אַליין שולדיק ; גענומען, געגעבן, און מ׳ווייסט נישט קיין יום, קיין טאָג, קיין חודש... אַלץ אויף די קופּע... אַרומגעטראָגן מיט די שאַנק ביכער אויפן קאָפּ..

ש ל ו ם

נישט אויפן קאָפּ, נאָר אין די קעשענעס מיך אפשר געזאָלט אַרומטראָגן מיט איר ?

א ב ר ה ם

נו, וועסטו טאַקע בלוטן מיט געלט.

א יי ד ל

קומט אריין, לאָזט אראָפּ דעם שירם, ס׳וואסער זאָל פונם אראָפּטריפן

אַ רעגן אין דרויסן ס׳איז...

ש ל ו ם

מיט מזל געקומען, די פּריצה... א ווײַלע וואָלסט דיך, כ׳לעבן, געמעגט צוואַיילן... דער שניידער וואַרט שוין אויף דיר אין דרינען פון אַ גוטע מינוט...

א י י ד ל

נישט אויסכאַפּן גאָר, קיינער.

ש ל ו ם

אומגעדולדיק

גיי־גיי, דיר דערנאָך אַראָפּרעדן פונם האַרץ...

א י י ד ל

מיר אַצינד אויכעט נישט גאָר וואָס אַרױפּצוּרעדן... אָפּ.

ש ל ו ם

מיט אַ קרעכץ

שוין קיין חבוט הקבר ביי איר נישט ליידן...

אין אַ ווײַלע אַרום קומען אַריין: הינדעלע, איידל, דער שניידער, — וועלכער טראָגט אַ קלייד אונטער אַ ווייס לײַלעך.

ה י נ ד ע ל ע

דיך מטריח זיין מיט די גאַנצע קאַנצעלאַריע דיינע, — מ׳גייט דאָ אָנמעסטן אַ קלייד.

א ב ר ה ם

כ׳בין שוין נישט קיין הינענדיקער אָפּ.

ש ל ו ם

ער איז שוין געהאָלפן געוואָרן.

ה י נ ד ע ל ע

נאָך פאַר אים אַנטלויפן הינטער די הרי חושך.

שלום
נעמט צוזאַמען די פּאַפּירן

זי האָט מיך אָנגעקריגן, און, — שאַ! צוגעמאַכט ס׳מויל, און — גאָרנישט; שווייג, שלום!

הינדעלע

כ׳וועל מיך נישט אַוועקשטעלן אויסטענהן מיט דיר; דער בעל-מלאכה וואַרט שוין גענוג לאַנג...

שלום
אויף די טאָכטער

קומט איר אויכעט אַ קניפּ אין בעקל דערפאַר...

שניידער

אַ לויט שניידער איז מער ווי אַ לויט גאָלד; אפילו אויפזיין גאַנצע נעכט, — אויכעט נישט פאַרטיק ווערן מיט די גאַנצע וויט-פראַווע.

שלום
ס׳אי טאַקע אָנגעלייגט ביי איר...

הינדעלע
שאַ, שאַ, לייבעלע ריידער...

שלום
מילא, אַז כ׳בין ביי איר אין גלות... פּפּ.

הינדעלע
קוים פון שטוב אים פאַרטריבן...

הינדעלע
נעמט אייך זיך אַרויפציען דאָס קליידל זייער אומבאַהאָלפן

הינדעלע
נעמט דעם לאָמפּ פון טיש און באַקוקט אים פון נאָנט

מ׳ווערט ברויכן פאַרנעמען אַ ביסל פון אַ זייט... אַ געדאַנק... דאָ אַרויס-לאָזן.. אַרבעט אַרום איר אַרום ווי זאָגסטו, איידל?

א יי ד ל

זאָגט גאָרנישט.

ה י נ ד ע ל ע

גיט איר אַ קוק מיטן לאָמפּ אין פּנים אַריין

שלאָפסט?

א יי ד ל

איבערגעשראָקן

ווי?

ה י נ ד ע ל ע

שטייסט דאָך עפּעס ווי דערופן, און גיסט דיך נישט קיין ריר...

א יי ד ל

וואָס האָב איך מיך צו רירן?

ה י נ ד ע ל ע

האָסט נישט אויסצוזעצן גאָר, אַ חסרון?

א יי ד ל

הייבט די אַקסלען

בלויז צו דער חופּה דערין צו גיין...

ה י נ ד ע ל ע

אייער מבינות, שניידער?

ש נ יי ד ע ר

ס'ליגט אויף איר ווי אויסגעגאָסן.

ה י נ ד ע ל ע

דער שלעפּער איז אַ ביסל צו לאַנג; מ'ברויך אים אַריינגעמען, —
ס'גאַנצע מיסט פון די שטוב, וועט ליגן אונטער אים..

ש נ יי ד ע ר

נישט רירן, אפילו אויף אַ האָר.

ה י נ ד ע ל ע

צופֿרידן

נו ? איר װילט אװדאי, כ'זאָל אײך אַצינד עפּעס געבן אין די האַנט אַרײַן ?

ש נ ײ ד ע ר

מ'האָלט אַ געזעלן ; און פֿאַרן װײַב, זי זעט : מ'אַרבעט, — קאָן מע איר אױכעט לײדיק נישט אָפּקומען...

ה י נ ד ע ל ע

קײן סך, נישט ; אַ בעל־מלאכה, מ'גיט אים פֿאָראױס, און װײסט : ער װעט זיך דערנאָך נישט זען מיט קײן געלט, — ליגט אים די מלאכה נישט אין קאָפּ.

ש נ ײ ד ע ר

איר זאָלט מיר אפֿילו געבן אַ סך, װעל איך אױכעט, אסור, די אַרבעט נישט אַװעקלײגן...

ה י נ ד ע ל ע

די חתונה זאָל נישט צופֿאַלן איבער אַ נאַכט, װאָלט איך אײך געװיס פֿאַרבעטן מיטן גאַנצן װערקשטעל, װי ס'פֿירט זיך. — צו מיר אַריבער ; אָפּגעגעבן אַ שטוב, און דאָ אַלץ גענײט...

ש נ ײ ד ע ר

ס'װעט אַלץ אײנס אַרױסקומען װי בײַ אײך אין שטוב נעמט דאָס קלײד תּכף אײדל האָט פֿון זיך אַראָפּגענומען, אױנטערן לײלעך, — און גײט מיט איר אַרױס.

א ײ ד ל

אַלײן, זעצט זיך קוקן אין פֿענסטער אַרײַן.

מ אַ ל י ע

קומט אַרײַן

אַ שפּאָר ביסל רעגן אין דרױסן, נישט צו פֿאַרזינדיקן ; מ'האָט זיך צו שטאַרק איבערגענומען מיט די װאַרימע טעג...

א ײ ד ל

ס'אי געװען שײן, האָט מע געקאָנט אױסגײן פֿאַר אַ טראָפּן רעגן ; אָנ-

געהויבן רעגענען, — געדענקט מע נישט: ס׳איז אַמאָל געווען אַ שיי־
נער טאָג.

מאַלקע

אַ משוגענער זומער... אָדער ער גיט צופּיל, אָדער, — צו־ווייניק; גלייך
אויף גלייך איז ביי אים נישטאָ... נאָך אַלץ פאַרוואָלקנט?...

איידל

כ׳בין נישט פאַרוואָלקנט...

מאַלקע

נאָר וואָס דען זיצסטו און קוקסט אין פענסטער אַריין?

איידל

איידער אויף די וואַנט, איז שוין גלייכער אין פענסטער; ס׳אי פּונקט
אין דרויסן ווי ס׳געמיט מיינס...

מאַלקע

דאָס זעלבע געמיט ביי דיר געווען מיט צוויי וואָכן צוריק, — וועט עס
כסדר שוין ביי דיר אַזוי זיין, און זיך נישט ענדערן?

איידל

דינסטמאָל זענען נאָך געווען צוויי וואָכן, און אַצינד נישט מער ווי איין
וואָך צו דער חתונה.

מאַלקע

ביסטו נאָך טרויעריקער געוואָרן?

איידל

נאָר לעבעדיקער געזאָלט ווערן?

מאַלקע

וואָס, ווידער, וועט שוין זיין נאָך די חתונה?

איידל

איין שעה צופריער, איז נאָך אַלץ נישט אַ מינוט דערנאָך...

מאַלקע

נאָך אַלץ אַ קלער, ס׳זאָל קאַליע ווערן?

א יי ד ל

כ'קאָן נישט שווערן...

מ אַ ל י ע

איז אַ גרויסע עוולה, וואָס דו האָסט דיך אַזוי ווייט אַריינגעלאָזט... אַז מ'וויל נישט קיין חתן, איז גאָרנישט; אָבער טענהן חרטה אונטער די חופּה?... די חתונה איז דאָך שוין הינטער די טיר...

א יי ד ל

אַז כ'האָב מיר ביז אַצינד דאָס אַליין נישט צוגעגלייבט; נישט איך בלויז האָב עס אָפּגעוואָרפן, פאַרטריבן פון זיך, געוואָלט געדענקען דערין, נאָר אפילו ביי די עלטערן מיינע, — איז עס ווייט געווען און זיך נישט אַרויסגעזען...

מ אַ ל י ע

אַז מ'ווערט אַ כּלה, מוז מע דאָך סוף-כּל-סוף חתונה האָבן..

א יי ד ל

וויפיל מיידלעך ווערן כּלות, און האָבן נישט חתונה?... נאָך דערצו, אַז כ'האָב דעם חתן קיינמאָל אויף די אויגן נישט געלאָזט; קיין צוויי ווערטער מיטן אַרויסגערעדט...

מ אַ ל י ע

די מורא: זאָלסט דיך נישט אַרויסגליטשן פונם, האָט אים נישט געלאָזט איינרוען, ביז ער וועט דיך מיט אַלעם אָנקריגן..

א יי ד ל

און איבער אַ נאַכט די חתונה מיר אויפן קאָפּ אַראָפּגעפאַלן...

מ אַ ל י ע

ער האָט זי דיר צוגעוואָרפן צו די פיס, דער חתן...

א יי ד ל

נאָך אייערנעכטן נישט געחלומט: די זאָל שוין זיין אַזוי נאָענט.. און אַז די חופּה גייט מיר אַנטקעגן אויף די פיר פיס, פיר הילצערנע פיס...

מ אַ ל י ע

אַצינד הייב איך נישט אָן צו וויסן: ווי אַזוי דו ועסט אַרויסקריכן... כ׳בין גאָרנישט אַזוי קלוג... סיי, מיט אַ טרער... דו זאָלסט דיך אָנהענגען ביי די מאַמע אויפן האַלז: „האָסט אים נישט ליב!״... אַ הייסע קראָפּלע פון אַ קינדס אויג, בריט זייער אויף אַ מאַמעס באַקן...

א יי ד ל

כ׳האָב נאָך פריער זייער חשק צו עפּעס אַנדערש, ווי פאַלן די מאַמע אויפן האַלז; אַ קינדס טרער בריט טאַקי אויף די מאַמעס באַקן, אָבער אַ מאַמעס טרערן צענעמען נאָכמער...

מ אַ ל י ע

צוואָס אַזעלכעס האָסטו פריער נאָך חשק?

מ אַ ל י ע

כ׳האָב קיינמאָל נישט געקאָנט הויך אַרויס, מיט אַ מויל; אַלעמאָל געוון שטיל, געגראָבן ווי אַ מילדוואָרים; און וואָס ס׳האָט עפּעס באַדאַרפט אַרויסקומען, — האָב איך עס נאָכמער פאַרשטעלט, מיטביידע הענט געזוכט צו פאַרשטעלן...

מ אַ ל י ע

און ווי אַזוי קלערסטו דיר צו העלפן?

א יי ד ל

שווייגט.

מ אַ ל י ע

ווילסט דיך פאַר מיר נישט אָנגעטרויען?

א יי ד ל

כ׳האָב אַ סך מאָל געקלערט: אַז ס׳אַ גרויס אומגליק ביי אונז יידן, וואָס מ׳קאָן זיך נישט מתוודה זיין; זיי האָבן אַ גלח, און אַז ס׳האַרץ ווערט פול, גייט איבער, — גייט מע אַוועק צווישן פיר ווענט, און מ׳רעדט זיך אַראָפּ; ער הערט אויס, גיט אַ גלעט איבערן קאָפּ, אַ קוש אין שטערן, און מ׳פילט אַזוי גוט, אַזוי גרינג..

מאַליע

און איך האָב אַ סך מאָל געקלערט: אַז ס׳אַ גרויס אומגליק ביי אונז יידן, וואָס ס׳אי קיין קלויסטער נישטאָ; אַ מיידל ווערט אַלט, קומט אין די יאָרן, אין גראָען צאָפּ אַריין, — איז כאָטש דאָ אַן אָרט וואו זיך צו באַהאַלטן; און אַז זי איז ביי זיך געפאַלן, — האָבן אַ מקום מנוחה וואו זיך אַליין צו פאַרטיליקן, און הענט וואָס זאָלן גלעטן איבערן קאָפּ... ביי אונז איז דאָס נישטאָ.. גיי אַרום אין שמאָלן געסל... צווישן שולכל און קלויסטער... שטעך איטלעכן אויס די אויגן מיט די זילבערנע פע־דים אין קאָפּ... ציטעריקע ברעמען...

אברהם

קומט אַריין

שוין באַלד געוואָרן אַ טויטער ביי אים... דערזעט איר אויף אַזאַ רעגן ביסטו אַהערגעקומען?... כ׳האָב געמיינט: אַז נאָר איידל איז אַ בעלן זיך אויף אים אַדורכצוגיין...

איידל

און דו, נישט?

אברהם

יאָ, אַ רעגן איז אַלעמאָל זייער אַ געשמאַקע זאַך... כ׳בין איינמאָל מיט־געפאָרן מיטן טאַטן צו אַ פריץ אין הויף אַריין, איז מיר דאָרטן אויסגע־קומען צו שלאָפן ביינאַכט אינם היי, — האָט אויכעט גערעגנט; אָבער פון רעגענען האָט די סטאָדאָלע היי געשמעקט, שיכור געררייצט, און וואָס כ׳האָב אויפגעמאַכט די אויגן, האָב איך געמיינט: אַז פון די שמאָלע, לאַנגע, דינע בליצן, וועט זיך איינער אַריינשטעכן, און אָנצינדן ס׳היי מיט מיר.

מאַליע

איך האָב ליב געוויטער אויפן דאָרף; מיין זיידע איז געוועזן אַ דאָרפס־גייער, — און זיך מער אויפגעהאַלטן ביי אים, ווי אין שטאָט ביי די מאַמע...

אברהם

ווייסטו דאָך גוט וואָס אַזאַ נאַכט אויפן דאָרף איז...

מאַליע

אַז ס׳איז אויסגעפאַלן אַ שלאַגס רעגן מיט דונערן און בליצן, די פויערן זענען אַוועק זיך באַהאַלטן אין די קעלערן, — בין איך אַרויסגעלאָפן אויפן פעלד, צעלאָזט דעם קאָפּ האָר, און געפּאַטשט מיט די באָרוויסע פיס ; זיך נאָכגעיאָגט נאָך די דונערן, און זיי נאָר געוואָלט אַרונטערכאַפּן אונטערן קלייד...

אברהם

אין פענסטער

אַזוי פאַרכמאַרעט אין דרויסן, אַז ס׳זעט זיך גאָרנישט אַרויס, — ס׳זאָל זיך אַמאָל אויסלייטערן...

מאַליע

אין פענסטער אויך

ערשט נאַכט געוואָרן, און ס׳אי שוין קיין הימל נישטאָ..

אברהם

און פון וואַנעט רעגנט, אַז ס׳אי קיין הימל נישט ?

מאַליע

פון די וואָלקנס ; די וואָלקנס גייען אַראָפּ צום ים, טרינקען זיך אָן, און שפּייען צוריק אויס פון זיך ס׳וואַסער...

אברהם

וואָס ברויכן זיי פריער צו טרינקען, דערנאָך עס אויסצושפּייען ?

מאַליע

כ׳ווייס ? אַזוי ווי כ׳הער, זאָג איך נאָך...

אברהם

און דו ווייסט : ווי אַזוי די וואָלקן גייען ?

מאַליע

אַז מ׳גייט אַרויס אויפן שלאָסבאַרג אין אַ פאַרכמאַרעטן טאָג, קאָן מע די וואָלקן צוהאַלטן מיט די האַנט, — זיי נישט לאָזן גיין...

אברהם

און דו האָסט זיי שוין געפּרוווט אַמאָל צוהאַלטן, נישט לאָזן גיין ?

מ אַ ל י ע

אַז כ׳בין געווען ביים זיידן אין דאָרף, און מיך אַוועקגעשטעלט אויפן שפיץ־באַרג פונם קלויסטער, האָב איך נישט איינמאָל געכאַפּט פולע הענט מיט וואָלקן, מיט שטיקער צעריסענע וואָלקן; כ׳האָב ליב די וואָלקן, ווען זיי האָבן אַ פּערל־קאָליר, און זען אויס ווי די אויפגעשטעלטע וואָל ביי דערשראָקענע שעפּסן...

ש ל ו ם

פון די אַנדערע שטי־

וואו איז ער ערגעץ, דער תכשיט מיינער? שוין? אָפּגעאַרבעט די פאַנשטיזנע? אין טיר אַ־האַ! ער האָט איר דערשמעקט דאָ...

א ב ר ה ם

זיך אָנגעקליבן אַ גאַנצער באַרג תּעותים, און וויל פון זיי מיט איינמאָל אַרויסקריכן... אַפּ נאָך אים.

א יי ד ל

נאָך אַ ווײַלע, שטיל

מאַליע...

מ אַ ל י ע

וואָס איז, איידל?

א יי ד ל

שווייגט.

מ אַ ל י ע

ס׳נאָגט דיך עפּעס ביים האַרץ, און ווילסט: כ׳זאָל דיך ציען ביי די צונג, — זאָלסט מיר זאָגן? פאַרוואָס זאָגסטו מיר נישט, וואָס דו ווילסט טון?

א יי ד ל

מיט אמאָל

אַוועק!

מ אַ ל י ע

פון די העלע הויט אַוועק?

א יי ד ל

נישט פֿון די העלע הויט...

מ אַ ל י ע

זיך גוט איבערגעלייגט: אַז דו האָסט שוין קיין אַנדערע ברירה, — ווי זיך אויפֿצוכאַפּן און אַנטלויפֿן אַכט טאָג פֿאַר דער חתונה, זיך אַוועקלאָזן אין די וועלט אַריין, אַליין?

א יי ד ל

נישט אַליין...

מ אַ ל י ע

איבעראַשט

מיט עמעצן? כאַפּט איר אַרום זאָגסטו נישט: האָסט וועמען ליב? כאַ־כאַ... און איך האָב געמיינט: אַז דו האָסט נישט ליב דיין חתן, ווייל ער איז גלאַט נישט קיין מענטש, וואָס לאָזט זיך ליבן; און נישט דערפֿאַר, — ווייל דו האָסט אַן אַנדערן ליב...

א יי ד ל

לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ פֿאַרשעמט.

מ אַ ל י ע

שוין לאַנג? און פֿאַר מיר גאָר באַהאַלטן? זיך געהיטן מיר צו זאָגן? כע־כע... דו גנבֿל, דו... האָסט אוודאי געמיינט: כ׳וועל דיר דעם געליבטן אָפּרעדן..

א יי ד ל

האַלט אַראָפּגעלאָזט ד׳קאָפּ, רעדט נישט.

מ אַ ל י ע

לעבעדיק

עפּעס אַ לייטישער חברהמאַן, וואָס זאָל דיך ווערט זיין? אַזאַ ליכטיקע מויד, — איז נישט יעדער איינער באַלד ווערט אָנצוקריגן... איידל, אַ מאַן וועט דאָך ביי דיר האָבן, כע־כע־כע, ס׳גן־עדן אויף די וועלט...

א יי ד ל

שווייגט.

מ אַ ל י ע

אַ שײנער יונג? אַ מויל, ר׳זאָל קאָנען דערמיט צענעמען...

א יי ד ל

אין מײנע אויגן איז ער שײן װי די גאַנצע װעלט...

מ אַ ל י ע

כ׳װעל נאָר הערן װער ער איז, — װעל איך דיר גלײך זאָגן: אויב דו נאַרסט דיך נישט, און ביסט פֿאַרבלענדט אין אים...

א יי ד ל

דו קענסט אים נישט...

מ אַ ל י ע

אַ היגער, און כ׳זאָל אים נישט קענען?... װיפֿיל לײטישע יונגעלײט װענען דאָס אײנגאַנצן דאָ אין שטאָט? כ׳קען זײ נישט בלויז דיר אויס־רעכענען אויף די פֿינגער, נאָר אפֿילו זײערע מעלות און חסרונות...

א יי ד ל

שװײגט.

מ אַ ל י ע

אַ שטײגער: דער יונגער אײזן, — אַ װאוילער בחור, נאָר דאָס שמײ־כעלע זײנס איז װערט אין דרערד אַרײן; ער דערהרגעט יעדעם און זיך אַלײן דערמיט.. מײנט: עס בײסט, און מאַכט זיך בלויז נאַריש און מיאוס דערמיט...

א יי ד ל

שװײגט.

מ אַ ל י ע

נעם באָטע פֿלאַצקעװיטשעס זינדעלע, — אַ גאַנצער פֿראַנט, און אַ שײ־נער, אָבער, — קלעפּיק; מ׳קאָן אים אויסקנעטן װי אַ טײג; ס׳װעט נישט לאַנג געמען, װעט פֿונם זײן אַ געװײנלעכע שטיק יידענע...

א יי ד ל

דו װעסט נישט טרעפֿן, מאַליע...

מ אַ ל י ע

און ווער איז ער ?... לאָמיך וויסן : איבער וועלכן שטיק קלאָץ דו ביסט געפאַלן ?...

א יי ד ל

ער קומט ווייניק צווישן יידן...

מ אַ ל י ע

גיט א צאַפּל

וואו דען קומט ער ? אַ ?...

א יי ד ל

צווישן ס׳זייניקע ..

מ אַ ל י ע

ער איז נישט קיין ייד ?...

א יי ד ל

שווייגט.

מ אַ ל י ע

נישט קיין ייד ?...

א יי ד ל

וואָס ביסטו אַזוי פון די הויט אַרויס ?...

מ אַ ל י ע

און מיינט מיטן גאַנצן האַרץ, — מיט דיר חתונה צו האָבן ?

א יי ד ל

וואָס פרעגסטו דיך ?

מ אַ ל י ע

און ס׳וועט דיר גוט זיין, וויסן פון אַ לעבן מיט אים ?

א יי ד ל

וויל איר איינעמען

ביסט אַזוי צעטראָגן... ס׳קול דיינס פאַרענדערט... ס׳מויל אויסגעקרומט ..

די הענט ציטערן... ווײל איר צוועקועצן רו דיך אָפּ אַ רגע... כאַפּ אָפּ דעם אָטעם... און כ'וועל דיר זאָגן..

מ אַ ל י ע

קאָן זיך נישט שטילן

כאַ-כאַ-כאַ... און דו וועסט קאָנען פאַרלייקענען ס'היוז ?... די מאַמע ?... דעם טאַטן ?.. דעם ברודער ?... דיין אייגן געביין !...

א יי ד ל

וואָס טוט מע נישט, אַז מ'האָט ליב ?

מ אַ ל י ע

ווי פריער

אַוועק אויף אייביק פון היימישן געסל, פון די ציג, און אויפהערן לעבן מיטן פרייטיק-צו-נאַכטדיקן זינגען פונם קליינעם שולכל, נאָר מיטן שווערן קלינגען פונם קלויסטער-גלאָק... כאַ-כאַ... כ'האָב געוואוסט : אַז דו האָסט עמעצן ליב .. נישט בלויז איך, נאָר ביי די גאַנצע שטאָט איז עס קיין סוד נישט געווען... און דאָס האָט אוודאי געמוזט אַריין אין זיינע אויערן, דעם חתנס, אַז ער האָט זיך אַזוי אונטערגעאיילט מיט די חתונה...

א יי ד ל

ס'וועט נישט קומען צו די צרות.

מ אַ ל י ע

ווי פריער

נישט ער, האָב איך געמיינט : עפּעס אַ היימישן בחור, — האָסט דיך צונויפגעטראָפן מיטן שבת אינם וועלדל, הינטערן באַרגל, און... ס'האָט געגומען !... דו ביסט געוואָרן געכאַפּט... ס'אי נאָך דאָ, ווייס איך, מיט וועמען געכאַפּט צו ווערן, אויב דו זאָלסט נאָר וועלן בלויז אויסדרייען ב'קאָפּ, אַהינקוקן וואו מ'ברויך...

א יי ד ל

ווילסט מיר איינשדכנען עפּעס אַ גביריש זינדעלע, וואָס ס'שטעטל איז מיט אים אַלע טאָג אויף ? עוזר האָט שוין ביי מיר איינמאָל פאַרדינט שדכנות-געלט...

מ אַ ל י ע

כ׳בּרויך דיר נישט שדכנען. . אַזאַ יאָר צו מיר. ס׳אַר וואוילער בּחור ער איז, דער חתן דיינער ; און אויב ער טויג נישט פאַר דיר, וועט קו־מען אַן אַנדערע, וואָס וועט זיך בּענטשן אין אים, און דו, ווידער, — אין אַן אַנדערן ; אַזוי איז די וועלט : וואָס ס׳איז נישט גוט פאַר איינעם, מוז גוט זיין פאַר אַ צווייטן ; פאַר עמעצן מוז מע גוט זיין...

א יי ד ל

כ׳וועל אים דיר אָוועקגעבּן מיט אַ שיינעם שמייכל, אויב ער איז אין דיינע אויגן אַזאַ ווילדע מציאה...

מ אַ ל י ע

נישט דיין בּרודער, כ׳זאָל האָבּן אַן אויג בּיי אים, — וואָלט איך מיך, אסור, מיטן געקרעקט ; ער איז גענוג שיין און הויך אָנגעוואַקסן, האָט אַ מויל צום רעדן, — אַ מיידל זאָל זיך קאָנען צופרידנשטעלן, און מיטן בּאַניגן לאָזן ; וואָס פאַר אַ וואונדער זעסטו בּיי יענעם דאָרטן, — וואָס ער איז מיט אים מער אויסגענומען פון אַלע שטעטלדיקע יונגעלייט ?

א יי ד ל

ער איז נישט אַזוי שיין... האָט נישט אַזאַ מויל... איז אפילו נישט אַזוי הויך. .

מ אַ ל י ע

און די שטאָט איז אויך נישט אויף מיט אים יעדן טאָג ?

א יי ד ל

אָ, דו זוכסט מיך שוין צו בּייסן...

מ אַ ל י ע

ווי פריער

ס׳קלינגט נישט מיטן אין די גאַסן, כע־כע... ווי קאָנסטו ווייסן : וואָס אַזאַ איינער טוט אָפּ שטילערהייט, פאַרשטיקט, און ס׳קומט נישט קיינמאָל פאַר די ליכטיקע שיין אַרויס ?... ס׳וואָלט מיך נישט געאַרט, כ׳זאָל וויסן : אַז דו גייסט נישט בּיי אַזאַ איינעם אין די רייע, און בּיסט, ווער ווייסט, — די וויפילטע, וואָס גייט אַוועק אָפּגענאַרט.. אָ, ווען ער זאָל

דיך כאָטש מיינען אויף אַ העלפט, אַ דריטל, ווי דו שטעלסט דיר פאָר, און דערפאַר גרייט צו גיין אויף אַלעם אין די וועלט... כע-כע-כע... וואָרן, אַז מ׳רעדט אַזוי וועגן אַ מענטש, — ברויך מע זיך שוין נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום זאַך...

א יי ד ל

דערשטיקט די טרערן

כ׳האָב דיר קיינמאָל נישט געוואָלט זאָגן, געשטיקט אין זיך, ווייל כ׳האָב געוואוּסט: דו וועסט דיך וואַרפן אויף מיר, אויפמאַכן אַ מויל, און מיך וועלן פאַרברענען... אויפעסן מיט די קאָפּיטעס... איינשלינגען ווי כ׳גיי און שטיי, מיט די ביינער...

ר׳ עוזר

גיט אַ פאַל אריין

ס׳מבול גייט אין דרויסן.

א יי ד ל

וואָס האָט איר אַזוי געגייטיק געהאַט אַהערצוקומען אויף דעם מבול?

ר׳ עוזר

איך בין אַזוי ווי אַ זעלנער; מ׳הייסט מיך גיין, — ניי איך.

א יי ד ל

ווער האָט אייך געהייסן גיין?

ר׳ עוזר

ווער קאָן מיך הייסן, אויב נישט דער מחותן?

א יי ד ל

נאָך וואָס, אַזוי?

ר׳ עוזר

דער טאַטע זאָל אַריבערקומען...

א יי ד ל

גייט, זייט מוחל, און זאָגט עס אים, — ער איז אין די אַנדערע שטוב.

ר׳ עוזר

האָט זי מיך ערשט באַדאַרפט חוקר ודורש צו זיין, אַ? אָפּ אין די צווייטע שטוב.

אײדל

צעטראָגן

ס׳האָט זיי עפּעס געמוזט אין די נאָז אַריין... הלוואי, ווערט קאַליע, און זיי גיבן אים כאָטש דאָרט אָפּ די תּנאים.

שלום

פון די אַנדערע שטוב

שוין? אַזאַ געניייטיקע זאַך? קומט אריין צעטראָגן און, רופט הינדל! הינ־דל!

הינדעלע

פון די אַנדערע שטוב

אויף וואָס ברויכסטו מיך?

שלום

אויף ערב יום־כּפּור! אויף וואָס כ׳ברויך איר, פרעגט זי מיך...

הינדעלע

אין טיר

ס׳מויל האָט דיר געקערט פון הינטן צו שטיין...

שלום

שוין ידער זיך עפּעס דאָרטן פאַרקאָכט...

הינדעלע

גרינגע קעפּ! אַכט טאָג פאַר אַ חתונה, און מ׳האַלט נאָך אַלץ אין איין שיקן... ווידער עמעץ געקומען מיט אַ פּאָטשט? כ׳ווייס נישט: ווען מ׳וועט שוין אַמאָל אויפהערן טראָגן?

שלום

נישט אַנדערש: ווי כ׳זאָל שוין, די מינוט אַריבערקומען...

הינדעלע

גייט מע...

ש ל ו ם

כע־כע... מיינסט : מ׳וועט מיר דאָרטן דערלאַנגען כבוד ?

ה י נ ד ע ל ע

גייט מע נישט..

ש ל ו ם

דערצונדן

גייט מע יאָ, גייט מע נישט... דו וואָלסט געשטעקט אין מיין הויט, וואָלסטו נישט אַזוי שיין גערעדט... טוט אַ קרעכץ אוי, עד מתי ! ווי לאַנג וועט מע מיר ס׳בלוט צאַפּן ? אָפּ, — ר׳ עוזר נאָך אים.

ה י נ ד ע ל ע

צערטלעך

איידלשי, וואָלסט אפשר אַריינגעגאַנגען שלאָפֿן ? געבעט פאַר דיר ס׳בעט, אסור, אויב פאַר אַ פרינצעסין...

א יי ד ל

נאָך פאַרשלאָפֿן ס׳מזל, מיך אַזוי פרי גיין לייגן...

ה י נ ד ע ל ע

אַ כלה־מיידל פאַר די חתונה, איז געזונטער, — זי זאָל וואָס מער שלאָפֿן...

א יי ד ל

אַ סגולה, אַזוינע ?

ה י נ ד ע ל ע

אַצינד : ווי לאַנג דו ביסט נאָך אַ מיידל, כאַפּ אַריין וויפיל דו קאָנסט.. דערנאָך וועסטו מוזן אויפזיין... מ׳וואוינט מיט אַ מאַן, שלאָפט מע נישט... מ׳האָט אַ קינד... און צוויי... און דריי... און פיר... און... ס׳אי דען אויס־געזעצט : וויפיל גאָט קאָן געבן ?...

א יי ד ל

כע־כע... פאַרזאָרגן די וועלט מיט קינדער...

ה י נ ד ע ל ע

ס׳אי גאָרנישט פאַראַן צופיל... ס׳וועט קומען דערצו און אַליין זען : אַז וואָס מער מ׳האָט, וויל מע אַלץ מער האָבן...

א יי ד ל

מיך באַלד אַריינגיין לייגן, מאַמע, — כ׳זאָל דערנאָך קאָנען וואָס מער אויפזיין... שטופּט איר אַרויס מיך באַלד אַריינגיין לייגן...

מ אַ ל י ע

פּלוצלינג

קוק מיך אָן, איידל, — זעסט עפּעס אויף מיר?

א יי ד ל

קוקט

וואָס, ווילסטו, זאָל איך זען?

מ אַ ל י ע

אויסער אַ גראָע האָר אין קאָפּ, טונקעלע ראַנדן אונטער די אויגן, און קליינע פלעקלעך אויף די באַקן...

א ב ר ה ם

קומט אַריין

קוים געפּטרט; דער ייד זאָל אים נישט געווען אַוועקנעמען, — מיך הײנט פאַרמוטשעט... מאַליען דער רעגן הערט אינדרויסן נישט אויף, — ווי אַזוי וועסטו דיך אַריבערכאַפּן אַהיים?

א יי ד ל

כ׳וועל נאָך דאָ אויכעט האָבן אַן אָרט, וואו איר אַוועקצולייגן...

מ אַ ל י ע

גיט אים אַ כאַ אַרום און קושטן ליבלעך אין די ליפּן

דו וועסט נאָך אויף אַ רגע אַריינגיין צוריק, פון וואַנעט דו ביסט געקומען, — און מיך לאָזן אַליין מיט דיין שוועסטער...

א ב ר ה ם

שמייכלענדיק

אַזאַ סוד, וואָס כ׳טאָר נישט הערן?

מ אַ ל י ע

ווייסט דאָך: צוויי מיידלעך קומען זיך צוזאַמען... שטופּטן אַרויס מיט אַ געלעכטער.

א יי ד ל

זי איז אַ טייוול, נישט קיין מיידל...

מ אַ ל י ע

קערט זיך אום

ווייסט: אַז אַלץ ווי ס׳דערגייט מיט דיר, איז שוין מיט מיר דערגאַנ־ גען? און אַז כ׳האָב שוין אויכעט ליב געהאַט, משוגע צו ווערן, ליב געהאַט, — אַ גוי?...

א יי ד ל

דו־ו־ו־ו?

מ אַ ל י ע

צעפלאמט

און אַ שייגעץ איז ער געווען, עך! וואו נעמט מע זיין כוח? איך שפּיר אים נאָך אין מיינע גלידער. הויך ווי אַ בוים, און מיט אַ פּאָר לאַנגע, דאַרע פיס ווי ביי אַ באָטשאַן, — האָסטו שוין אַמאָל געזען שטיין אַ באָטשאַן ביים וואַסער אויף איין פוס! אַז ער האָט מיך אַריינגעכאַפּט אין זיך, און מיך גענומען קושן, — האָב איך געקוויטשעט ווי אַ קליין חזירל... מיך צוגעדריקט צו זיך, אַז כ׳האָב פאַרלוירן דעם קאָפּ, גענו־ מען שווינדלען פאַר די אויגן... און דאָ בין איך געלעגן אויפן פעלד... ביים וואַסער הינטן... מיך געשטיקט מיט זיין קורץ אָפּגעהאַקט אָטעמען... און אַזאַ פייער!.. מ׳איז דאָך נישט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש!... בין איך אויסגעגאַנגען... געבליבן אויסן... נישט געקאָנט רירן מיט קיין גליד...

א יי ד ל

גיט איר אַ כאַפּ אָרום

און ער האָט דיך דערנאָך נישט גענומען?...

מ אַ ל י ע

יאָ: נאָכאַמאָל. און נאָכאַמאָל... נאָר יעדעס מאָל אַלץ מיט אַ קלענער פייער... שוין נישט מיט דעם זעלביקן ברען... זעלטענער און קעלטער... ווי ס וואָלט אים דערווידער געוואָרן... און דערנאָך שוין מיט אַלעם גע־ זוכט אויסצומיידן...

א יי ד ל

ביסטו זיכער: אַז ס׳איז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ גוי ?... און אַז מיט אַ יידישן בחור, וואָלט נישט ס׳אייגענע געווען ?

מ אַ ל י ע

בין איך דען נישט שפעטער, אַז ס׳האָרץ האָט מיר גע.ומען בלוטן, געשוואָלן געוואָרן פון יסורים, — שלעפנדיק צום גלח; און פאַר אים אין די אויגן, געפאַלן צו זיינע פיס: „הייליק מיך, געטלעכער מאַן, כ׳זאָל אים ווערט זיי, ווערן זיינס גלייכן, און קאָנען אויסמישן מיטן... ווערן איינס...״

ה י נ ד ע ל ע

ווידער אין טיר

איידלשי, פאַרשעם נישט ס בעט... ס׳שטייט אַ בעט געבעט, פאַרוואָס זאָלסטו בעסער נישט ליגן דערין, נאָר ־רומגיין איוף די פיס ?

א יי ד ל

באַנומען

כ׳גיי באַלד אַריין, מאַמעשי... שטופּט איר לייכט אַרויס נאָך אַ קליין ביסעלע...

מ אַ ל י ע

כ׳וואָלט דאָס קיינמאָל נישט אויפגערודערט, געלאָזט ליגן באַגראָבן ווי אַ טויטן אין גרוב, — ווען דו זאָלסט נישט פאַלן איבערן זעלביקן שטיין, זיך אָנשלאָגן אָן אים...

א יי ד ל

ציטערט אינגאַנצן

און איך וואָלט נישט געבעטן, אים געשלעפּט צום גלח: ער זאָל מיך דערנאָך ערשט הייליקן פאַר אים, אַז ר׳האָט מיך פריער, אומגעהייליקט, אַזוי גוט געקאָנט פאַרדייען ?! דעם האָלז זיך איבערגעשניטן! די אָדערן אויפגעריסן!

מ אַ ל י ע

דו ווייסט גאָרנישט, קינד, ווי גרויס מ׳איז, ווען מ׳פאַלט; וואָס מער געפאַלן, — מער וויל אָנהייבן לעבן ביי זיך יעדער גליד; אין

דרויסן, זעט אויס ווי מ׳זאָל זיך ברויכן אָנטון אַ טויט, און אינעווייניק וויל אויף צו להכעיס אַלץ פון אויפסניי אָנהייבן לעבן. . אַלע פאַרשלאָפענע אברים ווערן דורכדעם אויפגעוועקט ווי פון אַ טיפן שלאָף... מ׳ווערט שיוער, וואָגיק, יעדער טריט איז מיד און וויל אויפקומען. . די הענט און אַלע גלידער הענגען אַראָפּ, אַזוי ווי געלאָדענע צווייגן מיט ציטערדיקע פירות...

א יי ד ל

האַלט איר אַרום

אָרימע שוועסטער, ס׳האַרץ צעגייט מיר פאַר דיר...

מ אַ ל י ע

גלעט איר איינערן קאָפּ

וועט כאָטש מיין אומגליק האָבן געוועזן דיין גליק?

א יי ד ל

דו ווייסט גאָרנישט: ווי איינגעשטעלט דו ביסט, ס׳זאָל דערגיין צו אים...

מ אַ ל י ע

פאַר דעם צעגייט דיר דאָס האַרץ דיינס?... כע-כע-כע... וואָרן, ער וועט מיך דען דעריבער וועלן צוועקוואַרפן? גיט זיך א שטעל אוועק און רופט אבר־הם!

א יי ד ל

דערציטערט

וואָס גייסטו טון?

מ אַ ל י ע

פאַרביסן

מיר ווערט זיין אַלדאָס געלט, זאָלסט זען: ווי ס׳וועט דיר דערנאָך שמעקן, — וועסט שטעקן אין מיין הויט...

א יי ד ל

כאַפּט איר אַרום

זאָלסט אים נישט דערוועגן צו זאָגן גאָר, הערסט? כ׳באַשווער דיך...

מ אַ ל י ע

זאָגסטו מיר צו: אַז דו וועסט נישט אַוועק מיט אים?

א יי ד ל

לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ

איך אַרבעט שוין אַרום חדשים... און מיט איינמאָל, ווייל כ׳האָב מיך אָנגעשטויסן אויף דיין בראָך, מיך פאַרדאָס ברויכן צוריקהאַלטן?... כאָטש געקומען צוביסלעך, די ביידע זאָלן זיך ראַנגלען אין מיר, און איינער דעם אַנדערן איבערגעוועלטיקן...

מ אַ ל י ע

אַנטשלאָסן

אויב אַזוי, מוז איך אים רופן...

א יי ד ל

מאַל-יע!

מ אַ ל י ע

און אים זאָגן... דו זאָלסט דיך אָנקוקן אין מיר...

א יי ד ל

מאַל-יע!

מ אַ ל י ע

מיטן גאַנצן כוח

אב-ר-הם!

א ב ר ה ם

אין טיר, שמייכלענדיק

זיך שוין איבערגעגעבן אַלע סודות?

מ אַ ל י ע

שטאַרק

זאָג מיר, כ׳וויל דיך פרעגן: האָסט מיך ליב?... שעם דיך נישט... זאָג אָפן... דיין שוועסטער זאָל הערן... האָסט מיך ליב?...

א ב ר ה ם

ווילסט עפעס דערמיט אויסווייזן פאַר איר ?...

א יי ד ל

פאַרבראָכן

די ליבע איז נאָך אַזוי יונג... אַזאַ דין ביימעלע... און גייט עס שוין צעברעכן ..

מ אַ ל י ע

לאָזט אים נישט קומען צו זיך

כ׳זע שוין אין דיינע אויגן... כאַ-כאַ-כאַ... זיי ליגן צו די ערד .. און ס׳פּנים האָט זיך אָנגעצונדן, איין שטיק פייער. . כע-כע-כע... דו האָסט מיך ליב .. יאָ . אפילו דו זאָגסט נישט, זע איך : דו האָסט מיך ליב... דאָס פאַר־שעמטקייט... ציטערן פון די ליפּן... גליווער... טויטקייט פון די ברעמען... כע-כע-כע.. מ׳ברויך מיר... נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין... כ׳זע... כ׳זע... נו ?... וואָס וואָלט געווען, ווען ס׳זאָל דיר אַצינד עמעץ קומען זאָגן : כ׳וויס ?... אַז כ׳האָב מיך נישט בלויז געליבט מיט וועמען... נאָר, כע-כע... און אַז דו וואָלסט מיר ברייטער אַריינגעקוקט אין די אויגן, — נישט שטאַרק אָפּגעלייקנט... נו ?..

א יי ד ל

שטייט צוגעשאַרט צו די וואַנט, בייסט זיך די פינגער.

מ אַ ל י ע

ווי פריער

און אַז כ׳וואָלט דיר געוואָלט גרינגער מאַכן : ס׳איז בלויז געווען ווי אַ ברי פון אַ פלאַם, נישט ווילנדיק .. ווען מ׳איז נאָך זייער יונג... ס׳לעבן הייבט זיך ערשט אָן אויסצופיקן... און נעמט זיך שעמעוודיק צאַפּלען ביי יעדן ברעקעלע... דאָס געמיט איז אַזוי גרינג ווי אַ זומערפייגעלע, וואָס פליט אַרום און זשומט, שטעלט זיך דאָ אָפּ אויף אַ בלימעלע, דאָ, — אויף אַ שטעכיק צווייגעלע ; און אַז ס׳איז נאָך דאָן געווען אַזוי רוי, ס׳האָט נישט געוואוסט דעם חילוק פון בלימעלע ביז דעם שטעכעדיקן צווייגעלע, און ס׳האָט זיך פאַרשטאָכן... נו ?...

א יי ד ל

ווי פריער, בייסט זיך די פינגער

כ׳קאָן נישט הערן: ווי זי לייגט זיך אונטער אים אונטער...

מ אַ ל י ע

דורכדרינגלעך, קוקט אים אין די אויגן אַריין

נו?

א ב ר ה ם

מאַכט זיך לייכט אַרויס

וואָס קאָן איך זאָגן אויף די מינוט?... צי כ׳וועל קאָנען פועלן: כ׳זאָל מיך דערנאָך נישט פייניקן, נ׳טויט מאַכן?... אויפעסן אַ לעבעדיקן?... און דו וועסט יאָ וועלן: כ׳זאָל מיר אַליין ברויכן זיין אַן אָפּקומעניש?...

שטעלט זיך אַריין אים אין פענסטער, קוקן.

ה י נ ד ע ל ע

קומט ווידער אַריין

נו, קינדלעב, וועסט נאָך אַלץ האָבן אַן אויסרייד?... מע פאַרמאַכט שוין באַלד אין דרויסן די געוועלבער...

א יי ד ל

נישט לאַנג געוואָרן טונקל...

ה י נ ד ע ל ע

זומער ווערט נאַכט צענע... און פאַרוואָס זאַלסטו נאָך אויפזיין צענע-עלפע אַ זייגער.. אַ כלה-מיידל, און נישט ליגן נאָך אין בעט?..

א יי ד ל

פאַרביטערט

ווי אַזוי גייט מע אַוועק, און מ׳לאָזט זיי דאָ איבער?... ווערט לייכט אַרויס־גענומען פון די מוטער אירע.

מ אַ ל י ע

נאָך אַ קליינע ווײַלע

כ׳האָב שוין לאַנג געזאָגט: אַז ס׳גרעסטע אומגליק ביי אונז יידן איז, וואָס ס׳אי נישטאָ קיין קלויסטער, – אַזעלכע מיידלעך זאָלן זיך האָבן וואו אַהינצוטון... בלישניעט שטיל.

הינדעלע

איר קול פון די אַנדערע שטוב, וואו זי לייגט מיט איר קריאת־שמע

און זעכציק מלאכים וועלן אַרומשטיין אַרום דיין בעט... דיך היטן מיט בלאַנקע שווערדן אין די הענט...

מאַליע

אומבאַוועגלעך, קוקט שטאַר אין איר זייט

זיך כאַטש האָבן אַראָפּגענומען אַ מוסר פון מיר?...

שלום

אָנקומענדיק פון דרויסן

אַזאַ מעשה! אַזאַ מעשה! *קומט אַריין* אויסרייסן וועל איך איר, ביזן ביין אויסרייסן.. מיט אַ שייגעץ גאָר?... *גייט גלייך צו די אַנדערע שטוב, וואו ער שטייט צוריקגעזעצט פון דעם צאַרטן ניגון, וואָס קומט אים אַנטקעגן, און צענעמט די הענט* וועמען זאָל איך גלייבן, וועמען?...

פאָרהאַנג

דריטער אקט

זישט לאַנג דערנאָך
ביי אביגדורן אין שטוב

ייִדן

אין די דערבייאיקע שטוב זינגען זמירות.

צוויי ייִנגלעך

בלאַנדזשען אַרום מיט קליינע קישעלעך אויף די קעפּלעך

יוכבדל

קומט אַריין

ברויעט נישט, קינדערלעך ; דער טאַטע קומט באַלד אַריין.

ס׳ערשטע ייִנגל

נעמט אַ קישעלע אויף דער פּלייצע

ווער קויפט אַ קעל-בע-לע ?

ס׳צווייטע

אַן עק-סע-לע !

יוכבדל

שטילער, קינדערלעך... ייִדן זינגען זמירות...

ס׳ערשטע

ווער קויפט אַ זעקעלע ווייץ ?

ס׳צווייטע

אַ זעקעלע קאָרן !..

יוכבדל

בייז

דער טאַטע קלערט שוין פון אַ רבין, אַ ישיבה, - און זיי שפּילן זיך נאָך ווי די קליינע קינדערלעך...

ס׳ערשטע

ווי פריער

ווער קויפט אַ קע-ל-בע-לע ?

ס׳צווייטע

אַן עק-סע-לע !

יוכבדל
זעצט זיך זאָגן

גאָט פון אברהם,
פון יצחק און פון יעקב, —
היט אָפּ דיין ליבהאַרציק
פאָלק ישראל, —
פון היינט און אייביק.

די יינגלעך
ליגן אַריין די קעפּלעך אינם פענסטער, און ווען זי ענדיקט זאָגן, — קוּמען
ביידע צו לויפן

מאַמע, אַ שטערן!

יוכבדל
צינדט אָן צוויי ליכט, זאָגט הויך

גוט וואָך!

די יינגלעך
— אַ גוטע וואָך!
— אַ געבענטשטע וואָך!
— אַ מזלדיקע וואָך!

יוכבדל
געלויבט צו גאָט, נאָך שלוש סעודות... אַצינד: מלוה מלכה... מ׳וועט ברויכן אַרויפנעמען רויטן באָרשט פון קעלער, און הייסן אָפּשיילן אַ פּאָר טעפּ קאַרטאָפל...

אביגדורל
קומט אַריין

גוט וואָך!

מלמד
קומט נאָך אים, ציט יעדעס וואָרט ווי פעך

אָבער, אַ רעיון... פּ-ש-ש-ש...

א ב י ג ד ו ר ל

נישט קיין שום ייד געדאַכט: אַזוי ווי דער ווינטער שטעלט זיך, — הייב איך אָן צו ליידן אויף די פיס; קומט מיר ממש איטלעכער טריט אָן מיט מסירת-נפש; און צום בית-המדרש איז אַ מהלך רב...

מ ל מ ד

יאָ... און ס'וואָלט אייך נאָך אויסגעקומען צו דאַוונען שבת אין די היים ביחידות...

א ב י ג ד ו ר ל

און ווינטערדיקע שבתים, ווייסט איר דאָך...

מ ל מ ד

שבת שירה, שבת שקלים, אַלץ געהויבענע...

א ב י ג ד ו ר ל

אַזוי פיל שטובן ביי מיר ליידיקע, וואָס מ'נוצט זיי נישט צו גאָר, — זאָל איך ברויכן אויסקומען אָן קדישה וברכי?

מ ל מ ד

האָט איר געלאָזט אַריינעמען דאָס ספר-תורה, די בענק, און געמאַכט דאָס בית-המדרש ביי זיך הינטערן אָרעם; איצט אַפילו קאָנען מאריך זיין ביים דאַוונען, אויכעט...

א ב י ג ד ו ר ל

פאַרוואָס זאָל מע ברויכן אַראָפּכאַפּן, מאַכן בקיצור: על רגל אחת?

מ ל מ ד

ז'ך נישט לאַנג שוין אַזוי צעשפּרייט ווי היינט; דער אויוון האָט גע-פּאַרעט, אַרויסגעגעבן אַ וואַרעמקייט, — אַז ס'האָט זיך גאָרנישט געגלוסט אַוועקצוגיין; ס'איז נאָר געווען אַ שאָד: וואָס מ'ברויך נישט דריי מאָל איבערזאָגן יעדן פּסוק...

י ו כ ב ד ל

נישט געהייסן זשאַלעווען קיין קוילן...

מ ל מ ד

אים אַזוי וועלן איבערלאָדענען, — אייך שבת קיין אורחים נישט פעלן...

א ב י ג ד ו ר ל

זיין היימלעך צו זיצן און לערנען מיט די קינדער, און וואַרעם...

מ ל מ ד

אַ כבוד...

י ו כ ב ד ל

שטייט אויף, קינדער; דער טאַטע האָט זיך שוין באַדונגען מיט אַ מלמד פאַר אייך; נישט ברויכן גיין אין חדר מיט אַנדערע קינדער, נאָר פאַר זיך, — די גאַנצע תורה זאָל אין אייך אַליין אַריין...

מ ל מ ד

די האַנט אויף ביידע קינדער

דאָס זיין ס׳גאַנצע מלומדות! נישט אויסגעמאַכט צו פאַרהערן... וועלכער איז דער עלטערער?...

י ו כ ב ד ל

אַלצאיינס אַלט; קלייננערהייט איינעם געהאַט צוגעבונדן אַ רויט בענדעלע צו אַ פיסל, מ׳זאָל וויסן אַ חילוק, — און דאָס אַראָפּגעריסן; אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעמישט, און כ׳ווייס נישט: וועלכער ס׳איז געווען פריער, און וועלכער, — דערנאָך..

מ ל מ ד

רופט-צו

קום נאָר אַהער, אוצר... ווי הייסטו?...

אַ י י נ ג ע ל ע

לייבעלע.

מ ל מ ד

זאָג מיר נאָר, לייבעלע; וואָס האָט שוין דער רבי מיט דיר געלערנט?

ס ׳ צ ו ו י י ט ע י י נ ג ע ל ע

גמרא מיט תוספות.

מ ל מ ד

אויסגעלערנט אַ מסכתא ?

ס׳ ע ר ש ט ע ײ נ ג ע ל ע

ברכות.

מ ל מ ר

נעמט אַרויס אַ גמרא, זעצט זיך אים פאַרהערן

מאימתי קורין את שמע בערבין.

א ײ ד ל

גיט אַ פאַל אַרײַן, — אַ צעפלאַמטע, פון די אַנדערע שטוב

כ׳קאָן מיך נישט אַוועקרײַסן פונם, — קלעפּט ווי אַ שטיק פּעך.

א ב י ג ד ו ר ל

מאַכט־צו די גמרא

נישט גלײַך, דאָ: בעסער אַרײַנגײן אין די פריערדיקע שטוב... אָפּ מיט זײ.

י ו כ ב ד ל

שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ

זיך געמעגט נאָכיאָגן נאָך דעם אַנטיק, יאָ...

ש א ו ל

קומט באַלד דערנאָך אַרײַן

מיך אַזוי ברויכן אַרומצויאָגן מיט איר פון איין שטוב אין די אַנדערע, פון איינע אין די אַנדערע...

י ו כ ב ד ל

כאָוועטס אויף קינדער, זײ זאָלן אַרײַנפאַלן צו אַזוינע רשעים אין די הענט. אָפּ.

ש א ו ל

אַ ווייב זאָל זײַן אַזוי ביטער אײַנגעשפּאַרט, — און נישט קאָנען איר איבערעדן ?...

א ײ ד ל

ס׳אי מיר אַ חידוש: אַז נאָך אַזוי פיל רעדן, און דו ביסט נאָך אַלץ נישט אָפּגעשטאַנען ? מיד געוואָרן !...

שאול

נישט אָפּשטײן, װי לאַנג כ'װעל מיך געפינען מיט דיר אונטער אײן דאַך; מײן בלוט מאָנט דיך!...

אײדל

שרײ אָפּ דערױף.

שאול

װיפיל מאָל כ'האָב עס נישט אָפּגעשריגן, און ס'אי נאָך אויף קײן אײן רגע נישט שטיל געבליבן...

אײדל

װעל איך נישט זײן מיט דיר אין אײן שטוב...

שאול

נישט אָפּלאָזן, װאו דו זאָלסט נישט זײן אַװעק, – אַזױ װי ס'האָט מיך צוגעהאַלטן, דו ביסט נישט געװען נאָענט צו מיר... בלויז אַ כלה... און אַזאַ כלה, װאָס האָט צומאָלט נישט אַרױסגערעדט קײן האַלב װאָרט צו מיר...

אײדל

דיר דענסטמאָל געברױכט אַפּירצונעמען: אַז ס'װעט פון דעם קאָרן קײן ברויט נישט זײן...

שאול

טאַקע פאַרשעמט, פאַרשאַפט יסורים, אָבער װי לאַנג דו האָסט נישט געהאַט אָפּגעהאַקט מיט אַלעם, און מיך אײנגעפּאַקט, – האָב איך אַלץ געדולדיק אַראָפּגעשלונגען, און געמײנט: ס'װעט זיך נאָך איבער-דרײען...

אײדל

איך האָב מיך נישט געקאָנט אָפּן אַרױסשטעלן... כ'האָב עס געטון באַ-האַלטענערהײט... און מײן באַנעמען זיך, זאָל דיר דאָס געבן אָנצו-געהערן...

שאול

װי האָט דאָס מיר געקאָנט קומען אויף די געדאַנקען, אַז װאָס כ'האָב

דיר געשיקט מתנות, — זענען זיי ביי דיר געבליבן; מיר זיי נישט צו־ריק אָפּגעשיקט...

א ײ ד ל

כ'האָב מיך אַפילו צו זיי נישט צוגערירט...

ש א ו ל

און ס'איז געקומען צו די חתונה, האָסטו דיך אויכעט נישט אַקעגן אַרויסגעשטעלט .. וואָס האָב איך געזאָלט וויסן?...

א ײ ד ל

כ'האָב, וואָס ד'וואָרעט נישט אין זינען געהאַט גאָר חתונה צו האָבן.. נאָר, ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט און כ'האָב מיר נישט געקאָנט העלפן.. כ'בין געבליבן אין אַ קלעם... נישט אַהין און נישט אַהער... געמוזט גיין צו די חופה... בלויז צו די חופה, נישט מער...

ש א ו ל

איך האָב געזען: דו ביסט אָפּגעשלאָסן, פאַרמאַכט... האָב איך געטראַכט: ביי חתן־כלה שלאָפט אָפּטמאָל דער ווילן... אָבער, ס'מאַכט זיך, אַז מ'ווערט ראַפּטום צוגעבינדן, כאָטש מ'האָט פון זיך ווייניק געהערט, געזען, זיך אויף אַזוי פיל געהאַט דערקענט, אַז ס'זאָל זיך קלעפן, און נישט אויסקוקן משונה; כ'ווייס: ביי אַ סך, וואו ס'האָט זיך אַלץ געוואַקלט, געוואַקלט, נישט געקאָנט דערהאַלטן, געחלשט אונטער די הענט, און נאָר־נאָר געזאָלט אָפּגיין, נישט ווערן דערפון, ביז דער שלימזל האָט זיך אַריינגעלייגט, און ס'איז מיט מזל געוואָרן, — האָט זיך פון זייער דערנענטערן אַ פלאַם אָנגעצונדן, אַ הייליקער פלאַם, וואָס ברענט ס'גאַנצע לעבן ביי מאַן און ווייב...

י ו כ ב ד ל

ווערכע האַלט אין איין אויף־און־צומאַכן די טיר, — שפּאַרט זיך אַריין

אַנדערע מענער ביי אַזוינע ווייבער, נעמען צו אַ שטיק געזונט, — און ער לייגט עס ביי איר אַוועק...

ש א ו ל

פירט איר אַרויס

גיי אַריין, מאַמע; כ'האָב ווייניק איר, און כ'ברויך נאָך דיך אויכעט צו האָבן?

יוכבדל

אָפּגײענדיק

ס'אַ געשוויר, נישט קײן שנור...

שאול

אויפֿסניי

אַז דו זאָלסט דיך מער װעלן צובײגן, מיך דערקענען, — װאָלסטו זיכער אַן אַנדערע געװאָרן; דאָס אָנגעצויגענע װאָלט געפּלאַצט און נאָכגעלאָזט; נישט געװען מער אַזוי שטײף; און ס'פּנים, — אויפֿגעהייטערט, נישט אַזוי פֿאַרפֿרױרן, און מיט אַלעם פֿאַרלױרן...

יוכבדל

שטופּט זיך װידער אַדורך

אַ גלאָז מילך! נאָך אַפֿילו פֿאַר הבדלה, נאַר, — װאָס זאָל מע טון? דער האַלז מוז שוין דיר אוודאי זײן אויסגעטרוקנט װי אַ בײן, פֿון רעדן..

שאול

פֿירט איר אַרױס

זי גיט מיר שוין גענוג מילך צו טרינקען, מאַמע...

יוכבדל

אים דאָך מורא אַלײן מיט איר צו לאָזן, ער זאָל נישט אויסגײן אונטער אירע הענט... אָפּ.

אײדל

מיטאַמאָל

װאָלסט מיך אפשר געװאָלט אַרױסלאָזן?

שאול

גיט זיך אַ צאַפּל

װאָרן, כ'האַלט דיך דען צו, זאָלסט נישט קאָנען אַרױס?

אײדל

לײג דיר איבער..

שאול

כע-כע-כע... וואָלט איך אויכעט פריער באַדאַרפט עסן משוגענע שוואָמען... אַזוי, קאָן איך נאָך אַמאָל צושטיין צו דיר, האָבן אַ טענה... מאָנען... מיט מיינע הענט אויפמאַכן ס׳שטייגל, און ס׳פייגעלע אַרויסלאָזן?...

איידל

וואָס האָסטו, כ׳בין איינגעזעצט?

שאול

וועל איך האָבן...

איידל

מאָרגן ניינע קומט דער קייסער...

שאול

ביטער

ווייניק וואָס איך האָב נישט, זאָל איך נאָך פאַר די גאַלדריקעניש, דיך אַרויסלאָזן, — אַן אַנדערער זאָל ביי דיר האָבן?... אַזוי קיל איך מיך כאָטש מיט דעם איינעם, וואָס כ׳קאָן נישט בלויז דיך דריקן, נאָר נאָך עמעצן אויכעט.

איידל

וואָרן, אַז כ׳וועל מיך צעגיין מיט דיר, מיר עפּעס דערפון אַרויסקומען? און עמעץ, אַן אַנדערער, — וואָס האָבן?

שאול

צוליב וואָס דען ווילסטו דיך אָפּרייסן פון מיר, נישט: ווייל דו קלעבסט אין אַן אַנדערן, און האָסט וועמען ליב?

איידל

און באַלד ווי דו וועסט נאָר מיינע שוואַרצע פּטור ווערן, — וועט מע פאַר דיר נישט אויסשרייבן עפּעס אַ בריליאַנטן מיידל, וואָס וועט שעמעוודיק אַראָפּבייגן ס׳קעפּל; זיך קוויקן מיט דיינע סי געס, אַנטציקן פון יעדן באַריר, און... זיין צו דיר גוט און פרום, ווי די באָבע און די עלטער-באָבע האָט געהייסן...

שאול

כאַ-כאַ-כאַ... נישט פריער געוואוסט: וואו דער הונט ליגט באַגראָבן?... וואַרט... דיך כאַטש אויסמאָרדעווען אַ פּאָר יאָר...

איידל

דיך שוין אַ גליק טרעפן?

שאול

איך ברעך מיר אויס די ציין ביי דיר, און יענעמען אַזוי גרינג אָנ-קומען?

איידל

מער ווי דו האָסט, שוין אויף דיין חלק נישט אויסקומען...

שאול

נעכטן צו דער חופּה און היינט צום גט...

איידל

מ'קריכט פון עפּעס ערגערס אַרויס.

שאול

כע-כע... מ'וועט דאָך מיינען, ווער ווייסט וואָס, כ'האָב ביי דיר געזען...

איידל

די מיילער אין שטאָט קלינגען אַזוי אויך מיט מיר געגנוג הויך, — נישט ווייניקער ווי די גלאָקן אויף די טומאה, אין אַ חגא-טאָג; קאָנסט זען ווי מ'דרייט זיך אין דרויסן הינטער די ווענט, מ'קומט צו לויפן, צוליבן ביסל רעדן, — אויף מיין בייז וואונדער, זען: צי ס'הענגט מיר נישט נאָך קיין ווידל, האָב הערנער אויפן קאָפּ, און בין מיט פליגל פון אַ פלעדערמויז...

שאול

אַז כ'באַשטיי: מיט הערנער, פליגל פון אַ פלעדערמויז, און מיט אַ ווידל...

א יי ד ל

ווי פריער

דו ביסט אַ לייטישער בחור... אַז מ׳וועט מיך קומען פרעגן: וועל איך אויכעט נישט האָבן קיין שלעכט וואָרט וועגן דיר צו זאָגן...

ש א ו ל

רייצט דיך נאָך מיט מיר, אַ?...

א יי ד ל

כ׳מיין עס...

ש א ו ל

אַז דו ווייסט עס אַליין, ברויך איך, — זאָלסט ערשט פאַר מיר גוט זאָגן ביי אַ צווייטע?...

א יי ד ל

און ס׳טוט מיר האַרציק באַנג: וואָס ס׳קומט דיר אויס אַזוי פאַרשוואַרצט צו ווערן... אַ יונגער מענטש מיט אַזוי פיל כוחות, און זיי זאָלן יעדעס מאָל ברויכן, ווען זיי נעמען גיין, — צעשלאָגן ווערן ווי די כוואַליעס אָן אַ פעלז...

ש א ו ל

דו ווייסט כאָטש?

א יי ד ל

וואָס קומט אַרויס, כ׳ווייס? אַז כ׳קאָן זיי ביי דיר נישט צוימען: זיי זאָלן אויפהערן שוימען, און שרייען... מאַכן גוואַלטן...

ש א ו ל

גיט אַ לייג אַרויף די האַנט צו איר

איי, ווען דו זאָלסט נאָר וועלן אַראָפּבייגן, צולייגן ס׳מויל צום פאַרשטאָפּטן קראַן, וואו זיי רינען ביי מיר אויס פון די אברים, און פאַרזוכן איין טראָפּן, איין איינציקן טראָפּן... גיט איר אַ נעם אַרום ס׳וואָלט דאָך דיר מיט איין מאָל ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ...

א יי ד ל

דערצונדן

נעם אַראָפּ די האַנט.

ש א ו ל

ווי פריער

און מיט איין מינוט אויפגעהערט אַרומצופלאַטערן ווי אַן אָפּגעשאָסענער פליגל איבער אַלע ווינטמילן ; געוואָרן אַ לעבעדיק שטיק ליכט אונטער מיינע הענט, אַרויסגעפלאַקערט ווי אַ צעגליטע שטאָלטאַץ צווישן שוואַרצע ביימער ביינאַכט אין וואַלד ..

א יי ד ל

ריר דיך אַוועק, דו ברענסט...

ש א ו ל

גראָבט זיך אַלץ מער איין אין איר

דו האָסט אָנגעצונדן די כוחות מיינע, זיי זאַלן ברענען ; אויף דיר קוקנדיק, — וויגט זיך מיר דער קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעהאַקט, און געהאָנגען פון אַ צווייג אַראָפּ ; ס׳פאַלן ביי מיר אָפּ די הענט, ווי מ׳וואָלט צו זיי צוגעבינדן שטיינער ; ס׳שווערט אַלץ אַראָפּ, אַראָפּ, די קני ברעכן זיך אונטער.. כ׳פאַל אונטער די אייגענע משא, און קאָן איר נישט דערהאַלטן...

א יי ד ל

לאָזט פאַלן איבער אים, וואו זי קאָן נאָר, אירע פויסטן

ווילסט מיך נעמען מיטן שטאָל פון דיינע הענט ?...

ש א ו ל

צווישן די ציין

דו מוזסט מיך לעשן, כ׳זאָל נישט ווערן פאַרברענט...

א יי ד ל

זיך רייסנדיק פון אים

כ׳וועל אַריינלייגן אין דיר, וואָס כ׳פאַרמאָג ; נישט פאַרצאַפּלט ווערן אַ לעבעדיקע אונטער דיין שווערן גוף, וואָס וויל מיך צולייגן... און צודריקן...

די טיר ווערט אויפגעריסן.

יוכבדל

רייסט זיך אריין מיט א געוואַלט

אביגדור! ער קומט זי האָט דאָך שוין באַלד ס'פּאַרבליבענע ביסל חיות אַרויסגעהאַקט...

אביגדורל

וואָס דאָ טוט זיך אָפּ?

יוכבדל

קיין טראָפּן בלוט אין פּנים נישט; קיין שום קאָליר פון אַ לעבעדיקן מענטש; סאַר טויטקייט אויף די באַקן זיינע? און ס'האַרץ זיך צעבריקעט ווי אַ פערד, ביי אים...

אביגדורל

אַזוי ווי מ'האָט אָנגעצונדן אַ ליכט צו די פולע וואָך, — זיך גלייך דאָ ס'גהינום צעפלאַקערט...

יוכבדל

פאַלט אָן אויף אים

וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם, און גייסט זיי נישט מאַכן שוואַרץ שבת?

איידל

וועלכע האָט אויף זיך צורעכט געמאַכט ס'אָנטועכטס, גייט אַרויס

אויף כּוח מיך געוואָלט אָנקריגן...

יוכבדל

נאָך איר

אַ ווייב איז דאָס, — אַ מלאך־המות! קינדער, גייט ברענגט מיר אַ שעפּ וואַסער, — די כּוחות וועלן פונם אַנטגיין...

שאול

קומענדיק צו זיך

זיי זענען פון אייזן ביי מיר...אָפּ.

יוכבדל

פון שטאָל זיי זאָלן זיין, וואָלט פון זיי אויכעט אַ תל געוואָרן... אָפּ נאָך אים.

אביגדור

נעמט אַרויס דעם בשמים-ביקס

זמן הבדלה.

ביידע יינגלעך שטעלן זיך אַרויף אויף בענקלעך, נעמען יעדעס אַ ליכט פון טיש, — אין האַנט אַריין

ס׳ערשטע יינגל

הייבט עס הויך אויף

אַ הויכע כלה!

ס׳צווייטע יינגל

הייבט עס נאָך מער אויף

נאָך אַ העכערע כלה!

אביגדור

הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד...

די יינגלעך

צעלאָזן זיך דערנאָך איבער די ווינטערדיקע שטובן, שרייענדיק

— אַ גוטע וואָך!

— אַ גוטע וואָך!

יוכבד

קומט אַריין צוריק, אַ דערשלאָגענע

מיר איינגעקויפט אַ שנור, גיט זי אים יאָ לעקעך צו עסן...

אביגדור

נעמט גיין איבער די שטוב, פאַרקלעמט

המבדיל בין קודש לחול.

יוכבד

פלאַצט אַרויס

ווי צו מיינע יאָרן, וואָס איך האָב דערלעבט צו זען ביי מיין עלטסט קינד...

אבגדור

דו ווינסט שוין באַצייטנס אויף די פולע וואָך?

יוכבדל

רייסט זי אָף

געוואַלט געשריגן און גערופן: ס'אַר טאַטע ביסטו, אַז דו לאָזט עס אַזוי געשטאַטן? ווי קאָנסטו איינרוען, ווען ער פּרעגלט זיך ביי איר ווי אַ רשע אין גהינום, אויף די אויפגעשטאָכענע שפּיז, און ס'זאָל דיך נישט באַרירן?

אביגדורל

זרענו וכספנו ירבה כחול...

יוכבדל

אַכט וואָכן זי ליגט ווי אַ שטיין, און וויל זיך נישט רירן?

אביגדורל

אויפגעבראַכט

ווּעסט דיך אפשר אַרויסלאָזן שרייען דעריבער אין מיטן גאַס, פאַר אַן עולם מענטשן?

יוכבדל

נישט שרייען, נאָר מאַכן געוואַלטן, אַז מ'זאָל הערן פון דאַנעט ביז קראָקע.

אביגדורל

צדקתך כהר תבור.

יוכבדל

מ'קאָן דאָך, שונא ציון, צעפּלאַצט ווערן...

אביגדורל

המבדיל בין קודש לחול..

יוכבדל

אוודאי, דו האָסט דעם טעם נישט געפילט... די בהמה דיינע איז אַלע־מאָל פאַר דיר געשטאַנען גרייט... אַז איך וואָלט דיר געגעבן ס'אייגענע צו פאַרזוכן, — וואָלסטו דאָך נישט אַרומגעגאַנגען מיט אַזאַ קאַלטע לונג־און־לעבער, נאָר אויכעט געשפּרונגען איבערן טיש מיט די בענקלעך...

אביגדורל

אויסער זיך

זי וועט מיך נאָך מיט אַלעם פון די שטוב פאַרטרייבן...

יוכבדל

ס'איז דאָך גלאַט אַ צער בעלי-חיים אויף אַ לעבעדיקן מענטש!... גוואַלט, ווי לאַנג וועט ער נאָך כוח האָבן דאָס אויסצוהאַלטן, דער זון דיינער?... דריי און צוואָנציק יאָר דאַרויף געוואַרט, און ערשט אַצינד אים נישט צולאָזן, די מרשעת?

אביגדורל

און אַז דו וועסט דאָס נישט אַרויפלייגן מיט די קלאָען אויפן טעלער, — וועל איך נישט וויסן, מיינסטו?

יוכבדל

און וואָס טוסטו, פרעג איך דיך, — אַז דו ווייסט?

אביגדורל

וואָס ווילסטו, זאָל איך טון? אַרויסנעמען דעם קאַנטשיק צו איר? און זי וועט זיך דערשרעקן פאַרן? זאָגט יום פנה כצל תומר..

יוכבדל

געבראָכן

ביז מ'דערלעבט, אוי, טאַטע-פאָטער, דאָס צו פירן צו די חופה... און ביי אַזאַ הרחבה.. אוי, געוואַלט, ס'קומט-צו נאָך אַ קינד אין שטוב אַריין... און וואָס נאָך פאַר אַ קינד?.. שבת און יום-טוב, — אין שול אַריין... אַרום מוצאי שבת אין דרויסן, פאַר די טיר... אוי, געוואַלט! כ'וואָלט דאָך איר באַשיינט און באַקריינט, די אויגן פונם קאָפּ אויסגע-קושט... באַהאַנגען מיט צירונג, מ'זאָל איר דערפון נישט אַרויסזען... אויסגעפוצט סאַליעס, — אַז ביים מלך זענען קיין שענערע נישטאָ...

אביגדורל

זאָגט

יום פנה כצל תומר.

יוכבדל

אויף וואָס האָפּט דען אַ מאַמע ס'גאַנצע לעבן אירס, אוז נעמט פּאַרליב פּאָקן און מאָזלעז, שקאַרלאַטינע מיט מאַנדלען, טיפוס, און וואָס נאָך אַלץ?.. נישט צוליב דעם שטיקעלע פאַרגעניגן: אַז ס'וועט עלטער ווערן, — זאָל מע פון דעם לעקן די פינגער?.. אוי, אוי, אוי, כ'ווייס נישט: מיט וואָס כ'האָב מיך אַזוי שווער פאַרזינדיקט?.. פאַר אָרימעלייט נישט ער-גער געטישט ווי פאַר די בעלי-הבתים אין שטאָט... און אַז ס'זאָל מיר בלויז מקוים ווערן אַ צענטל, וואָס זיי האָבן מיר געוואונטשן: האָב איך דאָך אויכעט געברויכט ברייטער ווי לענגער צו ווערן... אַצינד: שמשים, גבאים, טיקערינס, — זיי האָבן דאָך אויף זיך אַ נייע הויט אַרויפגעצויגן; אַלע פינף יאָר אַזאַ חתונה, — וואָלטן זיי דאָך גבירים געוואָרן, זיך היי-זער געשטעלט...

אביגדורל

אוי, הן אתה תקותי, ולישועתך קויתי ה' היה עוזר לי... פארקוקט זיך אין די גמרא.

יוכבדל

נאָך אַ ווײַלע

כ'בין נעכטן אַוועק אויפן פעלד, און ביי די באָבע זיסעלע, אַ ליכטיקן גן-עדן, ס'קבר צעטראָגן; די באָבע ביילע אַ פולן קאָפּ אָנגעהאַקט: זיי זאָלן זיך לויפן מיען פאַרן אין הימל, — זי זאָל ווייכער ווערן צו אים... נישט אַזוי פיל דערקוטשען... פאַרביטערן ס'לעבן...

אביגדורל

נישט אַרויסנעמענדיק דעם קאָפּ פון די גמרא.

אַ-אַ-אַ — — —

יוכבדל

כ'האָב מיך נאָר אַרומגעקוקט: צי ס'קומט נישט קיינער... און ס'פּנים האָט מיר בשעת מעשה געפלאַמט, אַז מ'האָט דערין געקאָנט אָנצינדן אַ ליכט... ס'אי מיר אַ חרפה געוועזן פאַר די שטיינער: זיי זאָלן דאָס ברויכן הערן... שטיקער פלייש פונם לייב האָב איך מיר אויסגעקניפּן... נאָר, כ'ווייס?... כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד... זיי דאָרטן, אויפן

עולם האמת .. טאַקי גרויסע יידן, טייערע יידן... כ׳בין אוודאי נישט ווערט געווען אין זייערע דלת אמות צו שטיין... נאָר, פאָרט פאַרצייטיקע יידן... תמיד געוואוינט געווען צו הערן, אַז ווייבער זאָלן קומען זיי אַריינוויינען אין די קעפּ : וועגן אַ גוט געזונט, אַ גוטע פרנסה, אַ רפואה שלימה פאַר אַ קראַנקן, און פאַר אַ געווינערין... און זיי זאָלן עפּעס וויסן אין אַזוינע זאַכן ?...

אביגדורל

דו רעדסט שוין ווידער פון די וועג ?

ר׳ עוזר

פאַלט אַריין

גוט וואָך !

יוכבדל

גוט יאָר

ר׳ עוזר

עקיבא מלמד איז מיר אַריינגעפאַלן אין די שטוב מיט אַ ברען, כ׳האָב פּינקט געהאַלטן אין מיטן הבדלה, — כ׳זאָל שוין אַלץ אָוועקשטעלן, און גלייך אַריבערלויפן אַהער... כאַפּט אָפּ דעם אָטעם נו, האָב איך נישט באַדאַרפט מער ווי דאָס צו הערן, און גענומען לויפן, אַז ס׳אי מיר נישט געבליבן מער מיט וואָס צו אָטעמען... די גאַנצע פּאַרע אויף די גאַס אַרויסגעלאָזט... און ווען ס׳הויז איז נישט גראָד אונטער די נאָז, — בלייב איך שטיין, און שוין ! כ׳גיי נישט ווייטער...

יוכבדל

ווען איר זאָלט דאָס צוקוקן, וואָלט איר זיך געבּרויכט צוהאַלטן מיט ביידע הענט ס׳האַרץ, — ס׳זאָל אייך נישט אַרויספאַלן ..

אביגדורל

וואָס שטייט איר ווי אַן אורח ביי די טיר ? זעצט זיך אַנידער.

יוכבדל

איר זענט מיר דען, חלילה, שולדיק אין מיין אומגליק ?

ר׳ עוזר

ס׳אי ניחא, מיינט איר? ס׳אי מיר, אסור, נישט געקראָכן אין די לינקע פּאה... נישט אייער זון, כע-כע... מסתמא דאָך געוואוסט, וואָס ער וויל... נישט דער גאַנצער נאַר דאָך...

אביגדורל

מיטאַמאָל

כ׳האָב געוואָלט: איר זאָלט אַריבערגיין צו די מחותּנים.

ר׳ עוזר

איין מאָל געטומען שדכנות-געלט, און זיך שוין ס׳גאַנצע לעבן נישט קאָנען אויסקויפן פונעם גיין...

יוכבדל

כ׳וואָלט אפילו אַליין געגאַנגען...

אביגדורל

נאָר איר ווייסט דאָך: אַז ביי ווייבער, אָן אַ מחלוקה, הייבט זיך נישט אָן...

ר׳ עוזר

מ׳ברויך זיך באַלד אויסוואַשן ס׳מויל איינע מיט די אַנדערע, צי גאָר אַריינקריכן מיט די הענט, איר זאָלט מיר מוחל זיין, — אין די גאָלע קעפּ, און די שייטלען זאָלן זיך וואַלגערן אויף דרערד..

יוכבדל

אויסער זיך

וואָס ס׳האָט מיך אָנגעקאָסט דאָס פירן אים צו די חופּה, — נעמט זי און מאַכט מיר ערשט צורעכט פאַר דעם געלט אַ טריפהנע חתונה?... כ׳קאָן עס דאָך מיר גאָרנישט שענקען...

אביגדורל

שוין ווידער?

יוכבדל

ס׳אי דאָך מיט נסים: מ׳איז נישט בײדע אַרויס אָן קעפּ; אין גילדע-נעם גוטן: אָן ציין, אָן אויערן, און אָן אויגן...

ר׳ עוזר

וואָס איז געווען דער שכל: ס׳שלאָגן?...

יוכבדל

כ׳בין געגאַנגען אַהין, האָב איך נישט געזען פאַר זיך: נישט קיין גאַס, נישט קיין וועג, און ס׳אי ביי מיר געווען אַלצאיינס, — צי כ׳גיי, צי כ׳פליִ ווער געטראָגן מיטן ווינט...

ר׳ עוזר

מילא: ס׳זאָל אייך גיין אין דעם? כ׳וועל אוודאי אַריבערגיין...

יוכבדל

כ׳ווייס? אַ מאַמע, זי זאָל מיט איר רעדן, — אפשר עפעס אויסרעדן; אין אַ שטיין מ׳רעדט אַריין, רירט ער זיך אויכעט...

ר׳ עוזר

אַ שטיין אַמאָל יאָ, און זי...

יוכבדל

באמת: וואָס האָב איך צו די מוטער?... וואָרן זי קרענקט עס דען נישט אַליין אויס צען מאָל אין טאָג?... כ׳כעס מיך נישט וויניק, און נעם פאַרליב די ביילן מיט די בלאָע שיניקעס אונטער די אויגן, וואָס זי האָט מיר געמאַכט...

ר׳ עוזר

מ׳זעט איר אויכעט נישט ס׳פנים אַרויס...

יוכבדל

אַ טייערע יידענע!

ר׳ עוזר

אַז זי האָט אַזוי גוט געקאָנט צוריקשלאָגן?... כע-כע... וואָס איז דאָ צו רעדן?... די מאַמע קאָן זיין פון גאָלד, און ס׳קינד, כ׳ווייס: פון וואָס?...

יוכבדל

כ׳ווייס פון וואָס, — אויכעט נישט...

ר׳ עוזר

מילא: ס׳אי נישט מער, ווי באַשערט געווען אָפּצוקומען..

יוכבדל

און איר מיינט: כ׳וואָלט צו איר יאָ עפּעס געהאַט, די טריפהנע שנור מיינע? אַז זי זאָל זיך נאָר ווערן רירן, און נישט זיין אַזאַ שטיין?

אביגדורל

אָ־האָ!

יוכבדל

וואָרן, כ׳וואָלט מיר דען נעוואַנטשן אַ בעסערע פאַר איר צו האָבן? אַזאַ שיינקייט, אַז ס׳אי נישטאָ אירס גלייכן; אַ בריה, — איינע; טוט זי עפּעס, ווערט עס ביי איר פאַרברענט אונטער די הענט; אַז זי גייט, ווערן די אויגן אויפגעריסן, קוקנדיק.. און אַז זי שטייט, קאָן מע זיי פון איר נישט אַראָפּנעמען...

ר׳ עוזר

גוטער וויין אין אַ שלעכט פאַס..

יוכבדל

אַזוי ווי כ׳האָב איר דערקענט, זע איך: ס׳קומט תחלת נאַכט, ווערט זי פאַרפאַלן... וואו קאָן זי דאָס האָבן אַזוי געניייטיק אַוועקצוגיין אַלע פאַר־נאַכט, ווען ס׳אַ מורא און אַ פחד אַרויסצושטעלן אַ פוס פאַר די טיר?... בין איך מיך מיישב, כ׳זע: זי גייט אַרויס, פויל איך מיך נישט, און גיי איר, מסתמא, נאָך; זי גייט אַדורך די שול־גאַס. קומט אַרויס אויף די פאָדשעניע, מיידט אויס דעם קאָוואַל, קומט אָן צו די מיל, און דאָ גיט אַ פאַל אַרויס דעם מילנערס שייגעץ, אַ בראָך איז מיר! און זי כאַפּט זיך מיטן אַרום, קאַטשקעלע גדולות! הלוואי, מיין קינד נישט ערגער גע־זאָגט! און גייען ביידע אַריין אין די מיל...

אביגדורל

אוי, לאזנים...

ר׳ עוזר

זיך נישט געווען וואָס צו דערשרעקן גאָר; נאָך פאַר די חתונה געוואוסט, אַז ס׳ליגט אַ שייגעץ אינמיטן...

יוכבדל
אין דרויסן זיי זענען געווען, האָב איך נאָך געקאָנט זען; נאָר וואָס ס'האָט זיך אינעווייניק געטון, זיי זענען אי די מיל אַריין, — ווייסט איין גאָט אין הימל... נו? זאָל מע וויסן: פאַרוואָס ביי לאה גיטעלעס איז שוין יענע וואָך ס'דריטע צופהלע אַוועקגעגאַנגען?

ר' עוזר
אַז ס'איז באַשערט אַן אומגליק, קומט עס אין שטוב אַריין; מ'וועט פאַר-מאַכן די טיר, — וועט עס אַריין דורכן קוימען...

יוכבדל
ס'האָט נישט געברויכט אַריין דורכן קוימען; אַליין ברייט אויפגעמאַכט די טיר דערפאַר, — און מיט כלי-זמרים עס אַריינגעבעטן...

ר' עוזר
אלמאי, יידעלע פרינץ? אַ ייד אַ בן-תורה, — מ'זאָל אויסגיין גאַנץ לי-טע, פוילן און וואָלין, גייט ער אַזוי יענע וואָך אַהיים תחלת נאַכט פון בית-המדרש, און פאַלט, לא עלינו, און פאַר קיין שום ייד געדאַכט, פאַר זיין אייגענע טיר, און צעברעכט אַ פוס...

יוכבדל
אַלע משומדים געזאָגט...

ר' עוזר
יידעלע פרינץ וואוינט שוין אין יענעם הויז, אַ קימא-לן, פון פערציק יאָר, און קיין שום מכשול נישט געהאַט; דאָס מאָל איז אין דרויסן נישט געווען: נישט קיין פראָסט, נישט גליטשיק, קיין לעק שניי, נאָר וואָס ס'ווייב זיינס, האָט אַ קליין ביסעלע צופריער אַרויסגעגאָסן פאַר די טיר אַ שיסל פאָמיעס, און די נעבטיקע קליסקעלעך... מילא, ווען גיסט זי דען דאָס נישט אַרויס, יידעלע פרינצס ווייב, קיין שיסל פאָמיעס מיט קליסקעלעך, אויב זי האָט זיי נאָר צו פאַרקאָכן?... זי וועט זיי באַהאַלטן פאַר די חזירים, וואָס זי פאַשעט? קומט זיך שוין דערפאַר אויסצוגליטשן, און אַ פוס צו צעברעכן?

אביגדורל
ראַטום

כ'האָב אַ דין תורה!

ר׳ עוזר

דערשראָקן

מיט מיר?

אביגדורל

חלילה!

יוכבדל

וואָס האָט מע צו אייך?

אביגדורל

גייט אַריבער, און זאָגט: כ׳וואַרט אויף זיי ביים רב... אָפּ.

ר׳ עוזר

מילא: פון אַלעמאָל געוואוינט צו זיין דער שעיר לעזאזל... אָפּ נאָך אים.

יוכבדל

איך וועל אַזוי דאָ זיצן אין שטוב, און זיך דאָרטן נישט לאָזן הערן?...
אָפּגייענדיק כ׳וועל זיך נאָך ביים רב אויכעט קאָנען אויסטענהן...

אײדל

קומט צוריק פון ד אַנדע־ע שטוב

נאָך היינט וועט דאָס אַ סוף איינעמען..

מאַליע

קומט אַריין

גוט, כ׳האָב דיך געטראָפן... ס׳אי עפעס אין דרויסן אַזוי, דאָס ס׳זאָל מיר געוועזן אויסקומען דיך נישט צו טרעפן, און ברויכן גלייך צוריק־גיין, — וואָלט איך מיך אויפגעגעסן אַ לעבעדיקע...

אײדל

טרויקן

וואָס ביסטו געקומען?

מאַליע

זען: וואָס דו מאַכסט...

א יי ד ל

גענזונט, נאָר דער קאָפּ טוט אַ ביסל וויי...

מ אַ ל י ע

בלויז דער קאָפּ, ברויך מע זיך נאָך נישט אַוועקצוברענגען...

א יי ד ל

כ׳ברענג מיך נישט אַוועק...

מ אַ ל י ע

וואָס ביסטו ווידער אַזוי פאַרקלעמט ?

א יי ד ל

נישט זיין פאַרקלעמט, זאָל איך ?

מ אַ ל י ע

שטאַרק געהאַט עגמת־נפש ?

א יי ד ל

נישט אויפגעהערט נאָך צו האָבן...

מ אַ ל י ע

ס׳קאָן עס ביי דיר קיינער נישט אַוועקנעמען, אַז דו מאַכסט עס דיר אַליין אָן...

א יי ד ל

איך מאַך ? ס׳מאַכט זיך אַליין ..

מ אַ ל י ע

און וואָס לאָזסטו צו ?

א יי ד ל

ס׳איז עפּעס געווענדט אין מיר ?

מ אַ ל י ע

אין וועמען דען ?

א יי ד ל

ס׳קומט דערצו, בין איך נישט ביי זיך; האָב איך דעריבער גאָרנישט צו זאָגן...

מ אַ ל י ע

ס׳שטעקט אין דיר אַן אַנדערער, וואָס דו שטייסט איין ביי אים?

א יי ד ל

כ׳וויל בעסער נישט רעדן...

מ אַ ל י ע

דאָס שווייגן וועט דיר אָבער קיין טובה נישט טון...

א יי ד ל

כ׳וועל אַזוי אַרומגיין און דריקן, ביז כ׳וועל שטילערהייט דערדריקט ווערן...

מ אַ ל י ע

אוודאי, — אַז אַ מענטש גייט אַרום אָנגעלאָדן, און...

א יי ד ל

כ׳קאָן נישט אויסשיסן!...

מ אַ ל י ע

אָ, גרויס קינד וואָס דו ביסט...

א יי ד ל

ס׳מאַכט זיך עגמת-נפש, אפילו ס׳רוב, — האָט מע כאָטש פון איין מאָל ביזן צווייטן מאָל מנוחהדיקע טעג...

מ אַ ל י ע

און דו האָסט גאָר קיין מנוחהדיקע טעג נישט?

א יי ד ל

זינט כ׳האָב דאָ אַ פוס אַריינגעשטעקט!

מ אַ ל י ע

אָ, גרויס קינד וואָס דו ביסט...

א יי ד ל

ס׳שטיקט מיך די לופט, אַלטע לופט, גרעלע — — —

מ אַ ל י ע

דייניק איר אַדורך.. דיין באַוועגלעכקייט ברויך איר פול מאַכן...

א יי ד ל

בית־עולם־לופט, נישט צו אָטעמען, און נישט צו באַלעבן. . נעמט פיבערהאַפט צונויף די זאַכן נאָד׳ר אַ גראָשן דאָ פּאַר אַלעם...

מ אַ ל י ע

נאָר דו פּאַלסט, האַלסט אין איין פאַלן... כ׳זע נישט: זאָלסט דיך אויפ־הייבן. . דעם קאָפּ פאַרייס!... און נישט כסדר: מיט די ציין בייסן... אייביק זיין אויף זיך אַזאַ כעסן..

א יי ד ל

גיט זיך אַ שטעל אַוועק

זיך געבן אַ נעם, אַ צעוואַרף די הענט, אַרויסוואַרפן די ווענט, און אַרויס פון די קלעם..

מ אַ ל י ע

ביטער

איינער וויינט: וואָס די פּערל זענען אַ׳ם שיטער, און דער אַנדערער, — אויף אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער...

א יי ד ל

אַז כ׳וועל מיך נישט אַדורכרייסן, און אַרויס, — האָב איך זייער שטאַרק מורא: ס׳זאָל נישט זיין מיט מיר אויס!

מ אַ ל י ע

וועסטו אויכעט קיין גרויסע חכמה נישט באַווייזן...

א יי ד ל

נישט קיין גרעסערע ווי כ׳האָב שוין באַוויזן...

מאַליע

איז דאָס, וואָס דו האָסט חתונה געהאַט מיט אים, אַזוי גיט ווי וואָלסט דיך אומגעבראַכט? כע־כע... ס'איי דיר נאָך טויזנט מאָל ווײַלער ווי מיר, וואָס כ'האָב אים צוגעלאָזט צו זיך... הלוואי וואָלט איך געהאַט דעם שפּיגל פאַר די אויגן, כ'זאָל מיך קאָנען פרײַער אָנקוקן...

איידל

כ'וועל דיך נישט איבערשפּאָרן...

מאַליע

האָסט אפשר נישט גוט געטון, וואָס ביסט מיטן געגאַנגען אונטער די חופּה, — אָבער באַדויערן וואָס דו ביסט נישט אַוועק?...

איידל

דערווײַל זע איך: דאָס אַזוי ווי ס'איז, האָסטו מיר, מיטן אָפּהאַלטן מיך אין די לעצטע מינוט, — קיין גרויסע טובה נישט געטון...

מאַליע

אוודאי; דו קאָנסט אפילו שוין זען דעם חילוק: בײַ דײַן ברודער, — ווי ער קוקט אויף מיר, און זיך פאַרשטעלן ווי מ'וועט אויף דיר קוקן, — ווען דו וועסט אַזוי אויסזען ווי איך..

איידל

נישט יעדער איינער איז באַלד ווי מײַן ברודער...

מאַליע

דו קאָנסט דיך טרייסטן מיט האַרץ־חלשות, יאָ... כע־כע־כע .. ער איז נישט דער ערשטער, וואָס בלײַבט שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן, דער־שראָקן ביזן צייכן, — און שאַרט זיך אַוועק ווי אַ כ'מיקל...

איידל

איך רעד מיר איין: כ'וועל שטאַרקער זײַן פון דיר, און אַלע פון דײַנס גלײַכן.

מאַליע

אויפשטיין ווי אַ לײַבעלע און לייגן ווי אַ לעמעלע...

איידל

מיט מיר ס׳וועט אַזוי אַרויסקומען, — נישט אַרומגיין בעטלען יענעמס לאַסקע, אונ מיט געוואַלט אַרויסציען אַ שמייכל פון אַ צווייטנס אויגן...

מאַליע

שטייסט אין גרויסן: וואָס דו וועסט דיר קאָנען צו יעדע מינוט דעם טויט מאַכן?

איידל

געוויס...

מאַליע

און קלערסט נאָך צוליב דעם, מיט אים אַוועקצוגיין?

איידל

זיכער. דאָ איז שוין ס׳לעבן מיינס אָפּגעהאַקט; און דאָרטן בליצט נאָך עפּעס אַ שטיקל שטראַל; פאַרוואָס זאָל איך ברויכן שטאַרבן, און האָבן אַ קלער פאַרן טויט, — אַז ס׳האָט מיר נאָך געקאָנט גוט זיין מיט אים?

מאַליע

נעמט אַריין ס׳פּנים אין ביידע הענט

כ׳קוק אויף דיר, און זע דיך נישט מער; און ס׳קומט מיר אָפיר, אַזוי ווי דו וואָלסט נישט געווען קיינמאָל מער.. פאַרזינקט גאָר קיינמאָל נישט געווען מער...

איידל

בייגט זיך אַראָפּ, און פרעסט אויף אַ קוש אויף איר פּנים

אַז דער וועג האָט נישט געטויגט, וועל איך פּרווון דעם צווייטן; און אַז דער צווייטער וועט נישט גוט זיין, — איז דאָ אַ דריטער, אויף וועלכן מ׳גייט אַוועק, — קערט מע זיך שוין מער נישט אום צוריק..אפּ

מאַליע

גיט זיך באַלד דערנאָך אַ כאַפּ אויף, און נעמט לויפן איבער די טירן

וואו איז עמעץ?... קיינער נישטאָ?... די שטובן זענען אַליין?...

שאול

קומט איר אַ דערשראָקענער אַקעגן.

מאַליע

פאַרצווייפלט

גיי איר נאָך! שוין, די מינוט! זי גייט אַקעגן ב'טויט! דעם זיכערן טויט אַקעגן...

פאָרהאַנג

פירטער אקט

ניִשט לאַנג דערנאָך.

בּיי שלומן אין שטוּב.

הינדעלע

אָנגעלעגט אויף די קאַנאַפּע, דעם קאָפּ ארומגעבונדן מיט אַ ווייס טיכל, האַלט די פּיס אויף אַ נידעריק בענקל און קרעכצט

אוי, מיין קאָפּ!

שלום

קומט אריין

הינדל, דו שלאָפסט?

הינדעלע

כ'שלאָף, יאָ; מיר צוגענומען דאָס שטיקל שלאָף פון די אויגן...

שלום

נו? אַצינד זעסטו כאָטש, אַז מ'טאָר זיך נישט אַוועקהרגענען?

הינדעלע

אַ גאָטס שטראָף געווען...

שלום

אַז זי איז געלעגן אויפן טויטן בעט, די נשמה האָט נאָר געזוכט אַ טירל אַרויסצוגיין, — ביסטו אַוועק אין שול אַריין, איינגעריסןביים ארון הקודש, און איר נישט געלאָזט שטאַרבן... נו?...

הינדעלע

אַ גאָטס שטראָף...

שלום

ביי יעדן קינד, וואָס ברויך געבוירן ווערן, ווייסט מע באַלד אויבן: ווי ס'וועט מיט דעם דערגיין ס'גאַנצע לעבן...

הינדעלע

צוּוואָס ווידער גיט מע דאָס אָפּ צו די מוטער, — זי זאָל עס נאָך ברויכן ברענגען אויף די וועלט, און האָבן צער דערפון?

שלום

צוליב בחירה... ווייל צוויי וועגן זענען פאַראַן, און צוויי ברירות ווערן מיטגעגעבן, כאָטש ס'איז אַלץ אָפּגעפּסקנט פון פריער, — ער זאָל זיך אויסקלויבן מיט וועלכן צו גיין...

היגדעלע

פּאַרוואָס ווידער זיי ביי מיר יונגערהייט צוגענומען?... און אפילו נישט צוגעוואַרט, — ביז זיי וועלן זיך אויסקלייבן אייגעם פון דיביידע וועגן?... וואָלטן זיי דען, חלילה, אַלע געווען אָפּגעטרעטן אינם לעבעדיקן גאָט?... וויפיל נפשות, וואָס מ'האָט יאָ איבערגעלאָזט, האָבן דערנאָך, אַז זענען גרויס געוואָרן, — מקדש־השם געווען?... זיך אָפּגעקערט, און פאַרשאַפּט אַ סך פרייד אויבן אין הימל?... נאָר אויף מיר, נעבעך, — איז אויסגעגאָסן געוואָרן אַזאַ צאָרן?...

שלום

און אפשר האָט מען דיר אויבן מיט דעם אַ טובה געטון?.. ביי אַ קינד, אַז ס'שטאַרבט, איז דאָך פּאַרט נישט דער צער אַזוי גרויס ווי ביי אַ דערוואַקסענעם?.. ווייסט דאָך: פון חיה־ניכעס, קיילע פריידעס, מ'האָט ביי זיי, נישט קיין שום ייד געדאַכט, — צוגענומען ניין קינדער און מער, האָבן זיי זיך אַדורכגעדרייט, און געבליבן ווי־ס'איז שטיין אויף די פיס; און גיטל די בעדערין, וואָס האָט אַוועקגעלייגט איין דערוואַקסענעם זון, — לויפט זי אַרום אַ משוגענע אין די גאַסן, ס'האָט איר דעם קאָפּ גערירט...

היגדעלע

עלף קינדער האָבן מיינע געדערים אויסגעשפּיגן, און ביי יעדן קינד געבעטן: אנא השם, כ'בעט דיך, גאָט, וואָס דו טוסט בענטשן מיין טראַכט, — זע: כ'זאָל אויך די זכיה האָבן צו זיין אַ מאַמע דערצו... נו, ביסטו געקומען, יושב בשמים, און מיר געגעבן אַזעלכע ליכטיקע עופהלעך, — כ'זאָל מיך בלויז אָפּפרייען מיט זיי אַ קורצע צייט...

שלום

רייסט איבער

אַ סוף, הינדל!... מהיום והלאה זאָל נישט דערמאָנט ווערן איר נאָמען; ער איז אויסגעמעקט מספר החיים, הערסט? געווען קליינערהייט אַ גאָלדע, אַ ברכה, אַ קיילע, איז נאָך איין נאָמען...

אברהם

קומט אריין

וואָס עפּעס אַזוי פינסטער דאָ?

ה י נ ד ע ל ע

כאַפּט זיך אויף

אברהם, וואו ביסטו געווען?

א ב ר ה ם

הייבט די אַקסלען

וואו בין איך נישט געווען?

ה י נ ד ע ל ע

פון וואַנעט קומסטו?...

א ב ר ה ם

פון שטעט...

ה י נ ד ע ל ע

סתּם שטעט?

א ב ר ה ם

הייזער.

ה י נ ד ע ל ע

ווייסטו כאָטש עפּעס פון איר?

א ב ר ה ם

אַלע וועגן פאַרמאַכט.

ה י נ ד ע ל ע

אַזוי פיל אויסגעפאָרן, אויסגעווען...

א ב ר ה ם

געלייגט ס׳לעבעדיקע אויפן טויטן...

ה י נ ד ע ל ע

כ׳האָב מיך נאָך אַלץ געטרייסט: אַז דו וועסט איר פון ערגעץ אויס-קראַצן, און זי מיר אַהיימברענגען. .

א ב ר ה ם

מוז זיין באַהאַלטן אין אַ קלויסטער, אָדער ערגעץ אַנדערש-וואו... ווער

ווייסט ?... אַזוי פיל קלויסטערס ליגן פאַרשטעקט אין די וועלדער... און אַזוינע הויכע, גראָבע מויערן רינגלען זיי אַרום. אָפּ אין די אַנדערע שטוב.

ה י נ ד ע ל ע

אוי, כ׳וואָלט נאָר געוואוסט: וואו זי איז ?... מאַמע־קרוין, — די גרעבסטע מויערן וואָלטן ביי מיר אונטער די הענט אומגעפאַלן, ווי די דינסטע אייערברעטלעך... אוי, געוואַלט, זי זאָל מיך זען, — פאַלט זי דאָך גלייך אויף מיר אַרויף מיט אַ געוויין, כ׳זאָל איר מיט אַהיימנעמען...

ש ל ו ם

נ אַרביטערט

שוין ? דו הייבסט שוין ווידער אָן ?

ה י נ ד ע ל ע

געבראָכן

ווער ווייסט ? ס׳קאָן זיין: כ׳וואָלט אפשר דעם שדוך נישט געוועזן טון, — נישט געקומען דערצו ?...

ש ל ו ם

פונקט ווי ביי יענעם, וואָס ס׳איז אים עמעץ געשטאָרבן, און ער רעדט זיך איין: אַז מיט דעם וואָס ר׳האָט איינגעגעבן די רפואה, — האָט ער נאָך גיכער דעם טויט צוגעיאָגט...

ר ׳ ע ו ז ר

קומט אריין

אַ גוטן אָוונט.

ש ל ו ם

אַ גוט יאָר.

שטיל.

ה י נ ד ע ל ע

ווידער געקומען שיטן זאַלץ ?

ר ׳ ע ו ז ר

דערשלאָגן

כבודו אַליין געבעטן זיין ביי זיי, ניין ?

ש ל ו ם

נו ?

ר׳ ע ו ז ר

בין איך געוועזן.

ש ל ו ם

נו ?

ר׳ ע ו ז ר

אַ דין-תּורה ביים רבין.

ש ל ו ם

און ביים רב טויג נישט, אַ ?... מ׳ברויך מיך נאָך נעמען ביים רבין אויפן טיש אַרויף ?..

ר׳ ע ו ז ר

כ׳האָב מיך אויך געפרעגט ס׳אייגענע : למה זה אנוכי ?

ש ל ו ם

נו ?

ר׳ ע ו ז ר

מילא, ס׳וואָלט זיך געוואָנדן אין מיר..

ש ל ו ם

פאַרביטערט

כ׳וועל מיך נישט לאָזן פונם ; ער זאָל זיך אפילו אויפן קאָפּ שטעלן, — און מיט דעם צום רבין נישט פאָרן...

ר׳ ע ו ז ר

איר וועט דאָך אָבער פון דעם עקשנות קנאַפּ האָבן...

ש ל ו ם

כ׳וועל מיר אַן עצה געבן מיטן...

ה י נ ד ע ל ע

ער וויל זיך ערשט איינהילן אין דיר ; ס׳געלט איז ווייניק, — נאָר ס׳בלוט דו זאָלסט אים געבן, ער זאָל זיך אָנזעטיקן דערמיט...

שלום

כ׳וויל האָבן צוריק ס׳געלט מיינס, נו ?.. וואָס האָט ער נאָך אַרומצו־טראָגן אויף מיר אַ כּתב, — כ׳קום אים טויזנט קערבלעך ?...

הינדעלע

ער מיינט: ר׳האָט אָנגעקריגן ברוכל לאהס. — אים פּאַר אַ חוב געלאָזט אַרויסשטעלן די זאַכן אויפן מאַרק !... פאַרקויפט די שבתדיקע לייכטער־לעך מיטן טלית און תּפילין !... און דאָס וועט אים אַזוי געשענקט זיין ?... נישקשה: ער האָט נאָך נישט אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין פריידן, אָנ־געכאַפּט גאָט ביי די באָרד...

שלום

שאַ — — — שאַ — — —

הינדעלע

ער זאָל נאָר געפּרוווט ווערן מיט מיין טעם, טאַטע־זיסער...

שלום

ווייסט איבער

כ׳גיי אַריבער, און כ׳וועל אים שיקן רופן פון רב... כ׳וויל זען: אויב ער וועט נישט קומען, כ׳וויל זען... אָפּ.

ר׳ עוזר

מ׳וועט אים בעטן: ער זאָל זיך מטריח זיין אָפּ נאָך אים.

הינדעלע

נעמט אַ פּאַטשיילע

כ׳מוז אַליין אויכעט זיין דערביי; אים העלפן אָננעמען ביים האַלז...

אָפּ נאָך זיי.

אברהם

ק׳מט אַריין צוריק

אונטערגעברענגט אַ הויז; ווי מיט אַ האַק מ׳נעמט און מ׳האַקט אונטער אַ בוים...

מאַליע

קומט אַריין

גוט נ׳אָוונט.

א ב ר ה ם

גוט יאָר.

מ אַ ל י ע

לאַנג אײַך נישט געזען.

א ב ר ה ם

איר פּלעגט דאָ אַרײַנקומען אין שטוב?

מ אַ ל י ע

יאָ...

א ב ר ה ם

האָט איר מיך נישט געקאָנט זען...

מ אַ ל י ע

נישט הי געווען?

א ב ר ה ם

אַ ביסל אַרומגעפאָרן.

מ אַ ל י ע

אין וועלכע ערטער?

א ב ר ה ם

אירע.

מ אַ ל י ע

איידלס?

א ב ר ה ם

אום-הום...

מ אַ ל י ע

נו?

א ב ר ה ם

נו? נו?

מ אַ ל י ע

געקומען אויף אַ שליאַך ?

א ב ר ה ם

בחנם געווען נע־ונד...

מ אַ ל י ע

נו, ס׳אי נאָך פונדעסטוועגן מיט אַלעם נישט פאַרפאַלן...

א ב ר ה ם

הלוואי...

מ אַ ל י ע

אַ קאַפויר קומען, נאָך...

א ב ר ה ם

גאָט דער לעבעדיקער ווייסט...

מ אַ ל י ע

ס׳וועט אַריבער אַ וואָך... און נאָך אַ וואָך... אַ חודש...

א ב ר ה ם

דערווייל אויסציען די קאַפּיטעס...

מ אַ ל י ע

און אפשר נישט געדויערן אַזוי לאַנג ?

א ב ר ה ם

הלוואי...

מ אַ ל י ע

און, ס׳זאָל נאָך אויף די אַנדערע וואָך עפּעס אַרויסקומען... צי גאָר פריער...

א ב ר ה ם

גיט זיך אַ כאַפּ

איר ווילט מיר אויסרעדן, אָדער ווייסט עפּעס ?...

מאַליע

וואָס האָט איר אַזאַ ציטער געטון?

אברהם

איך פּאָר אַרום, שוין אויסגעפּאָרן אַ האַלבע וועלט; געריסן די שטיינער פון די ווענט, — און איר מאַכט אויף אין אַ מיטן אָוונט די טיר, קומט אַריינצוגיין מיט אַ מינע, ווי מ׳וואָלט אייך געברויכט קוקן אין מויל אַריין..

מאַליע

כ׳ווייס גאָרנישט..

אברהם

איר נאַרט מיך נישט?...

מאַליע

כ׳נאַר אייך נישט...

אברהם

ניין: ס׳פּנים אייערס, די אויגן, — זיי רעדן פון איר און ווייסן, זע איך, עפּעס צו זאָגן..

מאַליע

ס׳הייבט זיך נישט אָן...

אברהם

אָ, איר וועט זיך שוין נישט אַרויסדרייען מער... כ׳זע שוין: איר ווילט נישט אַרויסקומען... באַהאַלט אויס... כ׳וועל אייך היינט נישט אַרויס-לאָזן פון די היינטיקע שטוב, ביז איר וועט נישט זאָגן...

מאַליע

כ׳האָב אייך גאָרנישט וואָס צו זאָגן...

אברהם

אוי, ווי איר וועט דערפרייען דאָס הויז! איין גוט וואָרט, — און די גאַנצע מרה-שחורה מיט די האַנט אַראָפּנעמען; די מענטשן דאָ אַ נייע נשמה אַריינזעצן; מחיה-מתים זיין יעדן איינעם...

מ אַ ל י ע

נעמט אַרויס אַ בריוו און גיט אים איבער

דעם גרוס האָב איך פון איר געקריגן...

א ב ר ה ם

גיט אַ כאַפּ, נעמט לייענען, ביז ער קומט הויך אַרויס אויפן קול

כ'בין אַוועק, ווייל כ'האָב נישט געוואָלט האָבן אַ קלער אַ רגע פאַרן טויט, אַז כ'האָב נאָך געקאָנט זיין אויפגעריכט ביי מיין לעבן; און אַז כ'האָב איינגעזען: ס'איז אַרויסגעקומען לויט דיינע רייד, און אָנשטאָט צו ווערן אויפגעריכט, — נאָך מער באַגראָבן געוואָרן, אַזוי האָב איך נישט געקאָנט קומען אַהיים זיך זאַט עסן מיט דיין עלנט, נאָר מיטן אייגענעם זיך אָנפרעסן צום טויט; דיינע זילבערנע האָר, רעמען אונטער די אויגן, פלאַטערן פון שולכל אין קלויסטער, בעטלען אַ שמייכל, — איצט וועט זיך קיינער נישט וואַרפן מיט מיר... זיין וועמען איבעריק אין די אויגן... הפקר פאַר די הינט... לאָזט זיך אַראָפּ אויפן בענקל, און פאַרזינקט.

מ אַ ל י ע

נאָך אַ ווײלע

אברהם... אַ רגע איר זענט דאָך נישט קיין קינד... שטיל נו?...

א ב ר ה ם

זעצט זיך אויף, קוקט געלאָסן אין אירע אויגן

איר האָט געוואוסט: אַז מיין שוועסטער וויל אַוועק?

מ אַ ל י ע

יאָ.

א ב ר ה ם

און גאָרנישט געזאָגט?

מ אַ ל י ע

וואָס האָב איך באַדאַרפט זאָגן? אַוועקגעשטעלט ווי אַ וואַנט, אָבער זי האָט איר אַדורכגעבראָכן...

א ב ר ה ם

נישט געקאָנט זי פאַרהיטן?

מ אַ ל י ע

איר זענט געווען אין די וועג...

א ב ר ה ם

ווייל, איך האָב פאַר אייך דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט ?...

מ אַ ל י ע

ווי דען, נישט ?

א ב ר ה ם

אויב אַזוי, האָט איר זי געלאָזט אומברענגען...

מ אַ ל י ע

איך ?

א ב ר ה ם

וואָרן, איר זענט זיכער געווען : אַז איך האָב שוין אויף אייביק געהאַט אַראָפּגעלאָזט נ׳קאָפּ פאַר אײך ?

מ אַ ל י ע

צעשטרייט

ס׳אי נאָך נישט געווען מיט אַלעם אויסגעשפּילט ?...

א ב ר ה ם

ווי פריער

און איבער די איינע רגע געהאַט איינגעזע : אַז זי וועט זיין די אייגענע, וואָס איר : מיט אַלעם אויסגעשפּילט, — אַז איר זענט עס נאָך אַליין דאַן נישט געווען ?...

מ אַ ל י ע

ס׳אי נאָך ביי אייך עפּעס געווען אַ קלער וועגן מיר ?

א ב ר ה ם

מיט די מינוט האָב איך אויף אייך געזאָלט אַרויפפאַלן, נאָך געבן אַ קוש אין פּיסקל דערפאַר ?... דאָס אַראָפּשלינגען ווי אַ געשמאַק צוקערל, און באַלעקן דערמיט... און נישט אָפּוואַרטן ביז ס׳וועט זיך פאַרגיין, — כ׳זאָל צוריקקריגן אַ האַרץ צו אייך ?..

מ אַ ל י ע

גיט אַ פאַל צו אויף אים

האָב מיך אַצינד ליב !

א ב ר ה ם

צוליב מיין שוועסטער, וואָס האָט זיך פאַלש פאַרקוקט אויף אייך, און זיך אומגעבערענגט, — טאָר איך נישט מער זיין נאָענט צו אייך...

מ אַ ל י ע

כאַ-כאַ-כאַ... ווי כ'האָב מיך נישט געזאָלט דרייען, זיך אַלץ מער פאַר-דרייט... האָב איך אויסגעזאָגט פאַר אים, כ'זאָל איר דערפון אָפּהאַלטן, און דערמיט באַגראָבן... איצט : אַז זי האָט זיך אומגעבערענגט צוליב דעם, וואָס ער האָט מיך אַוועגעשטעלט, — קומט מיר אויפסניי זיך ב'טויט צו מאַכן... כע-כע-כע... נו, קאָנען זיך נישט די געהירן אין קאָפּ איבערדרייען ?...

ש ל ו ם

ס'קול זיינס פון דרויסן

ממון און דמים, וויל ער ביי מיר נעמען... בלויז געלט איז ווייניק, נאָר ס'לעבן זאָל איך אויכעט אַוועקגעבן... *קומט אַריין, קוקט זיך אַרום* הינדל ! וואָס קומט זי נאָך אַריין ?...

א ב ר ה ם

קאַלט

אַ גרוס פון איידלען.

ש ל ו ם

טוט אַ צאַפּל

זי ווייסט עפּעס פון איר ?

ה י נ ד ע ל ע

רבונו של עולם !

א ב ר ה ם

שניידיק

לייען...

ש ל ו ם

נעמט לויפן איבערן פאפיר מיט די אויגן.

ה י נ ד ע ל ע

רייסט מאליען

דו האסט איר ערגעץ געזען ?.. וואו איז זי ?... מאליעשי קרוין, — כ׳וועל זי דאך צוריק אריינעמען ווי אן אייגן קינד... נאך בעטן: מ׳זאל איר נישט רעכענען פאר מיין צער...

ש ל ו ם

גיט זיך א כאפ

אוי... לאזט זיך אראפ אויף די קאנאפע, טוט א כליפע.

ה י נ ד ע ל ע

א בראך איז מיר! וואס האט ער דארט אזעלכעס געזען?

ש ל ו ם

געבראכן

נישטא מער...

ה י נ ד ע ל ע

ברעכט צוזאמען

מיין כשרע טויב!

ש ל ו ם

שטייט אויף

צדוק הדין! גאטס משפט איז אמת וצדק...

א ב ר ה ם

פארביטערט

חרטה געהאט, און נישט געקאנט לעבן מער.. קערט איבער א בענקל, זעצט זיך דערויף אויעק.

מ א ל י ע

מ׳טאר אייך נישט זאגן קיין גוטע נאכט, ווייל איר האט זיך שבעה געזעצט, — און איך זאג אייך טאקע נישט... אפ.

ש ל ו ם

זיך אָפּשעפּנדיק אויף אַ קליין בענקעלע

אַזוי... אַזוי... מ׳ברויך זיך נישט אָפּזעגענען, אַז ס׳שטאַרבט קליי-
נערהייט אַ קינד, ווייל מ׳ווייסט קיינמאָל נישט ווי מ׳וועט אויסנעמען
דערמיט...

ה י נ ד ע ל ע

אַזאַ פינסטערער צאָרן! אַזאַ ביטערע גזירה!

ס׳הערט זיך אַ קול פון דרויסן, הינדעלע עפנט די טיר.

א ב ר ה ם

גייט גלייך אויף מאַכן, און זעט מאַליען ליגן אָנגעבויגן צו דער ערד

וואָס איז אייך ווידער צוגעקומען נעמט איר אַריין און לייגט זי אַוועק אויף דער
קאַנאַפּע. וואָס האָט איר געטון?

מ אַ ל י ע

שטיקנדיק

ס׳אייגענע וואָס אייער שוועסטער...

א ב ר ה ם

קערט זיך אָפּ

אויך זי האָט חרטה געהאַט, און נישט געקאָנט בלייבן לעבן מער; די
אַלע, וואָס האָבן חרטה, מוזן, אַפּנים, — שטאַרבן...

פ אָ ר ה אַ נ ג